STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04395

IN DORF

David Kassel

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דוד קאסעל.

אין דארף.

פערלאג

א. גיטלינ׳ס פאלקסביבליאטעק.

ווארשוי.

תרע״ב.

1912.

אידישע פאלקס ביבליאטעק
—און—
פאלקס אוניווערזיטעט

Druk. „Modern“ Warszawa Królewska 47.

אינהאַלט:

I	אין דאָרף	5—149
II	אומעט	153—174
III	דברה'לע	177—186

אין דארף.

656

אין דאָרף.

I.

די רעדער פון צוג האָבען געקלאפּט אײַנטעניג און הארט, פארבײַ די פענסטער פלעגט אָפּטמאָל דורכפליהען א פײַערל אויף צוריק, אויך מיט אזא אײַלעניש, ווי דער צוג, אין וואגאָן איז געווען אײַנג, דונקעל און דושנע, און ליסער, קוקענדיג אויף עפּעס אנ׳אָנגעפּעלצטע יודענע, וואָס איז געזעסען אנטקעגען איהם און האָט אויסגעזעהן ווי א פּעקיל מיט א נאָז, האָט געטראַכט וועגען די זעכצעהן וויאָרסט און דעם פעטער׳ס שען בריַיט הויז, וואָס שטעהט אנ׳עק דאָרף.

זעכצעהן לאַנגע, מיט שנײַ בעדעקטע וויאָרסטען. ערגיץ בײַ דער אַכטער וויאָרסט איז דאָ א לויפיג טײַכעל און איבער איהם א פּאַראָם. זומער האָט דאָס וואסער העזה און לויפט אָן אויף איהם, און דעריבער האָבען די קלײַנע פויערשע פערדליך מורא אַרויפצושטעלען אַ פוס דערויף. איצט מוז דאָס טײַכעל זײַן אײַנגעפראָהרען און שטיל, און ר׳ שמאיע, דער בעל-הבית פון פּאַראָם, וואָס וואוינט דערבײַ אויפ׳ן בערגעל אין אַ קלײַן שטיבעל, מוז געהן אין אַ פּעלצעל, ווי אַ פויער, אַרײַנגערוקט א האַנד אין א האַנד, און די לאַנגע פּאות׳ן זײַנען, וואָס מאַכען יודישליך זײַן פויערשע קלײַדונג, שאָקלען זיך אום איבערן פּנים פון ווינטערדיגען פעלד-ווינד.

דערנאָך געהט דאָס שמאָלע און לאַנגע דאָרף דאַלנאָוואָ.

אַלטע קלײנע הײזליך, ענהליכע אײנע אין די אַנדערע, מיט קלײנע, קײנמאָל נישט קײן געוואַשענע פענסטערליך, אַלע פון אײן מאָס, אײן מראה און אײן עלטער, פונקט ווי אײן האַנד וואָלט זײ אין אײן שעה געבויט. בײם סוף דאָרף, נישט ווײט פון עפעס אַנ-אײנגעפאַלענעם ברונעם, שטעהט אַנ'אַלטער הויכער בעריאָזע-בוים, מיט אַראָבגעלאָזטע דינע ריטלעך, און זײנע וואָרצלען, נישט קײן בעדעקטע מיט ערד, קריכען אום עקשנות'דיג איבער'ן וועג, און זײ מאַכען דעם אײנדרוק, ווי זײ וואָלטען עפעס געזוכט אַרום זיך. אַז מען שטעהט נעבען בוים און מען קוקט לינקס, זעהט מען די האָהריגע וואַנד פון נאָהענטען וואַלד, און ווײטער, אַרויף, אַ ביסעל אין אַ זײט, אויף אַ בערגעל, זומער אײנגעטונקט אין גרינם און ווינטער נאַקעט, אינגאַנצען אָפען — שטעהט דעם גראַף זשאַזשוויצקי'ס שלאָס, מיט ווײסע שווערע זײלען, מיט הויכע בעשאָטענטע און אַרײנגערוקטע פענסטער און מיט אַ לאַנגער, אַמאָל, קענטיג, קאָקעטישער טעראַסע, אויף וועלכער עס פינקעלט אָפטמאָל פאַרבײ דעם גראַף'ס הויכע, בײגיגע און מאַסיווע פיגור.

די רעדער האָבען מיט אַמאָל איבערגעביטען דעם פריהערדיגען קלאַנג. איצט האָבען זײ געקלאַפּט הײזעריג און טעמפּ, פונקט ווי זײ וואָלטען זיך אַרײנגעקײקעלט אין אַנ'אײנגען אָרט, וואו זײ מוזען זיך דורכשפּאַרען. צו די שוואַרצע וואַגאָן-פענסטערליך זענען פון דרויסען צוגעשוואומען געלע, נאַאיווע און אײנזאַמע פײַערליך, וואָס האָבען זיך שטיל אַ נויג געטהאָן און אײנזאַם פערשוואונדען געוואָרען. עס האָט אַ פײַף געגעבען דער לאָקאָמאָטיוו, דער צוג האָט זיך אַ וויעג געטהאָן אויף צוריק און איז פּלוצלונג שטעהן געבליבען, שטיל און אונערוואַרטעט. אַ קאָנדוקטאָר האָט הילכיג אויסגערופען דעם נאָמען פון דער סטאַנציע, און ליסער, וואָס האָט גאָר פערגעסען, וואוהין ער בעדאַרף פאָהרען, האָט זיך געשווינד אויפגעשטעלט.

אַראָבשפּרינגענדיג פון די טרעפּליך מיט אַ קלײן פּעקעלע אין האַנד און אַזוי ווי האָבענדיג בדעה ווײט צו לויפען, האָט ליסער'ן מיט אַמאָל פערשטעלט דעם וועג דער קלײנער רויטער הילצערנער

וואקזאל, א בעצוינגענער מיט טעלעגראפען־דראטהען און א בעלויכטענער מיט געלע קליינע פייערליך. דאס איז געווען א קליינע פערוואָרפענע סטאנציע. און בעת ליסער האט זיך אָבגעשטעלט און געוואָרפען א קוק אויפן צוג, איז ער איהם איצט אויסגעקומען העכער, ברייטער און בעדייטענדער. די פענסטערליך פון די וואגאָנעס האָבען געלויכטען פרעהליך און יום־טוב׳דיג, און אונגערן האט גענומען באנג טהאָן און ציהען צו דער קופע מענשען, וואָס איז דאָרט איבערגעלאָזט געוואָרען, צו דער יודענע, וואָס איז עהנליך אָן א פעקיל מיט א נאָז, און צו די גלייכגילטיג־רויטע פנים׳ער פון די קאָנדוקטאָרען.

אויף דער וואקזאל־פלאטפאָרם איז געווען כמעט פוסט. עטליכע יודען, וואָס זענען אין שאָטען אויסגעקומען עהנליך איינער אָן צווייטען, האָבען געצויגען מיט די העלזער און געזוכט עפּעס אין די ליכטיגע וואגאָן־פענסטערליך, הינטער זיי האט געאיילט א בחור מיט א בייטש אין האנד, נעבען גלאָק איז געשטאנען דער וואקזאל־סטרוזש, א גלייכער, אנ׳אויסגעצויגענער, ווי א פערגליווערטער, האלטענדיג די גלאָק־שנור, און פון ווייטען, נעבען א פאָנאר, האט זיך געזעהן א שווארצע פיגור פון א פּוילישען יוד, אָנגעטהאָן אין א לאנגען מאנטעל, מיט א קליין היטעלע אויפן קאָפּ און מיט א ברייטער שווארצער באָרד.

— אָהאָ! געטראָפען, ווי איך בין א יוד! — האט דער בחור מיט דער בייטש א ציה געטהאָן ליסער׳ן פאר׳ן מאנטעל און א שמייכעל טהועגדיג איהם געזונד און פריש אין פנים אריין — איהר דארפט פאָהרען? טאָ קומט!

דער ציה פאר׳ן מאנטעל און דער אויסגעשריי זענען געווען פלוצלונג און צו־פשוט, און ליסער האט זיך שטעף און געוואָרפען א בויג געטהאָן אויף צוריק. נאָר דאס געזונדע ווייסציינהערדיגע שמייכלען האט עס באלד פערגלעט, און ליסער האט שוין, אויך שמייכלענדיג, געפרעגט:

— פון וואנען ווייסט איהר, וואוהין איך דארף פאָהרען?

— סטייטש, פון וואנען ווייס איך? מיט מיר דארף מען קיין סך נישט טענה׳ן. אויף איין פוס זאָג איך אייך: איהר פאָהרט

קיין זשילין צו איער פעטער קלמן. אַהאַ! געטראָפען? און געהט זעצט זיך! אַ פערד — אַן׳אָדלער האָב איך!

און שמייכלענדיג, האָט ער וואויל־יונגעריש בעוועגט מיט די אַקסלען, צוגעקלאַפּט מיט׳ן פוס און פערזשמורעט אַן׳אויג. בעת זיינע קולות און בעוועגונגען האָט דער צוג זיך אַזוי ווי אַרויסגע׳גנב׳עט. מען האָט נישט געהערט ווי ער האָט געפייפט, ווי עס האָט געקלונגען די גלאָק. איצט איז ער שוין אָבגעלאָפען אַ שטרעקע, פון וויטען האָט זיך געהערט זיין שווער אָטעמען, ווי אַ בייזע חיה וואָלט דאָרט אויף עמעצען אָנגעפאַלען, און עס האָט זיך אַרויסגעזעהן אַ רויט אויג, וואָס האָט זיך מאָדנע געוויגט און איז ווייל־ווייז קלענער געוואָרען.

אינוועניג, אינ׳ם קליינעם וואָקזאַל איז געוועזען האַלב דונקעל, און עס האָט געשמעקט מיט אַלטען קרויט, מיט פּויער און מיט ליולקע. עמיצער האָט געשלאָפען זיצענדיג, דעם קאָפּ אַראָבגעבויגט אויפ׳ן ברוסט, דער סטרוזש האָט מיט אַ בעזים געקערט די אַספאַלט־פּאָדלאָגע, און דער פּולישער יוד, וואָס איז פריהער געשטאַנען אויף דער פּלאַטפאָרמע, איז געגאַנגען אויף און אָב, מיט פערלעגטע הענד אויף הינטען, און די פּאָלעס פון זיין לאַנגען מאַנטעל האָבען געפּאַטשט איבער די חאָליעוועס פון זיינע שטיוועל.

ליסער האָט בעטראַכט די גרויע ווענד, דאָס שמי־לע לעבעל פון דער קאַסע דאָרט אין ווינקעל, מיט דער אַלטמאָדישער אויפשריפט פון אויבען. אַפנים, אַז אַלץ איז דאָ געבליבען ווי פריהער. דאָס לעצטע מאָל איז ער דאָ געוועזען מיט פינף יאָהר צוריק. און איהם געדענקען זיך פריהעליכע מאָמענטען, וואָס דאָס דאָזיגע וואָקזאַלעכיל האָט געגעבען. איינמאָל האָט ער אָבגעפיהרט אַ וואָגען מיידליך פון זשילין צום באַהן. מיט איינינע פון זיי האָט ער געראָמאַנסירט אָדער זיך פריהליך געמאַכט, און אַז זיי האָבען גראָד בעדאַרפט אַלע אין גובערניע אַריין, האָט ער זיך אַרויסגערופען זיי אָבצופיהרען אויף דעם פעטער׳ס פערד. זיצענדיג אויפ׳ן וואָגען האָבען זיי אַזוי געטומעלט, אַז זיי האָבען געמאַכט אַן׳איינדרוק פון גענז, וואָס זענען צונויפגעזעצט צוזאַמען.

און פארבייגעהענדיגע פויערים האבען געלאכט, און ביים קאסע, אז זיי האבען בעדארפט נעהמען בילעטען, איז געווען אזוי גרויס דאס געדרודער און קוויטשעריי, אז דער בילעטען-געבער, וואס איז געווען געוועהנט צו איינציגע שטילע פאהרער, האט זיך פערלאהרען און האט איינער, א מיידעל, אריינגעשפארט א בילעט עפעס אין זעהר א ווייטער רוסישער שטאדט. און יעצט, אז ער האט געקוקט אויף דאס קאסע-לעכעל, וואס איז געווען פערשטעלט מיט א ברעטעל, האט זיך איהם געדאכט, אז אט, אקארשט זענען שטיל געווארען די פרעהליכע געשרייען און דאס לאכען פון יענע פרעהליכע דארפישע מיידליך.

— נו, וואס האט איהר זיך פערטראכט? מען דארף פאהרען, יונגערמאן, — האט איהם אונטערגעאיילט דער פוהרמאן, עפענענדיג די סקריפענדיגע און שווערע איינגעפראהרענע טהיר.

אויף יענער זייט וואקזאל איז געווען א העלער הימעל און קלארע שטערען. פון די ברייטע, ווייסע און שטומע פעלדער האט געצויגען א שטעכעדיגער פראסט, וואס האט זיך, ווי מיט אנגעברענטע שפיזלעך, געטוליעט צו די באקען, עס האט געסקריפעט אונטער די פיס, אויף א רגע פלעגט ארומכאפען די אויגען א פארע, און דאס אלץ האט מאדנע דערמאהנט אן הונגעריגע בלאנזשענדע וועלף און אן טיעפע רוסישע וועלדער.

עטליכע פוהרליך מיט אנדרעמעלטע פערד זענען געשטאנען נעבען די וואקזאל-טרעפליך. ליסער האט זיך אריינגעזעצט אין א פראסטען, נאר גוט צוגעפאסטען שליטען. דער אנטרייבער האט איהם אנגעטהאן אין זיינעם א פעלץ, פון וועלכען עס האט געשמעקט היי, פערד און בראנפען, און האט א שמיץ געטהון דאס פערד. פון ערגעץ האט זיך פלוצלונג גענומען א פריץ, אין א גרויסען פוטער מיט א ברייטען קאלנער, וואס איז געזעסען אין א שענעם שליטעל מיט צוויי פערד און מיט א גלעקעל, און זיין קוטשער האט לייכט און געשיקט איבערגעיאגט דעם וועג. פרעהליך און לאכענדיג האט פערקלונגען דאס גלעקעל. זיי זענען באלד פערשוואונדען.

און ווידער איז די ערד געלאפען אויף צוריק, א שטומע און

אַ ווײַסע, און קוקענדיג אויף איהר, האָט זיך געדאַכט, אַז זי װאָלט װעלען אַנטרונען װערען פון אונטערן שליטען און נישט זײַן אַנגעריהרט פון איהם. אין אויג האָט זיך אָהן אויפהער געגאָסען די קאַלטע שטומע װײַסקײַט פון די פעלדער און דאָס װינקענדע ליכט פון די שטערען. נאָר אָט, נישט װײַט, שװימט אַרױס אַ שװאַרצער מענש אויפ׳ן מיטען שניי, װאָס האַלט פונאַנדערגעשפרײַט די הענד. עס װערט אַ װײַלע קשה׳דיג זײַן שטעהן אין אױפּראַסט און אין האַרצען פאַלט אַ חשד. דער מענש דערנעהנטערט זיך צום שליטען אַזױ װי אָהן פיס, און פלוצלונג װערט פון איהם אַ חיה — און דערנאָך אַ נאַקעטער שװאַרצער קוסט.

די װײַסע פעלדער קײַקלען זיך דאָ טהאָליג און דאָ בערגיג, און דאָ שװימט אָן פון אַ זײַט אַ שװאַרצע װאַנד און װיעגט זיך. װערט נעהנטער און דרעהט זיך און בוקט זיך, און באַלד דערזעהען זיך שפיצען בוימער און עס װערט קלאָר, אַז דאָס איז דער װאַלד.

ליסער האָט אַראָבגעלאָזט דעם קאָפּ אין די ברײטע װאַריַמע קלאַפּען פון פעלץ און האָט צוגעמאַכט די אױגען. דעמאָלט האָט דאָס פערד געשטופּט צוריק דעם שליטעל, און עס האָט זיך געדאַכט, אַז עס פאָהרט זיך לײַכטער. דער אײַנגענער אָטעם האָט געװאַרעמט די אײַנגעפראָהרענע באַקען, און עס האָט זיך געװאָלט אױסװעבען דאָס געפיהל פון צוג־קלאַפּערײַ, װאָס האָט אין אָנהױב בשום אופן נישט געקאָנט זיך צוגעװעהנען צום שליטעל.

פאַר זײַנע צוגעמאַכטע אױגען האָבען זיך באַלד גענומען איבער׳חזר׳ן די בילדער, װאָס ער האָט געזעהן אױף דעם גרױסען, ליכטיגען, גרױסשטאָדטישען װאָקזאַל. עפּעס אַ הױכע דאַמע אין שװאַרצען האָט מיט קלײנע װײַסע הענדטליך, באַלױכטענע פון די עלעקטרישע פײַערן, צוגעשפּילעט אַ קינד דעם מאַנטעל; בײַ אַ מאָגערן יודעל, אַ האָהריגען, איז אַרױס אַ ספסוק מיט אַ קאַלטען ברײטבײנערדיגען זשאַנדאַרם, און דעם יודענס שפּיציג בערדעל האָט זיך אונבעהאָלפען געטרײסעלט. צװײ יונגע מײדליך האָבען איהם געפרעגט, צי קען ער זײ עפּעס אַ טובה טהאָן מיט זײַן בילעט, װאָס עס איז איהם געװען שװער צו פערשטעהן, און

אין צוג האָט ער איבערגעלאָזען אויף א צייט זיין אָרט א מיידעל, וואָס האָט, אָנשטאָט צו בעדאַנקען איהם. עטליכע מאָל האַסטיג און קורצזיכטיג זיך איינגעקוקט אין איהם, בעת די בילדער האָבען זיך געביטען, האָט זיך אויפגעהערט צו דאכטען, אַז דאָס שליטעל געהט צוריק, עס האָט זיך געפיהלט, אַז דאָס פערד ציהט עס געשווינד און ענערגיש פאָראויס, בלאָזענדיג אָפטער מיט די נאָזלעכער.

און באלד האָבען זיך אויסגענומען אַלע בילדער, ווי עמיצער וואָלט צוגעמאַכט א טהיר פון א ליכטיגען צימער, און א וויכער דרימעל, ווי א דורכזיכטיגער, האָט זיך גע'גנב'עט אין די נערווען. אינ'ם דרימעל האָט זיך געהערט דאָס קלאַפּען פון דעם פערד'ס פיס איבער דעם געפּראָהרענעם וועג און דעם אָנטרייבערס אָטעם. און דאָס איז געווען אַלץ איינס און ס'האָט נישט געשטערט. מען האָט געקענט אַזוי פאָהרען און פאָהרען, וועג-איין, וועג-אויס, אָהן געדאַנקען, אָהן פערלאַנגען, צונויפגעגאָסען מיט דער ווינטער-נאַכט, ווי אין א וואונדער-מעשה'לע.

נאָר דעם דרימעל האָט זיך פערוואָלט חוזק'ן און ער איז מיט אמאָל אַנטלאָפען געוואָרען. די נערווען זענען באלד וואך געוואָרען, און עס איז געווען אַזא געפיהל, פונקט ווי זיי וואָלטען די גאַנצע צייט וואך געווען. איז ווידער געקומען די דאַמע אין שוואַרצען, מיט די ווייסע הענדטליך, דער מאָגערער יוד מיט דעם שפּיציג בערדעל, דאָס מיידעל, וואָס האָט זיין אָרט פערנומען אין וואַגאָן. און אַז ער האָט געעפענט די אויגען האָט זיך ווייס, ווייט און ברייט געזעהן די נאַכט, אַן אונענדליכער הימעל מיט ווינקענדע שטערען און ווייסע מעהליגע פעלדער. און זיי אַלע האָבען דערמאָהנט אָן די רייזע-שילדערונגען פון ים-הקרח, וואו אַלץ איז פערגליווערט און שטום, און עס האָבען נאָר געפעלט ווייסע בערען, קורצע, ווילדע, אין פעל-אַנגעטהאָענע מענשען, מיט לאַנגע שפּיזען אין די הענד. עס איז נישט געווען קיין איין שוואַרץ פּינטעלע אויף די פעלדער-ווייסקייטען און קיין איין פלעק אויף דעם ריינעם הימעל.

— פּאַניע! — האָט זיך אָבגעקעהרט דער אָנטרייבער,

חאלטענדיג אין גרויסע ווארימע הענטשיקעס די לייצען, — גיי א פאפיראס, אויב אייך איז נישט שווער. באלד איז שוין דאלנאווא.

— ווי אזוי? מיר זענען נאך דעם פאראס נישט איבערגעפאהרען, — האט זיך ליסער געוואונדערט.

— אקארשט איבערגעפאהרען. איהר האט געשלאפען... — האט דער אנטרייבער קאלט געזאגט, פונקט ווי ליסער וואלט בעגאנגען א חטא.

— האב איך טאקע געשלאפען? — האט ער געפרעגט דעם בחור און נישט געגלויבט.

— אודאי, — האט יענער זיכער ארויסגעברומט, פערדרויסענדיג.

פון וויטען האבען זיך מיט אמאל בעוויזען שווארצע פלעקען. אז מען איז צוגעפאהרען נעהענטער, האט אויסגעדאכט, אז א קאמפאניע גרויסע אנגעפעלצטע מענשען שטעהען און שושקען זיך. נאר באלד האבען זיי זיך פאמעליך אבגערוקט איינע פון די אנדערע, פונקט ווי זיי וואלטען זיך דערשראקען פאר'ן שליטעל, און עס האבען זיך ארויסגעזעהן הייזליך, אנגעטהאן אין ווייסע יארמאלקעס.

אין דער לאנגער גאס פון דארף איז געווען שטיל און אין די פענסטער—שווארץ. די הייזליך האבען זיך געטרונקען ביז א העלפט אין שניי, פון איינינע דעכער האבען ארויסגעשטעקט שטרויעליך, וואס האבען געציטערט פון ווינד, און די לאנגע שטעקענס פון די אפטע ברונימער האבען פער'עקש'ענט און טעמפ נעקוקט אין ווינטערדיגען הימעל אריין. א וויסטעניש איז געלעגען אויף די פערשנייטע קליינע הויפליך, און עס האט זיך געדאכט, אז אלץ איז דא שוין לאנג געשטארבען און אפילו די נאכט איז דא אהן גלאנץ און ארים.

גאר אט האט זיך געענדיגט דאס דארף. דער בעריאזעבוים איז געשטאנען דערזעלבער, די צווייגען אראבגעהאנגענע, דינע, אהן בלעטער, און געמאכט האט ער דעם איינדרוק, ווי ער וואלט קוקען אראב, כדי צו געפינען א בעקוועמען ארט

אונטערצוזעצען זיך. פאר די אויגען האט ווידער א שײַן געטהאָן די העלע שטערענדיגע ווינטער־נאַכט, מיט די ווײַסע טהאָליגע און בערגיגע פעלדער, וואָס זײַנען שווײַגענדיג געלאָפען פון האָריזאָנט צום שליטעל.

איצט איז ליסער געוועזען מיד, און ער האט אויף זיבער געוואוסט, אַז ער וועט אײַנשלאָפען. ער האט טיעפער אַרײַנגערוקט די הענד אין די אַרבעל, דעם קאָפּ נידעריגער אײַנגעצויגען אין די אַקסלען, און, צומאַכענדיג די אויגען, האט ער מיט עפּעס אַ הנאה געגלעט די פינגער אָן די פינגער. די מידקײַט האט אַרײַנגעלאָזען אין קאָפּ אָבגעריסענע געדאַנקען, וואָס זענען געשפּרונגען אײַנע איבער די אַנדערע, ווי פליגלעך, זומער, אויף אַ קוסט. אָבגעשטעלט זיך — און אַוועק. צונעפלויגען — און נישטאָ. און עס זענען געוועזען אַלערליי, אַי ערנסטע, אַי נישט ווילכטיגע, און זיי אַלע האָבען נישט אָנגעריהרט די נשמה, נישט מיט אַ וועה און נישט מיט פרײַד.

— דו ביזט אַלט דרײַסיג יאָהר, — איז דורכגעלאָפען אַ געדאַנק — דרײַסיג יאָהר, האָסט נישט קײַן בעשטימטעס אין לעבען. נאָר דו האָסט זיך ליעב. און דו ביזט אַ קלוגער.

— אויף דער לינקער מאַנזשעט איז בײַ דיר דאָ אַ פלעק פון טינט. — איז דורך אַנ'אַנדער געדאַנק.

— דעם פּעטערס ווײַב איז אַ הויכע. שוין פינף יאָהר נישט געזעהן זי.

— דאָס פערדיל סאָפּעט. עס מוז אודאי וועלען עסען.

— שאָפּען האט געליעבט זשאָרז זאַנד'ן. דו ביזט אײַגענטליך אַ נאַר. נאָך וואָס פאָהרסטו?

און לאַנג האָבען זיך אַזוי געדרעהט די געדאַנקען אין קאָפּ, און עס איז פון זיי געוועזען נישט אונאַנגענעהם. דער אָנטרײַבער האט אַרויסבעוויזען אונגעדולדיגקײַט, ער האט עפּטערער געשמיסען דאָס פערדעל און בעס'דיג געצויגען די לײַצען.

מען איז אַרײַנגעפאָהרען אין אַ וואַלד. מיט אַמאָל האט אַ חאַפּ געטהאָן אַנ'אײַנגעשטאַנענע קעלט מיט אַנ'אָנגעלאָרענער שטילקײַט. שוואַרצע פלעקען מיט ווײַסע זענען געמישט צוזאַמען, און

נעבען יעדען בוים, וואס איז געווען אנגעטהאן אין שניי, האט זיך געדאכט, אז עס שטעהט אנ׳אונבעוועגליכער מענש. דאס שליטעל איז דא נישט געפאהרען גלאט, אפטער האט עס זיך אן עפעס אנגעשלאגען, און ליסער׳ן איז אויסגעקומען צוצופאלען מיט׳ן פנים צום אנטרייבערס פלייצע. נאר אויפ׳ן הארצען איז אלץ געווען רוהיג און אנגענעהם און גרינג, און ער האט געגלעט א האנד אן האנד, ווי ביי איהם אין ארבעל וואלט געלעגען א האנד פון א געליעבט מיידעל.

דורך די בוימער האבען זיך ארויסגעזעהן צעווארפענע שטערען, און די ערשטע שורה בוימער, פון ווייטען, האט זיך געדרעהט, ווי זי וואלט וועלען פערשטעלען דעם וועג. אפטמאל פלעגט פון א צווייג אראבפאלען א שטיקעל שניי אויפ׳ן באק, פון ערגעץ פלעגט זיך דערטראגען א טרוקענער שארך, דאס פערדעל האט געצויגען מיט די מארנע שטעהענדיגע אויערן און איז זיך געלאפען זיין וועג.

דערנאך איז דאס פערדעל געלאפען בארג אראב, אזוי ווי אין א תהום אריין. דארטען האט עס זיך צוגעשטעלט, אנגעטהאן א שווארצען פראק מיט מאנזשעטען און מיט א צילינדער, און, ארויסגעהמענדיג א קאם פון טאש, האט זיך עס פערקאמט די האהר. דער אנטרייבער איז געגאנגען אין א קארסעט, מיט צוויי לאנגע צעפ, אין א שווארצען קלייד, און הענדטליך האט ער געהאט ווייסע, קליינע, מיט וועלכע ער האט צוגעשפיליעט א קינד דעם מאנטעל. דערנאך האט מען געפייפט און געטראגען פעקליך אין וואגאן אריין, און דאס פערדעל האט פערדרויכערט א ציגאר און פערנומען אנ׳ארט אין וואגאן. די האהר זענען ביי איהם געווען וואונדערליך פערקאמט.

— פאניע! פאניע! — האט דער אנטרייבער געטרייסעלט ליסער׳ן פאר׳ן אקסעל. — איהר זענט דאך עפעס א פעפער. שטעהט אויף. געקומען.

ליסער האט דערשראקען געעפענט די אויגען. דאס פערדעל איז געשטאנען נעבען א ברייטער שטוב מיט א סך פענסטער. דעם פעטער׳ס שטוב. אין די פענסטער איז געווען פינסטער אפים, אז מען האט דארט געהאלטען אין רעכטען שלאפען.

ארום און ארום איז געווען ווייס און שטיל, און נאר פון אויבען האבען העל געוואונקען די פרעהליכע שטערענדליך.

— קריכט נאר ארוים, זענט מוחל, און מען בעדארף אנקלאפען אין פענסטער.

ליסער איז אונציפרידען ארוים פון שליטעל און האט זיך פויל און קרום, ווי א שכור'רער, אנידערגעשטעלט אין שניי.

II.

די בלייכע לופט און די ווייסקייט פון די פערשנייטע פעלדער האבען זיך געגאסען אין די פענסטער אריין. אין די גרויסע ריינע קיהלע חדרים האט געפעהלט דער אונרוהיגער זומער-גלאנץ און דעריבער איז געווען בעזונדערס רוהיג און היימליך. דריי חדרים זענען געווען צוגעפוצטע און אזוי ווי אונגוציגע: אהין איז מען זעלטען געגאנגען. אויף די ווענד זענען געהאנגען אלטע בילדער פון היות און פון יעגער, וואס האבען געטראגען מארנע היט מיט פעדערן, און נעבען א הירש, וואס איז געשטאנען דערשראקען אין א קוסט, מיט הויכע פינגערדיגע הערנער, איז געהאנגען ר' משה מאנטעפיאהרע, טיעף אין פראפיל, מיט א לאנגער נאז, און האט מיט איין אויג געקוקט גוטמוטיג, ווידעריג און קלוג אין דער וויט אריין. דער פיערטער חדר איז דער סאמע בעליעבטעסטער. דארטען זיצט מען דאס רוב. א גרויסער טיש, בעצויגען מיט א ווייסען סערוועט, און א ברייטע פרייע קלארע פאדלאגע, וואס איז אזוי ריין, אז עס מאכט דעם איינדרוק, ווי עס וואלט געווען א ווייכע, און עס ווילט זיך לעגען א קישען דערויף און אנידערלעגען זיך.

דער פינפטער חדר איז אנ'עס-צימער און אין זעקסטען ווערען אויפגענומען גוים, וואס זיצען דארט פון פריה ביז נאכט, מיט ליאפטעס אויף די פיס, אין צוריסענע פעלצליך, מיט ליולקעס אין די מיילער. שטענדיג רעדט מען דארט פון תבואות,

פון חזיר-האָהר און פון שוועמליך און פון פערד און פון גראַף זשאַזשוויצקי'ן. די גוים קראַצען זיך אין די קעפּ, שפּייען אין דער זייט, שטאָפּען כסדר מאַחאָרקע אין די לעדיג-געוואָרענע ליולקעס. און ריידען ווייטער.

ליסער איז געגאַנגען פון איין צימער אינ'ם צווייטען, האָט בעקוקט די ווענד, דעם סדר פון די מעבעל און האָט געטראַכט, אַז פאַר די פינף יאָהר, וואָס ער איז דאָ נישט געוועזען, האָט זיך אַ האָהר נישט פערענדערט, נישט נאָר דאָס אויסערליכע, נור אויך דאָס אינערליכע. אַפּנים, אַז דער פעטער מיט דער מוהמען לעבען ווי פריהער אָהן זייטיגע שטערענישען, און דעריבער עלטערן זיי זיך כמעט נישט אויפ'ן פּנים. פאַרהאַן אפילו ביי זיי אַ זאָרג—קינדערלאָזיגקייט, נאָר לפי ערך האָבען זיי זיך געמוזט צוגעוועהנען דערצו. מען קען אויך אַריינרעכענען דעם דאָרף-אומעט, וואָס דריקט מסתמא מעהר די מוהמען, איידער דעם פעטער. דער פעטער האָט ליעב דאָס דאָרף, און איז עפּעס אַזוי ווי געבאָהרען פאַר איהם. דער פעטער איז אַ געזונדטער יוד מיט אַ ברוינעם פערשמייעטען פּנים, בעשאָטען מיט קנייטשליך, וואָס מאַכען עם נישט אַלט, נור קלוג, דורכגעטריבען און לוסטיג. אויגען האָט ער עטוואָס אַרויסגעשפּאַרטע, ממזר'ישע, מיט אַ חוזק-גלאַנץ און געדיכטע שוואַרצע ברעמען. אין זיין גאַנג, אין זיינע בעוועגונגען און מאַניערען איז פאַרהאַן אַ סך דאָרפּישעם און גרוים-הענדלערישעם. אַ קול האָט ער אַנ'אָפענעם, אַ שטאַרקען, אַ הויכען, און בעת ער רעדט מיט גויים, דאַכט זיך שטענדיג, אַז ער קריגט זיך.

די מוהמע איז שוין גאָר אַנ'אַנדערע. זי איז אַ רוהיגע, אַנ'אָנגעצויגענע, אַ הויכע, מיט אַ יחוס'דיגען בלייכען פּנים, מיט אַ שיינעם האַלז, אַ בעהאַנגענעם מיט פּערעל. אין דעם, ווי זי האָט פערקאַמט די האָהר, דונקעלע און געדיכטע, ווי זי האָט זיך בעוועגט, ווי זי האָט זיך געלאָזט נייהען אַ קלייד און ווי זי פלעגט טראָגען אַ קלייד — איז געוועזען צו בעמערקען קאָקעטעריע, ווילען און פעהיגקייט צו פערברענגען מיט מאַנסביל, און פון די קליינע קנייטשען אַרום די אויגען און אַרום מויל האָט אַרויסגעקוקט

א בעהאלטען שפּיעלענדיג שטיק לעבען. ביי איהר זענען געווען ווייסע אריינגעשטעלטע ציינהנער, און אז זי פלעגט לאכען, פלעגען זיי זיך אלע דייטליך ארויסזעהן, נאר זיי האבען בשום אופן נישט קאליע געמאכט איהר געזיכט און שמייכעל. פאר'ן פעטער האט זי אויסגעזעהן פיעל יונגער.

ליסער'ן האט זי נישט אבגעלאזט פון זיך. יעדעס מאל, בעת ער פלעגט זיך נעהמען וואנדלען פון איין צימער אין א צווייטען, פלעגט זי אויסוואקסען ווי פון אונטער דער ערד, כלומרש'ט ווי זי האט נויטיג ערגעץ וואס צו נעהמען, און דערביי פלעגט זי ווי אונגערן איהם איבעררייסען די מחשבות מיט א ווארט, מיט א פראגע אדער אזוי מיט עפּעס א צערטליכקייט.

— איך וועל דיך רופען בערעלע... פשוט... — האט זי איהם פערשלעפּט אין א ווייטען צימער, זעצענדיג זיך און אנווייזענדיג איהם אויף א שטוהל. — וועסט קיין פעראיבעל נישט האבען? אט אזוי. אייגענטליך האב איך דאך דיך אויסגעהארעוועט, דארפסטו עס געדענקען... זאג מיר, בערעלע, וואס איז מכח א כלה, הא? אז דו האסט געהאט א סך כלות, דאס ווייס איך, נאר צו האסטו איינע? אויב דו האסט איינע, איז א סימן, זעהסטו, אז דו ביזט א חתן...

זי האט זיך פונאנדערגעלאכט און געקוקט איהם אפּען און גוטהערציג אין די אויגען אריין.

— אויף וואס דארף איך די כלה, מוהמע. איך בין אלט דרייסיג יאהר — און א פריי פייגעלע... אנ'אמת'ער גן־עדן! און דעם אמת געזאגט, — האט ער זיך אנגעקעהרט צו דער מוהמען און אנגעהויבען מיט אנ'ערנסטען טאן, — בין איך איבער א מיידעל איצט געקומען צו אייך. ס'איז מיר דערעסען געווארען איינע א סאניע... און אז זיי דערעסען, ווייסט איהר דאך, הויבען זיי אן צו שיטען מיט פּרעטענזיעס... א זאך, וואס קען קראנק מאכען א שטיין. האב איך זיך געפּרובט ווערען. האט עס נישט געהאלפען. אט איז מיר ארויפגעקומען אויפ'ן געדאנק: זשילין. מען דארף זיך דאך ראטעווען... ביי סאניען וועט עס מסתמא איבערגעהן. דערווייל בין איך זיכער.

די מוהמע איז געזעסען גרויסשטאָדטיש, מיט'ן פלייצע אָנגעשפּאַרט אָן װענדטיל פון שטוהל, און די הענד, צונויפגעלעגט צוזאמען, זענען געלעגען אויף די קניה. ביי איהר זענען געװען דונקעל די אויגען, א מאָדנער שמייכעל האָט געבלאָנזשעט ארום די ליפּען, און ליסער'ן האָט זיך געדאַכט, אַז זי גרייט דאָ צו עפּעס א שטימונג. דאָס האָט איהם אינגאַנצען געשטערט די מעגליכקייט צו זיצען מיט איהר און פערברייננגען, און ער האָט זיך דערמאָהנט, אַז מיט פינף יאָהר צוריק האָט ער אויך געהאַט אזא געפיהל, פון װעלכען עס איז איהם געװען שװער זיך צו בעבעפרייען.

— איז װאָס, װעסטו קיינמאָל נישט חתונה האָבען. — האָט די מוהמע געפרעגט מיט דונקעלע אויגען.

— װער זאָגט עס? סוף כל סוף װעל איך חתונה האָבען. איך דארף נאָר א פריהער מיד װערען.

— גאַנץ שען!... — האָט די מוהמע זיך פונאַנדערגעלאַכט. — א טייערער מאַן װעסטו דעמאָלט זיין: אָהן ענערגיע, אָהן לייב און אָהן לעבען...

— אויב מען װיל זיין א גוטער מאַן, מוהמע, דארף מען זעהן, װאָס פריהער פּטור צו װערען פון ענערגיע...

ער האָט זיך אויפגעהויבען און גענומען שפּרייזען איבער'ן צימער. נאָך איהם איז אויפגעשטאַנען די מוהמע מיט שמייכלענדיגע באַקען, א הויכע, א צוגעפּוצטע און אַנ'עהנליכע אָן א גוטבעזיצערין. מען איז איבערגעגאַנגען אינ'ם גרויסען עס-צימער, װאו עס האָבען זיך געהערט פון איבערן װאַנד אויסגעשרייען און אָבגעהאַקטע בעמערקונגען פון די פּויערים.

אין פענסטער האָט געקוקט דער װינטערדיגער טאָג, א בלייכער און א פערטראַכטער, און קוקענדיג אויף איהם, האָט זיך געװאָלט זיצען אין שטוב, שמועסען מיט די פּויערים, אריינקוקען אין א בוך, ליגען אונטער א װאַרימע קאָלדרע, שפּרייזען הין-און-צוריק, פּיעסטשען זיך און פיהלען אינגאַנצען דעם טעם פון לעדיג-געהן און גאָרנישט טראַכטען. א שטיקעל מניעה איז נאָר געװען די מוהמע מיט איהר אָפטען אונטערקומען. איצט האָט זי

צוגעטראָגען אַ טעלער בלינצעס, פערשוואומענע אין פוטער, מיט דער בעמערקונג, אַז איהם קען נאָך איבער׳חלש׳ן דאָס זאָרץ ביז מיטאָג. דערנאָך האָט זי צוגעגעבען, אַז זי האָט געהאַט בדעה פאַר זיך צו נעהמען אַ צווייטע טעלער, נאָר זי האָט איינגעפונען, אַז צוזאַמען עסען פון איין טעלער איז נאָך אָנגענעהמער. ליסער האָט מסכים געווען און האָט מיט אַמאָל אַ טראַכט געטהאָן, אַז אָט דער קלוגער און נאָך איצט קאָקעטישער פרוי, מוז דאָ זיין אין גרונד שרעקליך אומעטיג. דער פעטער איז אַ פערנומענער מענש און איז, דאַכט זיך, פון שטענדיג אָן נישט גאָר צערטליך מיט איהר, ווי זי וואָלט געוואָלט און נאָך איהר מאָס. און עפּעס וואָרימעס האָט איהם אָנגעריהרט ביים האַרץ און ער האָט אויפריכטיג אַרויסגעזאָגט:

— איינענטליך זענט איהר מיר פערבליבען אין מיין זכרון נישט ווי אַ מוהמע, נאָר ווי אַ גוטע ליעבע שוועסטער. אין מיין משפחה האַלט איך אייך פאַר אַ ליבטיגע. איהר ווייסט דאָך, אַז עס זענען פאַרהאַן נאָהענטע מענשען, וואָס אַז מען דערמאָהנט זיך אָן זיי, קומען זיי אויס פינסטערע און אַזוינע, וואָס קומען אויס ליכטיגע... זיי שיינען ווי פייערליך...

זי איז עטוואָס רויט געוואָרען, האָט ווי אַ מיידעל אַראָבגעלאָזט די אויגען און געזאָגט:

— איך בין געריהרט, בערעלע... נאָר ווי אַ פרוי מוז איך עס דאָך אָבשאַצען און זאָגען, אַז איך האָב עס פערדינט, ווארום איך האָב דיך דאָך כמעט ווי אויסגעהאָדעוועט, דיינע אַלע קאַפּריזען אויסגעשטאַנען, מעהרער פאַר דיין מאַמען.

עס איז אַריינגעקומען דער פעטער אין לאַנגע שטיוועל, מיט אָנגעשטעקטע שטרייעליך און האָבער אין דער גוטער גרויער מאַטעריע פון זיין קאָסטיום. דערזעהענדיג די בלינצעס, האָבען ביי איהם אַ גלאַנץ געטהאָן די אויגען, און מיט אַ הילכיגען קול האָט ער געשריען צו דער דיענסט, זי זאָל דערהערען אין קיך — און זאָל דערלאַנגען בלינצעס. מיט גערויש האָט ער זיך אַוועקגעזעצט צום טיש, ווי ער וואָלט אַ פאַל געטהאָן, און אַז מען האָט איהם דערלאַנגט די בלינצעס, האָט ער מאָדנע הילכיג

גענגעסען, פונקט ווי זיינע ליפען וואלטען זיך פאטשען איינע אן די אנדערע.

נאר דא פלעגט ער זיך אין מיטען איבעררייסען דאס עסען און פלעגט זיך נעהמען דערצעהלען א לאנגע מעשה, און דא פלעגט ער זיך פונאנדערלאכען, א רויטער, מיט אנגעגאסענע אדערן אויפ'ן האלז, פערווארפענדיג דעם קאפ אויף הינטער, צו־ליעב וואס זיין בערדעל פלעגט נעהמען קוקען אויפ'ן באלקען.

— גענוג דיר צו לאכען. עס. — האט די מוהמע איהם ווייך בעמערקט, פערשטעלענדיג מיט'ן וויכען טאן דעם פערדראס, וואס זי האט, קענטיג, געהאט דורך זיין אריינקומען.

דער פעטער האט גענומען לאכען אויף צו להכעיס, און באלד דערויף זיך גענומען דערצעהלען עפעס א לאנגע מעשה, וואס האט בעדארפט מאכען דעם איינדרוק פון אנ'אנעקדאט. נאר פלוצלונג האט ער זיך אליין איבערגעריסען און האט געזאגט.

— זאגסט: גענוג דיר צו לאכען — עס. איז וואס ווילסטו? מען זאל זיצען און שווייגען אדער שמועסען מיט בערלען מכח חתונה האבען, ווי די טהוסט? דאס איז פאר מיר קיין עסק נישט. פע! איך האב פיינט אזוינע זאכען! וואס זאגסטו, בעריל? — האט ער איהם א וואונק געטהאן. — בעריל וועט חתונה האבען אהן די רייד, אויב ער וועט נאר וועלען. און נאר לאכען... אט א שנעפסיל מאכען איצט, הא, בעריל? ביי מיר איז א כאראק־טער פון א חסיד: לעבעדיג און פרעהליך און נישט גענעבזיעט!.. האסט שוין אפשר א כלה? וואס איז דער תכלית ...—האט ער גוטמוטיג איבערגעקרימט דער מוהמען, — איך האב דאך נישט געהערט. נאר איך פערשטעה, אז אזוי דארפסטו איהם פרעגען. מיך ארט עס א האהר נישט. איך בין דאך איהם, אייגענטליך, א לייבליכער פעטער, איין פאמיליע איז דאך ביי אונז, און פונדעסטוועגען, איך זאג דעם אמת, ליעגט עס מיר אין דער לינקע פאה נישט.

— אט אז מען זאל זיך פערלאזען אויף דיר, קען מען גוט מאכען, — האט די מוהמע געשמייכעלט.

— וואס איז, וואס פעלט? —האט ער זיך א חאפ געטהאן און א פאטש געגעבען ליסער'ן אין פלייצע—אזא יאהר אויף מיר, ס'ארא

וואוילער יוד איך בין! איין חסרון נאר: איך האב פיינט אט די נעבעכדיגע איידעלקייט. פארהאן עפעס אזא מין איידעלקייט, וואס מען קריגט עס נאר ביי ווייבער... אז איך בין געווען א יונגער-מאן און האב חתונה געהאט, בין איך אויך געווען, ווי אלע יונגע — געמאכט אנשטעלעניש, געפראוועט איידעלע שטיק, גערופען זי ראחיל... האב איך אבער מעהר ווי א יאהר נישט אויסגעהאלטען... קלער איך מיר, געהט עס צו אלרי-שווארץ-יאהר און נעהם און הויב זי אן צו רופען פשוט רחל. און אז גאר גוט — איז רחל'ע... און אני' עק!

די מוהמע האט אלץ פערגלעט מיט א שמייכעלע, מיט א ווייכען טאן, קוקענדיג מיט די קאקעטיש-דונקעלע אויגען. קענטיג, אז דעם פעטער'ס רייד, נישט ביים האנדלען, צווישן פויערים און גלאט יודען, נאר פאר געסט, איז פאר איהר געווען צו-האמעטנע, צו-שווער, און מחמת אין א סך פרטים פלעגען זיינע ווערטער זיין געווענדט בלויז צו איהר אדער זי פלעגט זיין די שולדיגע פון זיינע שמועסען, פלעגט זי זיך סטארען נישט צו ענטפערן אויף זיי, נישט האמפערן זיך מיט איהם — כדי ער זאל בעסער מעהר שווייגען.

דער פעטער האט זיך מיט אמאל אויפגעהויבען און איז מיט הילכיגע טריט ארוים פון צימער. אויף זיין רעקעל, ערגעץ אויפ'ן פלייצע גאר, האבען געגלאנצט צוויי פרישע פלעקען פון בלינצעס.

ליסער האט זיך אויך אויפגעהויבען און איז געבליבען שטעהן אין מיטען צימער. אין אויג איז געגאנגען די העלקייט פון דער פארלאנגע, די קלארקייט פון דער לאנגער סערוועט און די ווייסקייט פונ'ם שניי פון יענער זייט פענסטער. ער איז געשטאנען מיט ברייט פונאנדערגעשטעלטע פיס, די הענד פערלעגט אין די הויזען-קעשעניש, די האהר עטוואס צעווארפען, אהן איין מחשבה אין קאפ. און ערשט, אז ער האט זיך איבערגעדרעהט און גענומען איבערגעהן אין א צווייטען צימער, וואו עס איז געשטאנען א קושעטקע, האט ער, ווי צום ערשטען מאל, ארייננגעאטעמט דעם פרישען אונבעקאנטען ריח פון דעם הויז, און האט א טראכט גע-

טהאָן, אַז ער איז בײַ דעם פעטער צו־גאַסט, ווינטער, פּלוצ־
לונג, אונגעריכטערהייד, אַז די קליינע בלייכע סאָניע, וואָס האָט
ליעב צו ריידען ליטעראַריש, גלאַט צו צוקאַמען די האָהר און
וואָס האָט אַ מאָדנע תשוקה צו פּרעטענזיעס, איז איצט נישטאָ
און וועט נישט זיין נעבען איהם און אַז ס'איז אויף שטענדיג,
אַפּנים, אָבגעהאַקט געוואָרען אַ לאַנגווײַליג, נודנע שטיקעל לעבען.

אויף דער ווײַכער קושעטקע האָט געצויגען צו דרעמלען. עס
זענען בעפאַלען אָבגעריסענע שטיקלעכדיגע יונגעלשע געדאַנקען,
וואָס האָבען אַזוי ווי אָנגעשעפּטשעט אויפ'ן אויער, זיס און צאַרט.

III.

בײַם מיטאָג איז געווען אַ סך שנאַפּס, ביטערע און שטאַר־
קע, און דער פעטער האָט כסדר אַכטונג געגעבען, אַז מען זאָל
טרינקען. פון דעם ביטערן בראַנפען, פון דעם געזאַלצען־געבראָ־
טענעם פלייש און פון דעם הייסען זופּ האָט געדרעהט דער קאָפּ,
עטוואָס געקלונגען אין די אויערן, און פאַר די אויגען זענען גע־
שוואומען די פּנים'ער, און די ווענד האָבען זיך געוויעגט. יעדער
קלאַפּ מיט'ן לעפעל אין טעלער איז אויסגעקומען אַ סך גרעסער
אײַדער אין דער־אמת'ן, יעדעם אַרויסגעזאָגטע וואָרט — העכער
און דאָס געלעכטער ברייט און ווילד. בײַם עסען זענען געווען צוויי
געסט: עפּעס אַ פאַרבייפאָהרענדער סוחר פון פלאַקס, אַ ברייט־
פּנים'דיגער יוד, מיט אַ רויטער געפראָהרענער נאָז, מיט גראָבע
רויטע הענד, און אַ לעהרער פון אַ דערבײַאיגען דאָרף, וואָס איז,
זעהט אויס, דאָ אין שטוב אַנ'אָפטער גאַסט. בײַם לעהרער איז גע־
ווען אַ הויכער שטערן מיט טיעפע ווינקלען, אַרום וועלכע עס
האָט זיך שיטער געשלענגעלט אַ שורה שוואַרצע האָהר, קליינע
גרויע אויגליך, אַ צוגעפּלאַטשטע נאָז און שוואַרצע, אין מויל
פערבויגטע וואָנסען. געהאַלטען האָט ער זיך פרײַ, ווי אַנ'אײַגענער

מענש, האט זיך ווײַלעווײַז געוויצעלט און העכער פאר אלעמען געלאכט אין דערבײַ האט ער זעלבסט־צופרידען און מארנע אונטערגעוואונקען דער מוהמען.

ליסער׳ן איז ער פון ערשטען קוק נישט געפעלען געוואָרען. איהם האט זיך געדאכט, אז דאס מוז זײַן א זעלבסט־צופרידענער נאר און עפעס א קארגער, וואס די קלוגע און לעבעדיגע שטאדט האט ארויסגעשלײַדערט אין דארף אַרײַן, וואו אזא פארשוין קען געבען א טאן און קען געהאלטען ווערען פאר א געשמאקפאלען אינטעליגענטען יונגענמאן. דערנאך האט ער בעמערקט, אז אין די בליקען פון דעם לעהרער צו דער מוהמען איז עפעס פאראן אזוינס, וואס פיהרט ארויף אופ׳ן זינען, אז צווישען זיי בײַדען איז געווען אדער עס איז פאראן עפעס נישט גלאטעס און בעהאלטענעס. בעת דער קאפ האט אזוי נישט געדרעהט פון שנאפס, האט ער זיך געסטארעט זיי נאכצושפירען, שטילערהייד זיי נאכצוקוקען, פיהלענדיג אין הארצען א פערדרוס. נאר באלד האט זיך אבגעריסען דער פאדים פון געדאנקען אין קאפ, און אויפ׳ן הארצען איז געווען זארג־לאז, אלץ איינס און לײַכט.

ארום די פענסטער האט זיך גע׳גנב׳עט דער פארנאכט. דער ווינטערדיגער בלײַערנער הימעל, ווי פון איין שטיק און איין קאליר, האט זיך נעהנטער אראבגערוקט צו דער ערד, און די ווײַסע פעלדער האבען זיך אײַנגעהילט אין בלויען. נעבעלדיג, אונבעוועגט און פערטראכט האט ארויסגעקוקט א ברעג פון ווײַטען וואלד. רעכטס, נישט גאר ווײַט פון פענסטער, זענען איינציגווײַס און דונקעל געלאפען טעלעגראפען־סלופעס איינע נאך די אנדערע גלײַך צום האריזאנט, אויף די נעהענטערע פון זיי האט נאך עטוואס געשימערירט דאס דראטה, אויף וועלכען עס זענען וואו־נישט־וואו, ווי אהן פיסליך, געזעסען סאראקעס. לינקס, בײַ דער דארף־גאס, האבען זיך געטראגען פויערשע אויסגעשרײַען, ווערטליך, און עס האט זיך געהערט, ווי מען שעפט וואסער פון א ברונעם און עס קרעכצט דער שטעקען.

פון דרויסען האט זיך דער פארנאכט שווײַגענדיג און סמוטנע געקליבען אין שטוב ארײַן. בלוי האט ער זיך געזעצט אויפ׳ן

ווײַסען טישטוך, דונקעל און ציטעריג האט ער זיך געלעגט אויף די פּנים׳ער, און גרוי האט ער זיך אויפגעהאנגען אויף די ווענד.

איצט האבען אלע געשוויגען. קענטיג, אז יעדער האט בראנפען אויסגעטרונקען נישט וועניג. דער יוד, דער סוחר האט שוין געדרעמעלט, פערוואַרפענדיג דעם קאָפּ אויפ׳ן הויכען ווענד־טיל פון שטוהל, מיט א גרויסען אָפענעם מויל. דער לעהרער איז מיד געוואָרען פון זײַנע אייגענע וויצען און האט געקוקט פון אונטערן שטערען מיט זײַנע קליינע אויגליך. די מוהמע האט נע־קוקט א בלייכע אין פענסטער, פונקט ווי זי וואָלט עפּעס פער־באָרגענעם געהאט אויפען הארצען און וואָלט איצט דערויף חרטה געהאט. נאָר דער פעטער איז נאָך אזוי ווי ניכטער געווען, און מיט א בעוועגליכען גלאנץ אין די שווארץ־אפּעל פון די אויגען האט ער זיך אָפּטער ארומגעקוקט און האט געקלאפּט מיט די פינגער אָן טיש. טרינקען און עסען מיט אַנ׳עולם איז פאר איהם געווען א געוואוהנטע זאך, וואָס האט איהם פערשאפט א סך הנאה, נאָר דאסמאָל איז געוועזן קענטיג, אז ער איז נישט אינגאנצען צו־פרידען געווען, אז ער האט א סך מעהר ערוואַרט, בעת מען האט זיך געזעצט עסען, ערוואַרט, קענטיג, מעהר פרעהליכקייט און טומעל. און ער האט לאנג געקלאפּט מיט די פינגער אָן טיש, אייגטעניג און אומעטיגליך, און דערנאָך זיך געווענדט צו ליסער׳ן מיט א סך צערטליכקייט אין טאָן:

— זעהסט, אָט איצט איז בין השמשות... איך האָב מאָדנע האָלט אָט די צייט, ווייסט, וואָס מיר קומט שטענדיג ארויף אויפ׳ן זינען אין דער צייט? אַנ׳אָרים שוהלכעל ערגעץ אין אַנ׳אָרימען קליין־שטעדטיל... ווינטער, שבת פארנאַכט, דרוי־סען פאלט א דראָבנער שניי, רוקען זיך אײַנגעבויגענע יודעליך, א האנר אין א האנד, אין שוהלכעל אריין... אין שוהלכעל איז די פּאָדלאָגע נאס, שווארץ, ס׳איז קאלט און קאַלעמוטנע עפּעס, עס שמעקט א טוכלעקייט, עמיצער מיט א צוחראַשטשעטען הארץ זאָגט אין א ווינקעל תהלים... אלע ווײַלע קומט אריין נאָך א פער׳חשכ׳טער יודעל, גיט א נעץ בײַם כיור די האנד און א וויש מיט׳ן נאסען שווארצען האנדטוך. מיט אמאָל גיט דער שמש

א פאטש.,. מנחה... דער עולם הוסט און הויבט אן... און פאר'ן עמוד דאווענט אנ'אלטער יוד, א בעל-מלאכה, פראסט און הארציג... אתה אחד ושמך אחד... ומי כעמך ישראל גוי אחד בארץ... תפארת גדולה, ועט-ר-ת ישועה... יום מנוחה וקדושה לעמך נתתה... הויבט עפעס אזוי אן קלעמען אין הארצען, אט-אט וועסטו זיך מיט אנ'אמת'ן צו וויינען... גוואלד, ס'ארא רחמנות ס'איז עפעס דעמאלט אויף מיר און אויף דיר און אויף אלע יודען און ס'ארא טייער פאלק יודען זענען!

ער האט נישט אויפגעהערט צו קלאפען מיט די פינגער אן טיש און דאס איז געטהאן געווארען אזוי ווי אהן זיין ווילען. מיט די גלאנציגע שווארצלען האט ער זיך אריינגעקוקט טיעף אין ליי-סער'ן, ווי ער וואלט מיט זיי אין איהם וועלען עפעס אנצינדען און איבער'ן גאנצען פנים האט זיך געוויקעלט דער פארנאכט. און ער האט ווידער אנגעהויבען ציהען שטיל דעם אתה-אחד-נגון מיט די ווערטער:

— אתה אחד ושמך אחד ומי כעמך ישראל גוי אחד בארץ, תפארת גדולה ועט-ר-ת ישועה...

צו די בראנפען, צו דער פארנאכט, צו דעם פעטערס האר-ציגער נגון — נאר ליסער'ן האט זיך שטיל און וועך צוצויגען דאס הארץ, און איהם האט זיך געדאכט, אז ער שווימט ערגעץ וויט אונטער דעם הארציגען נגון, און עס איז בלוי פאר די אוי-גען און, חוץ דעם נגון, איז שטיל פאר'ן אויער, און גאט, דער אלטער גאט פון פאלק ישראל איז אויך אין גלות און שווימט אויך מיט איהם און מיט אלע יודען ערגעץ וויט, וויט, אהן א ברעג און אהן א ציעל.

און אז מען האט אנגעצונדען פייער, האט זיך באלד דאס גאנצע בילד געביטען. דער שלאפענדיגער סוחר האט זיך געשווינד געשטעלט אויף די פיס, האט זיך אליין גענומען האסטיג אונטער-טרייבען און מורמלען אונצופרידען אונטער דער נאז. ער האט בעדארפט האבען צו דער באהן, און, ווי ער האט גערעכענט, האט ער אודאי פערשפעטיגט.

— ביי אייך אין שטוב פערלירט מען שטענדיג דעם

אימפעט, — האָט ער זיך געקלאָגט פאַר דער מוהמען, אַרויס־ציהענדיג אויף זיך אַ גרויסען וועג־מאַנטעל פון גראָבער פויערשער שטאָף. — אויב איך האָב פערשפּעטיגט, וועט מען מיך דארפען שמייסען.

באַלד האָט ער זיך שוין נישט אַרויסגעזעהן: עס איז דורך געוועזען וועג־מאַנטעל און ווינטער־היטעל, אונטער וועלכען עס האָט זיך קוים אַרויסגעזעהן אַ שפּיץ נאָז און האַלב־פּערדעקטע אויגען. דער פעטער האָט זיך אויך געאייַלט, און אין אַ מינוט אַרום האָט זיך געהערט זיין הילכיג קול פון דרויסען:

— מיחאַש, סיודא אידי!

דער לעהרער האָט זיך געקראַצט דעם קאָפּ, האָט זיך ווייַלעווייַז איבערגעזעצט פון איין אָרט אויפ'ן צווייטען, האָט אָהן אַ סמך, קענטיג, בעקוקט די נעגעל און האָט, ענדליך, געזאָגט, אַז צו זיך וועט ער היינט נישט פאָהרען און וועט דאָ איבערנעכטיגען. ביז אַהער האָט ער זיך געהאַלטען ווי אַן אייַגענער מענש, נאָר גראָד איצט האָט ער זיך פּלוצלונג איבערגעביטען. ליסער האָט אַ טראַכט געטהאָן, אַז דאָס איז צוליעב איהם, און אַ חשד איז ווידער בעפאַלען דאָס האַרץ. ער האָט אַ קוק געטהאָן פון דער זייט אויף די מוהמען און האָט גאַרנישט בעמערקט אויף איהר פּנים.

אין דרויסען האָט זיך געריהרט אַ שליטעל, איבער דעם געפראָהרענעם שנײַ האָבען געקלאַפּט דעם פערד'ס פיס און עס האָט זיך געהערט, ווי דער פעטער שרייט:

— פאָהרט געזונד, ר' אברהם! מאַכט גוטע געשעפטען.

די מוהמע איז אַוועק אין קיך מכח אַ סאַמאָוואַר און ליסער איז געבליבען מיט'ן לעהרער אין צימער. ליסער האָט געוואָלט וואָס בײַ איהם פונאַנדערפרעגען, מאַכען אומישנע אַ שמועס. עס איז נישט בעקוועם געווען צו שווייַגען. נאָר איהם האָט זיך געדאַכט, אַז וואָס ער זאָל נישט זאָגען אָדער פרעגען, וועט דער לעהרער אָבענטפערן מיט אַ נאַרישען ווייַז און וועט מיינען דערבײַ, אַז ער האָט געזאָגט אַ שאַרפזיניגע חכמה אַ גרויסשטאָדטישען בחור. עס האָבען איהם געדעגט זיינע קליידער, וואָס זענען

געוועזן האַלב־פראַנטיש און האַלב־קלויזניקדיג־אַלטמאָדיש, פון וועלכע עס איז צוזעהן עפּעס אַ מאָדנע קליינליכקייט פון זייער איינגענטימער. די שטאָף איז אַ פּראָסטע און דער קאָסטיום איז אַנ׳אַלטער, נאָר אָהן איין פלעק. אַזאַ לאַנגע צייט געטראָגען און אָהן איין פלעק. דער קראַגען איז אַנ׳אָבגעטראָגענער, אַנ׳אויסגעניצטער, דוקא אַ צווייענדיגער, מיט אַ קליין פערשמאָלצען שניפּסעלע. אויפ׳ן פּנים ליגט אַנ׳אומאָנגענעהמע בלייכקייט און דער שטערן מיט די טיפע ווינקלען רעדט פון עם־הארצות און איינגעשפּאַרטע פּראַאָדמ׳שאַפט.

עס איז אַריין די מוהמע מיט אַ לייכט טיבעל אויף די אַקסלען, פּונקט ווי עס וואָלט איהר געוועזן קאַלט. בשעת זי איז געגאַנגען פון טהיר צום טיש, האָט זי אויף דער גיך געוואָרפען בליקען אויף ביידען, פּונקט ווי זי וואָלט זיך וועלען מיט׳ן בליק דערוויסען, צי זיי האָבען ביידע צווישען זיך גערעדט. ביים טיש איז איהר פערלאַנג נאָך קענטיגער געוועזן, אַזוי, אַז ביי ליסער׳ן האָט עס אַרויסגערופען אַ שמייכעל.

איצט איז עפּעס ליסער דורכאויס זיכער געוועזן, אַז צווישען דער מוהמען מיט׳ן לעהרער איז וואָס פאָרגעקומען. אייגענטליך פאַרוואָס נישט? זי איז שוין אַ פרוי נישט קיין יונגע, האָבען צווישען יונגע אַנ׳ערפאָלג קען זי שוין נישט. עלטערע, פערשטעהט זיך, וועלען איהר נישט זיין צום הארצען, מיט׳ן מאַן זיך בעגעגענען איז צו־לעדיג און צו גרוי דאָס לעבען—דער מאַן איז אַ פערנומענער און אַ האָרעפּאַשנער מענש, וואָס האָט נאָך דערצו פיינט יענעם סאָרט צערטליכקייטען, וועלכע סאַנטימענטאַלע פרויען האָבען אַזוי ליעב. מאַכט זיך אַזאַ שוטה, ווי דער לעהרער, וואָס זאָגט איהר אין דער דאָרפישער אומעטיגער שטילקייט קאָמפּלימענטען און ציטערט נאָך מסתמא פאַר איהר, ווי אַ יונגעל פאַר׳ן רבי׳ן, געפעלט עס איהר, רעגט זי זיך אויף און לאָזט זיך אמאָל אַ קוש טהאָן. דאָס איז נאָר. און דערנאָך מוז איהר אודאי עקלען. עס קען נאָך זיין, אַז דער דאָזיגער לעהרער האָט דעם גאַנצען ענ׳ן איינגעוויקעלט אין אַ טראַגעדיע: אַ יונגער בחור האָט זיך פערליעבט אין אַ פרוי פון מיטעלע יאָהרען, און דערמיט איז

שוין זײַן לעבען אויף אויביג צושלאָגען און פערפאַלען. די מוהמע איז אָהן אַ ספק אַ קלוגע פרוי, נאָר אַזאַ מאָטיוו קען יעדעס מאָל פערבלענדען אין אומעט דער סאַמע קליגסטער פרוי. וואָלט זי חאָטש קינדער געהאַט, וואָלט זיך נישט אַזוי שווער געלעגט דאָס דאָרפלעבען, אָדער וואָלט זי חאָטש פון נאַטור־אויס געווען אַ סוחר'טע, ווי אַנדערע דאָרפישע ווייבער.

און בײַ די געדאַנקען איז ליסער'ן מיט אַמאָל ווידער בעפאַלען אַ רחמנות און אַ נאָהענטקײַט צו זײַן מוהמען, וואָס איז געצוואונגען צו האָבען ענינים מיט אַזאַ פאַרבלאָזען געשמאַקלאָזען בחור. ער האָט גענומען איהרע הענד אין זײַנע און האָט נעהענטער אַ רוק געטהאָן זײַן שטוהל צו איהרען. זי האָט נישט פערשטאַנען זײַן פּלוצלינגע צערטליכקײַט און האָט געקוקט אויף איהם מיט בעהאַלטענער פערוואונדערונג.

— מוהמע, — האָט ער ווייך אַרויסגעזאָגט, אָנשפאַרענדיג דעם קאָפּ אויף איהר אַקסעל, אַזוי, אַז דער לעהרער זאָל זעהן, — איך וויל מיך פאַר אײַך פּיעסטשען, מוהמע... אַ ביסעל טהוט מיר וועה דער קאָפּ, מסתמא פון די בראַנפען, אַ ביסעל איז שווערליך אויפ'ן האַרצען, נאָר אָהן געפאַהר... און אַ ביסעל איז אומעטיגליך... אויך אָהן געפאַהר.

— וואָס איז דאָס מיט דיר, בערעלע? — האָט זי איהם געגלעט פאַר די האָהר, — שוין איז דיר אומעטיג?

— אומעטיג? — האָט ער פערטראַכט אַרויסגעזאָגט, פיהלענדיג, ווי בײַ דער מוהמען קלאַפּט דאָס האַרץ, — עס טרעפען אַזוינע זאַכען. עס ווערט עפּעס פּלוצלונג אומעטיג...

— אַנ'אמת'ע אידיליע... — האָט דער לעהרער זיך אָנגערופען, מיט אַ פניעה'דיגען שמייכעל.

די מוהמע האָט זיך געמאַכט נישט פערשטעהענדיג.

— וואו איז אַנ'אידיליע? — האָט זי געפרעגט.

— צווישען דער מוהמען מיט'ן פּלימעניק...

— איהר האָט פײַנט אידיליען? — האָט זיך לײַכט אַרײַנגעמישט ליסער, פערבײַסענדיג אַ ליפּ.

דער לעהרער האָט פערוויכערט אַ פּאַפּיראָס, האָט זיך

אויפגעשטעלט און גענומען גיהן אויף און אב, און שמייכלענדיג מיט דעמזועלבען שמייכעל, האט ער אנגעבויגען צו זיי דעם קאפ און געזאגט:

— וועלכער נאר האט עס פיינט, איך בעט אייך... חא=חא...

מען האט דערלאנגט דער סאמאוואר. טראגענדיג איהם, האט ער אין די הענד געזאדען, פונקט ווי ער וואלט זיך מיט עמיצען געקריגט. אין דעם צימער, וואס פאר די פויערים, האט האט זיך געהערט דעם פעטער'ס קול, און צווישען די שטילע שארענדיגע טריט אין ליאפטעס, האבען דייטליך אבגעשלאגען דעם פעטער'ס שטיוועל=טריט.

— הערסטו, בערעלע, —האט די מוהמע ווייך געזאגט. — אויב דו וועסט מיר דא נעהמען זייערן און וועסט מיר מאכען אנ'=אומעטיגע נאז, האב איך פאר דיר א תרופה.

— וואס?

— טאמארעלע פון זשערמאן איז דא. איך וועל איהר אנ=זאגען, וועט זי אדער קומען אהער, אדער דו וועסט פאהרען צו איהר. ווייסט דאך, אז ס'איז נישט ווייט, אינגאנצען דריי וויארסט.

— טאמארעלע פון זשערמאן? ווארט, ווארט! — האט זיך ליסער מיט אמאל א חאפ געטהאן, ארויסציהענדיג דעם קאפ פון דער מוהמעס הענד און פערקנייטשענדיג דעם שטערן, — זי האט, דאכט זיך, א חתן? נייען?

— א שען מיידעל. נאר מיר געפעלט זי נישט, — האט דער לעהרער, פערביינגעהענדיג בעמערקט. — און א גרויס=האל=טערקע...

— זי האט א חתן אויך, —האט די מוהמע בעשטעטיגט. — דו קאנסט זי דאך?

— געוויס. נאר איך געדענק עפעס נישט, —האט ליסער געקנייטשט דעם שטערן.

עס איז אריינגעקומען דער פעטער, א פערשוויצטער און א פערסאפעטער. ער האט זיך אוועקגעזעצט און אויסגעווישט מיט א טיכעל דאס פנים.

— פופציג זעק האבער אוועקגעשיקט צום באהן, — האט ער אזוי ווי פאר זיך געזאגט, — די סחורה איז נישט ווערט די הצאות הדרך.

ביים טהיי האט זיך דער לעהרער געוויצעלט און גע'חנפ'עט דעם פעטער. די מוהמע איז אוועק צו־לעגען זיך — עס האט איהר אויך וועה געטהאן דער קאפ. דער פעטער האט פארגעלעגט מען זאל מאכען אנ'אקע, און ליסער האט מעהר ווי איין קאן נישט געשפיעלט. אין קאפ איז דורכגעלאפען ווארים און צוזאגענד טאמארעלע פון זשערמאן, ערגעץ־וואו א געזעהענע, ערגעץ־וואו א לאבענדע און א שטיפערישע. און עס איז געוועזען אנגענעהם אויפצוהויבען די הענד אין דער הויך, א שפרייז טהאן איבערן צימער און איינהאלטען א ווייל די בעקאנטע אונבעקאנטע טאמארלען אין דמיון. הינטערן פענסטער האט געליארמט דער ווינד, וואס האט זיך גאר פלוצלונג געבראכט צוטראגען פון ערגעץ. עס האט זיך געהערט, ווי דער שניי שיט זיך פין דאך אויף דער ערד און ווי ער טראגט זיך פון דער ערד אין דער־לופטען, און ווי עס וויינט ערגעץ אנ'איינזאמער בוים. עמיצער איז דורכגעפאהרען מיט א סקריפענדיגען שליטעל דעם וועג.

IV.

אין עטליכע טעג ארום איז טאקע געקומען טאמארקע פון זשערמאן, אויף א שענעם שליטעל מיט א גלעקעל. מיט איהר צוזאמען האט א לייכט געטהאן אין שטוב א לאבענדיג מויל, מיט ווייסע צייהן, שווארצע שטראהלענדיגע אויגען, א הויכע שלאנקע וואוקס, מיט פרישע לייכטזיניגע בעוועגונגען. באלד האט אין צימער פערשמעקט מיט נאר־וואס אנגעטראגענעם פעלד־פראסט, געמישט מיט עפעס א בעזונדער מיידעל־ריח, וואס האט ארויסגערופען א מאדנע אנשטרענגונג אין דער מוהמען. ליסער האט זי געזעהן

אַ קורצע ווײַלע אין שטאָדט, מיט עטליכע יאָהר צוריק. זי איז דעמאָלט אַ נימנאַזיסטין געווען. נאָר איצט האָט איהם איבערראַשט די פערענדערונג, וואָס אין איהר איז פאַר דער צײַט פאָרגעקומען. אָדער אין איהר זענען קײנע פערענדערונגען נישט פאָרגעקומען, נאָר ער האָט זי פּשוט אין דעם גרויסען טומעל פון שטאָדט נישט בעמערקט? איצט איז דער קוק איהרער און די מאַנירען געווען פון גרויסען שניט, זיכערע און פערענדיגטע, ווי אין אַ שענעם ווערק.

עס איז אויסגעקומען צו בעקענען זיי פון דאָס ניי, און דאָס האָט געטהאָן די מוהמע. ליסער האָט דערפיהלט אין זײַן האַנד אַ היבשע פרויען־האַנד, מיט לאַנגע צאַרטע פינגער. זי האָט זיך פריי און רוהיג אַרײַנגעקוקט איהם אין פּנים און האָט זיך באַלד אַנידערגעזעצט.

— יאָ, — האָט זי זיך פּלוצלונג געווענדט צו דער מוהמען — הערט איהר דאָך. איך האָב נישט לאַנג געגעסען קאַרטאָפעל מיט פּעלצלעך און הערינג.[*] דאָס מאַכט אַ גרויסען אַפּעטיט.[*] הײַנט נאָכדעם, ווי איך בין דורכגעפאָהרען די עטליכע וויאָרסט, האָט זיך דער אַפּעטיט אָהן עין־הרע פערגרעסערט. טאַ ניט־זשע מיר עפּעס עסען...

די מוהמע האָט זיך צולאַכט און אַוועק אין קיך. בלײַבענדיג אַלײן מיט איהר, האָט ליסער געטראַכט, אַז די קאַרטאָפּעל מיט הערינג איז אײגענטליך אַ פּאָזע, אין וועלכער אַזאַ מײדעל ווי זי דאַרף זיך גאָר נישט נויטיגען. אַפּנים, אַז גאָר נאַטירליכע מײדליך זענען נישטאָ. און די עפּעקטען זײַערע, אפילו בײַ קלוגע און ענטוויקעלטע מײדליך, קומען שטענדיג אויס נאַריש, פלאַך און איבעריג. אַ בחור, ווײס פון אַ זעלכע זאַכען נישט, און אין דעם פּרט איז ער נישט אין אַנ׳ערך טײַערער און נאַטירליכער פון זײ.

— בײַ אײַך איז, ליסער, אַ יודישע נאָז... — האָט זי לײַכט און שפּילענדיג געזאָגט, — אויפ׳ן רעכטען מיטען איז אַ הערבעלע...

— אויף אַ יודישע נאָז רעדט נישט קײן סך... — האָט

ליסער פערבארגען עפעס א ברוגז'דיג געפיהל אין זיך, — ווארום איהר פערטשעפעט דא אלע יודען.

עס איז געווען עהנליך, ווי זי וואלט נישט הערען זיינע ווערטער, אדער ווי זי וואלט שוין געוואוסט פריהער, וואס ער וועט זאגען. פערלעגענדיג די הענד אויפ'ן הארצען און עטוואס אנבויגענדיג דעם קאפ, האט זי, ווי איהם אויף צו להכעיס, אפען און דויערענד איהם בעטראכט פון דער זייט.

— בלייכע באקען זענען ביי אייך... גרויע אויגען. שווארצע האהר... די האהר אייערע זענען שען. א קליינער שטערען, אבער א קלוגער... נו, דערמיט פערטשעפע איך אויך אלע יודען?

— אייער גליק... — האט ליסער געענטפערט, — וואס איהר האט אין מיין געזיכט אויסגעפונען מעלות... אניט וואלט איך אייך שוין בעוויזען א חסרון אין אייער פנים, וואס איהר וואלט מיך, דאכט זיך, געדענקען...

— זאגט וואס... — איז זי האסטיג און נייגעריג צוגעשטאנען.

— איך האב דאך אייך געזאגט, פארוואס איך קען עס איצט נישט זאגען... — האט ליסער געלאכט.

— ניין, איהר מוזט זאגען, — האט זי מיט בעפעהל א שאקעל געטהאן דעם קאפ.

— נו, פריילין, איז מ ו ז ע ן זאגען—נישט צופיעל פון אייער זייט?

— אהא! איך ווייס שוין! — האט זי זיך א חאפ געטהאן און האט זיך באלד צוריק-געהאלטען, —איהר זענט א שלעכטער!

און זי האט זיך הויך פונאנדערגעלאכט. עס איז געווען עפעס קינדערשעס און שפיעלענדיגעס אין די קליינע ווייסע צייהנער, וואס האבען זיך בעוויזען ביים לאכען אונטער די רויטע רעהמעליך פון די ליפען. געלאכט האט אויך ליסער, און א צופרידענער האט ער געטראכט, אז דאס סאמע דרייסטע מיידעל קען מען אייגענטליך לייכט אוועקשטעלען אין אן־אונבעהאלפענער לאגע. מען דארף נאר נעהמען עפעס א נארישקייט, וואס זאל האבען א שייכות צו

זײַ אָדער צו זײַער שענקײַט, מאַכען אַ סוד און כלומרש׳ט נישט װעלען אויסזאָגען. דאָס מאַכט באַלד נאַטירליך, אָבהענדטיג און נײַגעריג.

— איהר װאוינט שוין לאַנג אין דאָרף?—האָט ער געפרעגט.

— אַ האַלב יאָהר. און מיר איז נישט דערעסען געװאָרען, איך האָב, דאַרפט איהר װיסען, טײַערע עלטערן און אַ גאָלדענעם זײַדען. צוליעב דעם זײַדען אַלײן איז כדאי צו װאוינען אין דאָרף.

— נו, איך גלויב אײַך נישט...

בײַם טיש האָט זי געגעסען מיט אַפּעטיט און האָט אַזױ װי אָן ליסער׳ן פערגעסען. האַלטענדיג אין אײן האַנד אַ מעסער און אין דער אַנדערער — אַ גאָפּעל, האָט זי אָנגעבויגט דעם קאָפּ צום טעלער, און ליסער, קוקענדיג פון דער זײַט, האָט געטראַכט, אַז זי מוז זײַן טאַקע הונגעריג. יעדענפאַלס איז זי אַ אינטערעסאַנט מײַדעל, װאָס לאָזט זיך לײַכט נישט פערשטעהן. אַז עס איז אַרײַן דער פעטער, האָט ער התפּעלות׳דיג אויסגערופען איהר נאָמען, האָט זיך באַלד אװעקגעזעצט נעבען איהר און אינגעלש און שטיפעריש פערװאָרפען אַ האַנד אויף איהר אַקסעל. עס איז געװען קענטיג, אַז זי מיט׳ן פעטער האַלטען זיך, װי צװײ שטיפערישע חברים, װאָס זענען אײנע די אַנדערע געפעלען.

—אָט, —האָט ער געשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ צו ליסער׳ן,— טאַמאַרלען האָב איך האַלט. אַ טײַער מײַדעל! אַזױנע מײַדליך זענען גאָר נישטאָ...

טאַמאַרקע האָט איהם געשטאָכען איבער׳ן האַנד מיט׳ן גאָפּעל, האָט איהם געצופּט דאָס בערדעל און געצװינגען פאַר׳ן אויער, דער פעטער האָט זיך נישט געלאָזען, האָט מיט זײַנע אויסגעצװינגענע הענד געװאָלט חאַפּען איהרע, און די שטוהלען אונטער זײ האָבען געסקריפּעט. די מוהמע האָט געװאונקען אַ לאַכענדיגע צו טאַמאַרקען, אַז זי זאָל זיך נישט אונטערגעבען, און ליסער׳ן איז דאָס אַלץ עפּעס אויפגעקומען מאָדנע און כמעט נישט עסטעטיש. ער האָט זיך אויפגעהויבען און האָט נישט אויפריכטיג געשמײַבעלט.

— איך בין דאָך שוין אַן׳אַלטער יוד, — האָט דער פעטער הויך אַרויסגעזאָגט, — נאָר אַז מען זיצט נעבען טאַמאַרקען, װילט זיך שפּילען. אַי, איז דאָס אַ טאַמאַרקע!

— געדענק, קלמן, — האָט די מוהמע גוטמוטהיג געכוזק׳ט, שאָקלענדיג מיט אַ פינגער אַרום נאָז, — דו װעסט זיך נישט אױסלײטערן...

עס איז אַרײן אַ פױער אין פערפראָהרענע ליאַפּטעס, מיט אַ גרױער פראָסטיגער באָרד, מיט אַן׳אַלטען װאַטע־היטעל אױפ׳ן קאָפּ און האָט אַװעקגערופען דעם פעטער. די מוהמע האָט זיך צוגעזעצט צו טאַמאַרען און האָט זי גענומען געשעפטליך און ערנסט פונאַנדערפרעגען, װאָס עס הערט זיך אין זשערמאָן, צי פאָהרט דער פאָטער איהרער אין גובערניע אַרײן, װען װעט זיך אָנהױבען דער פּראָצעס, װאָס דעם גראַפ׳ס פערװאַלטער האָט פערפיהרט נעגען זײ, צי איז בעקומען געװאָרען אַ בריעף פון אײדעס, װאָס איז אַװעקגעפאָהרען הײלען זיך אין אױסלאַנד, צי װעלען זײ איבערקלעבען די שטוב אױף פסח און צי האָט די מאַמע געפונען די פעריל, װאָס די דיענסט האָט גע׳גנב׳ט. אױף דעם אַלעם האָט טאַמאַרע געענטפערט פױל און מעחאַניש, קוקענדיג גלײכגילטיג אין פענסטער אַרײן. ליסער, װאָס איז אומגעגאַנגען איבערן צימער, האָט זיך געװאונדערט אױף זײן מוהמען, װעלכע איז, דאַכט זיך, אַ קלוגע פרױ און דאָך פערפיהרט זי אַזױנע איבעריגע און אומנוציגע שמועסען, װאָס מאַכען לאַנגװײליג די צײט. אָפטמאָל האָט זיך איהם געדאַכט, אַז אין דעם ליגט אַ פערבאָרגענע כונה פון אַן׳עלטערער, נאָך קאָקעטישער פרױ נישט צו דערלאָזען, אַז יונגערע זאָלען האָבען די מעגליכקײט צו פערברײנגען. און דעמאָלט האָט זיך איהם געװאָלט איבערגעהן אין אַן אַנדער צימער, צולעגען זיך און מאַכען זיך, אַז ער שלאָפט. נאָר באַלד פלעגט איהם אַרױפקומען אױפ׳ן זינען, אַז די מוהמע מײנט דאָ גאָרנישט, אַז עס איז נישט מעהר, װי אַ דאָרף־נעװעהנהײט און אַז מען ברױך עס איהר מוחל זײן.

די מוהמע האָט זיך, קענטיג, אַלײן געכאַפּט דערױף, זי איז געשװינד אױפגעשטאַנען, און, זאָגענדיג, אַז זי דאַרף עפּעס

אין קיך, איז זי ארויסגעגאנגען. אויף א ווײַלע איז אריינגעטראטען א שטילקייט. ווי אינסטינקטיוו, פערבארגענערהייד האבען זיי א קוק געטהון איינע אויף די אנדערע און געהאלטען דאס אויג אויפ'ן אויג, אהן ווערטער, ווי איינער דעם צווייטען וואלט איבערגעגעבען א סוד מיט די בליקען.

און דערנאך האט זיך טאמארע פונאנדערגעלאכט, פלוצלונג און הויך. ליסער'ן האט עפעס א ציטער געטהאן ביים רוקען און ער האט זיך געפיהלט אבהענדטיג. נאר דאס לאכען האט נישט אויפגעהערט. אנהויבענדיג זיך אין אנהויב דין, האט עס זיך אין מיטען קלינגענדיג, ברייט און הילכיג צושאטען, האט זיך ביים סוף מיט אמאל אבגעריסען און ווידער זיך דין אנגעהויבען. א שווערע לאנגווייליגקייט צוזאמען מיט אנ'אונבעקאנטער קאלטקייט האט ארומגעכאפט ליסער'ן, און ביי איהם איז געווען אזא געפיהל, ווי ער וואלט פאר א קרייז קלוגע מענשען ארויסגעזאגט א גרויסע נארישקייט. איצט האט ער אויף זיכער בעשלאסען, אז דאס דאזיגע מיידעל האט ליעב עפעקטען, פאזעס און אונגאטירליך צו שפיעלען, און אז אזוינע מיידליך זענען, סוף כל סוף, נישט אינטערעסאנט. איהר חתן מוז מסתמא זיין א נאר, א גרויסער שוטה, ביי וועלכען זי קען זיך לייכט און פראסט אויסבייטען אט די אונגאטירליכע, נישט עסטעטישע פאזעס און עפעקטען אויף שענע מיידעלשע פאעזיע.

— איהר ווייסט, וואס איך לאך? — האט זי אנגעהויבען און אויפ'ן פנים זענען איהר געלעגען פרישע און יונגע געלעכטערקנייטשען, — מיר האט זיך געדאכט, אז איהר פלאנעוועט עפעס מכח א ראמאן מיט מיר.. אז איהר האט געקוקט אויף מיר, איז עס אויף אייער נאז געלעגען... איהר האט אויסגעזעהן נאריש... נאר אייגענטליך פלאפלע איך. ס'איז גארנישט. לאכט פון מיר, אויב איהר קענט, אדער איהר ווילט.

— און אויב איהר ווילט, — האט זי זיך פלוצלונג אויפגעהויבען פון ארט און איז נאהענט צוגעגאנגען צו ליסער'ן, — זענט איהר מיר געפעלען... איך האב ליעב צו זאגען אפען...

א ווייכער שמייכעל איז א דורך איהרע אויגען, עפעס אויפ-

ריכטינגעס האָט אַ וועהע געטהאָן פון איהר פנים. זי איז געשטאַנען נאָהענט, לייכט און חנ'עוודיג, און עס האָט זיך נישט געקענט גלויבען, אַז מיט עטליכע מינוט צוריק, האָט זי פון עפּעס שטאַרק געלאַכט, פערשאַפענדיג דערמיט אונאַנגענעהמעס אַנ'ערשט-בעקאַנט-געוואָרענעם יונגענמאַן. נאָר ליסער איז געוועזן אָנגעשטרענגט און ער האָט איהר מעהר נישט געטרויט. איהם האָט זיך געדאַכט, אַז באַלד וועט קומען אַנ'אַנדער תנועה און וועט ווידער פערשטערן. אייגענטליך בעדאַרף זי בעקומען אַ שטראָף פאַר די אונאָנגענעהמע עפעקטען. די שטראָף קען זיין אַזאַ, וואָס ער וועט איהר קאַלט געבען די האַנד און אַוועקגעהן. דערביי קען מען זאָגען פון איידעלקייט וועגען אַ תירוץ, אַז דער קאָפּ טהוט וועה אָדער ער איז גראָד די מינוט פערנומען. מען קען זי אויך ביטער און איראָניש אויסלאַכען, בטול מאַכען מיט ווערטער און מיט בליקען, מיט מאַנסבילשען שטאָלץ אָבשלאָגען איהר מוטה און אַריינברייננגען זי אין אַנ'אונבעהאָלפענער נאַטירליכקייט. נאָר וואָס מעהר זי איז געשטאַנען פאַר איהם לייכט, חנ'עוודיג און נאָהענט, אַזוי, אַז עס האָט זיך געהערט דער ריח פון איהרע האָהר, אַלץ מעהר האָט גענומען אַנטרונען ווערען די מאַכט זיינע, און דאָס בעוואוסטזיין פון דעם האָט אי געערגערט, אי פערשאַפט עפּעס אַנ'אונפערשטענדליכע הנאה.

— וואָס קוקט איהר אויף מיר? — האָט ער מיט אַ געמאַכטער קאַלטקייט געפרעגט.

— גאָרנישט..., — האָט זי קינדיש אָבגעענטפערט, — איך קוק און וויל טרעפען, וואָס איהר טראַכט...

עס איז שוין שווער געוועזן בייצושטעהן. דאָס גרויסע דאָרפציממער, דער ווייסער שניי, וואָס האָט זיך געזעהן אונטערן פענסטער, טאַמאַרקעס נאָהענטע שטעהן, איהר אָטעם און דער ריח פון די געדיכטע דונקעלע האָהר — האָבען מאָדנע געוועקט דאָס האַרץ און עס אָנגעפילט מיט אַ זיסער, בעקאַנטער אונרוהיגקייט. אין דער דאָזיגער אונרוהיגקייט האָט זיך געוואָלט פערגעסען אָן אַלע פריהערדיגע חשבונות, אַרויסוואַרפען אַלע מחשבות פון קאָפּ, ריידען נאַרישקייטען, זיין נאַכגיביג און גוט און פלייסיג. און ער

האט שטיל, גענוּיט און ווייך פערוואָרפען א האנד איבער איהר פלייצע, ביים טאליע, און א ציה געטהאָן צו זיך. איהרע שטראַה־לענדיגע אויגען, גרויסע און א ביסעל פערוואונדערטע, האבען פון אונטען אַרויף און ברייט א קוק געטהאָן אין זיינע.

— לאָזט מיך נאָר אָב... — האט זי זיך גוטמוטהיג בע־פרייט פון איהם, — אין דאָרף האָב איך זיך אָבגעוועהנט פון בחורים...

— נו, רעכענט אייך... — האט ליסער געשמייכעלט.

— ביי אייך קומט עס אַרוים צו־קאַוואַליעריש, — האט זי אין א מינוט אַרום צוגעגעבען, — און צו־גיך...

זיי זענען ביידע געשטאַנען אין מיטען צימער. זי האט גע־וואָלט א בעקוועמען אָרט פאר ביידען צו זעצען זיך, און אזוי ווי נישט געפינענדיג, האט זי א מידע ארויסגעזאָגט:

— קומט איבער אין אַנ'אַנדער צימער. איך וויל זיך צו־לעגען. איהר וועט זיך זיצען אויף א שטוהל און מיר וועלען ריידען, אויב עס וועט זיך וועלען.

מען איז איבערגעגאַנגען אין צימער, וואו עס שטעהט די קושעטקע. אויסקלעגענדיג זיך, האט זי פאַרטיזלטיג אַראָבגעצוי־גען דאָס קלייד איבער די שיך און אָנגעוויזען איהם א שטוהל, וואו צו זעצען זיך. איצט האט זי אויסגעזעהן רוהיג און פער־טראַכט. זי האט געקוקט פון דער נידעריגער קושעטקע ערגעץ אין א ווינקעל און האט געשוויגען. די הענד האט זי געהאלטען צו־נויפגעלעגט אויפ'ן הארצען, די ליפּען פערדריקט, און זי איז אויסגעקומען עהנליך אָן א יונגער בעשיידענער גימנאַזיסטין, וואָס איז געקומען דאָס ערשטע מאָל צוגאַסט אין א פרעמדען הויז.

— ווי ביי אייך בייט זיך וואונדערליך דאָס פּנים...—האָט ליסער בעמערקט, — אַט איצט, אַז מען קוקט אויף אייך, דאַכט זיך, אַז איהר קענט קיין צוויי נישט ציילען...

— וואָס מיינט איהר דערמיט?

— קיין זאַך נישט. ביי מיר איז דאָ א פאָרשטעלונג, אַז איהר זענט זעהר א לעבעדיגע מיידעל און אַז אזא מינע איז נישטאָ אין אייער כאַראַקטער.

— עס קאן זיין, — האט זי פויל ארויסגעזאגט און האט צוגעמאכט די אויגען.

ליסער'ן האט זיך געדאכט, אז זי שפילט ווידער, אז זי מאכט א פאזע. ער האט זיך אויפגעהויבען, איז נאהענט צוגעגאנגען צום קושעטקע און האט אויסגעשטרעקט די האנד.

— איהר ווילט מסתמא שלאפען...—האט ער גיפטיג א זאג געטהאן, איבערבויגענדיג זיך צו איהר.—נאט אייך א האנד, איך געה אוועק...

זי האט נישט באלד געענטפערט, אויסשטרעקענדיג איהם די האנד, האט איהם טאמארקע זי נישט דערלאנגט, פונקט ווי זי וואלט איהם געוואלט אבנארען אויף צום לאכען. די ליפען האבען זיך ביי איהר אויפגעלעגט אין ברוגז'דיגע ליניען, און מיט א קאפריזען טאן, ווי זי וואלט קאפירען א צופיעסטעט קינד, האט זי געזאגט:

— זיצט. אזוי היים איך.

— ניין. איך זיץ נישט. — האט ער זיך געמאכט קאלט.

— טא געהט! — האט זי האסטיג אויפגעהויבען דעם קאפ מיט ברוגז'דיגע אויגען.

ליסער האט זיך נישט געקענט אריענטירען. נאר איהם איז, ווי מיט אמאל, קלאר געווארען, אז די אלע עפעקטען איהרע נעהמען זיך דאך נישט פון קאלטקייט צו איהם. עפעס הויבט זיך אן וועבען אין איהר און מען דארף זיין פארטזיכטיג, כדי עס זאל וואס ארויסקומען. גוט וואלט געווען, ווען מען וואלט אינגאנצען נישט געברויכט האבען קיין פאליטיק און פארטזיכטיגקייט און נישט דארפען ביי זיך אין קאפ איבערוועגען יעדע מינע איהרע, ווען עס וואלט זיך איינפאך געלאזט געהן אהין, וואוהין עס ציהט. נאר איצט מוז מען געברויכען פאליטיק און פארטזיכטיגקייט. עס זענען פארהאן צוויי וועגען: אדער קאלטקייט און געפאנצירטקייט, אדער ווארימע צערטליכקייט און נאכגיביגקייט. דערווייל קען מען אויסקלויבען איין וועג: קאלקייט. דער דאזיגער וועג איז שטענדיג געווען סימפאטישער ליסער'ן און מעהר אין זיין כאראקטער. זי וועט מאכען תנועות און פאזעס — ער וועט זיין קאלט. זי וועט

אונגאטירליך שפילען — ער וועט זיין קאלט. אזוי ווי ער בעמערקט עס נישט.

— נו, איהר זעצט זיך? — האט זי געפרעגט מיט דערזעלבער בייזקייט.

— מען קען זיך זעצען . . . — האט ער קאלט ארויסגעזאגט.

זי האט א קוק געטהאן אויף איהם און האט א שאקעל געטהאן מיט'ן קאפ. נאר איהם איז ארויפגעקומען אנ'אנדער מחשבה אין קאפ. וואס וויל ער דא פון דעם מיידעל? אנ'ערשטע בעקאנטשאפט, וואס בינדט זיך נישט — איז וואס וויל ער? מען קען נעהמען און אוועקגעהן. אין דער'אמת'ן איז זי כמעט ווי נישט קיין אינטערעסאנטע. איז צוליעב וואס זאל ער זיך צווינגען, פיהרען פאליטיק און מאכען זיך איינג און שווער. פערלעגענדיג אויף הינטער די הענד, האט ער געגעבען בריטע טריט איבערן צימער, און געהענדיג האט ער געטראכט, אז עפעס פערשאלטענעם, אז א קללה הענגט איבער איהם — ער זאל זיין גאנץ לעבען זיין אונטערגעווארפען דעם איין געדאנק וועגען מיידליך. עס איז נישט געווען קיין איין שעה אין טאג, וואס ער האט נישט געטראכט וועגען דעם אדער יענעם מיידעל, וואס דאס אדער יענם מיידעל זאל איהם נישט שטעהן פאר די אויגען, גלאט, אזוי זיך, אהן א ברעקעל סיבה. דאס האט געטראפען, ווען ער איז אפילו געווען פערנומען מיט זעהר א וויכטיגער און פערוויקעלטער ארבייט. אפילו ווען ער האט געטראכט וועגען עפעס זייטיגעס, איז זיך אין מח, ווי ביים זייט, נעגאנגען דער געדאנק וועגען מיידליך. און נישט נאר בעקאנטע — אונבעקאנטע מיידליך פלעגען זיך ווייזען און דמיון, אזוינע, וואס ער האט מיט זיי קיינמאל נישט גערעדט, נאר וואס ער האט זיי בלויז געקענט פון נאס און זיי פלעגען איהם אינגאנצען בעהערשען. אפטמאל פלעגט עס פייניגען און ארויסרופען אנ'אונצופרידענהייט מיט זיך.

— איך וועל אייך עפעס דערצעהלען . . . — האט זי זיך פלוצלונג געווענדט צו איהם מיט א ווייכען צערטליכען ברוסטקול, — ווען איך ליעג רוהיג אויפ'ן פלייצע, הויבט זיך מיר אן באלד צו דאכטען, אז איך שוועב אום אין ווייסען, אין זיידענעם,

מיט ווייסע שיכעליך אויף ווייסע זאָקען... און די האָר מיינע זענען פונאַנדערגעלאָזט און וואו איך קום איז די זון... מען נעהמט מיך אויף און מען בענשט מיך... קינדער טייטלען אויף מיר מיט די פינגער און פרעהען זיך מיט מיר. ביי עלטערע, אז זיי קוקען אויף מיר, גלעטען זיך אוים די קנייטשען, און זיי נויגען זיך פאר מיר... און די יונגע זענען אין מיר פערליעבט, אלע ביז איינעם פערליעבט... און, לירישפּערטרויערטע, זינגען זיי מיר פון דער-ווייטען, פון די ווינקלען, אז איך זאָל נישט זעהן זייערע ליידען, ליעבע-ליעדער...

און האַסטיג אויפשטעלענדיג זיך, האָט זי קאָקעטיש און פרעהליך אַ פּאַטש געטהאָן מיט די הענד, האָט זיך געשווינדט אַ דרעה געטהאָן אויף די הויכע אָבצאַסען פון די שמאָלע מאָדישע שיכלעך, און האָט זיך פונאַנדערגעלאַכט. אין לאַכען זענען איהרע אויגען שמאָל געוואָרען און אין די שפּאַלטליך האָבען געבלישטשעט לוסטיגע און ליידענשאַפטליכע פייערליך. און דערנאָך איז זי געשיקט צוגעגאַנגען צו ליסער׳ן, האָט איהם שטיפעריש אָנגענומען פאר די הענד, און, אויפהויבענדיג זיך אויף די שפּיצען פינגער, האָט זי איהם אַ קוש געטהאָן אין שטערען. ליסער האָט זי געוואָלט אַרומנעמען, נאָר זי האָט זיך רוישיג און שטיפעריש אַרויסגעגליטשט פון זיינע הענד. באַלד איז זי געשטאַנען אין דער אַנדער העלפט צימער, מיט די הענד אין די באַקעס, אַ רייצענדע און אַ לייכטזיניגע, און אין איהר געזיכט איז נאָך געווען אַזאַ אויסדרוק, ווי עמיצער וואָלט זי וועלען נאָכיאָגען און זי מאַכט זיך גרייט אויפצוהויבען זיך און אַרויסצופליהען דורכ׳ן פענסטער.

— איך הייס אייך בלייבען רוהיג! — האָט זי איהם פון ווייטען געסטראַשעט מיט׳ן האַנד, — עס איז גאָרנישט ניט געווען...

— עס הויבט זיך גאָרנישט אָן! — האָט ליסער געמאַכט עטליכע שריט פאָראויס, — איך פאָלג נישט...

נאָר שטיל, אַזוי ווי גע׳גנב׳ט, איז אַריין די מוהמע, מיט אַ תיטרען שמייכעל אַרום די אויגען. פון די אַקסלען איז ביי איהר אַראָבגעהאָנגען אַ שען-געשטריקטער טוך, פון די הויך-פּערקעמטע

האָהר האָבּען אַרויסגעגלאַנצט קעמעליך און גוטע שפּילקעס, און דערפון איז די נישט־יונגקייט איהרע געווען בּולט'ער.

— איך שטער אייך, קינדער? — איז זי געבּליבּען שטעהן צווישען ליסער'ן און טאַמאַרקען.

— יאָ... — האָט טאַמאַרקע עקשנות'דיג אַ שאָקעל געטהאָן מיט'ן קאָפּ.

ליסער האָט איבּער דער מוהמען אַ קוק געטהאָן אויף טאַמאַרלען. בּיי איהר האָבּען געשטראַהלט די אויגען, די בּאַקען זענען געווען ראָז, מיט ווייסע פרישע פלעקען, און אופ'ן יאַקעל האָט זיך דייטליך געזעהן, ווי עס עטעמט געזונד און נצחונ'דיג די בּרוסט.

— נו, וועל איך אַוועקגעהן... — האָט זיך די מוהמע געוואָלט אויסדרעהען צום טהיר.

— ניין, אַוועקגעהן דאַרף מען נישט... — האָט איהר טאַמאַרקע מיט אַ רוישיגער בּעוועגונג פערשטעלט דעם וועג. — איהר האָט געשטערט? איצט איז שוין אַלץ־איינס...

— אַי, בּיזטו אַ מיידעל! — האָט איהר די מוהמע אָנגעפּאַכשט איבּערן פּלייצע.

מיט דער מהומעס אַריינגעקומען איז נישט געפאַלען די פרעהליכקייט, נאָר זי, די פרעהליכקייט, וואָס האָט זיך פריהער געטיילט אויף צווייען, איז שוין איצט געווען אויף דרייען, און ליסער האָט געשטילט זיין אונאַנגענעהמעס געפיהל מיט די פּאַעטישע און אויפפאַלענדע רמזים, וואָס טאַמאַרקע פלעגט איהם צוואַרפען. פּלוצלונג האָט זיך איהר פערוואָלט אַרויפשפּרינגען אויפ'ן טיש. איידער מען האָט צייט געהאַט אַרומצוקוקען זיך, איז שוין טאַמאַרקע געשטאַנען אויפ'ן הויכען קיילעכדיגען טיש, וואָס איז געווען בּעצויגען מיט אַ בּרוינעם דיקען סערוועט. אויף די הויכע שמאָלע שיכליך, מיט די לאַנגע אָבּצאַסען, אונטער וועלכע עס האָבּען זיך געזעהן די פענסטער, מיט די הענד אין די בּאָקעס, מיט שטראַהלענדע אויגען און מיט צוצויגענע לאָקען אייבּער'ן שטערען — איז זי געשטאַנען און געקוקט אַראָב, אַ שפּיעלענדיגע, אַ ציהענדע און אַ צולאָזענע.

— נו ! — האָט זי געביטען מיט די פיסעליך , ווי אין אַ לייכטען טאַנץ , קוקענדיג דאָ אויף ליסער'ן און דאָ אויף דער מוהמען .

— אָט איז אַ שד אַ מיידעל ! — האָט די מוהמע געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ .

און באַלד אַזוי ווי ארויסגעזיפצט :

— אַז מען איז אַזוי יונג . . .

— חאַפּט מיך ! —האָט טאַמאַרקע אויסגעשריען , און אַ ריס טוהענדיג זיך אין דער־הויך , איז זי אַראָבגעשפּרונגען פון טיש און איז ארויפגעפאַלען אויף ליסער'ן . געפאַלען איז זי אַקוראַט ביי איהם אויפ'ן ברוסט , עס האָבען זיך איהם עטוואָס אַ וויעג געטהאָן די קניה , ער האָט זי פעסט ארומגענומען , זי איז געבליבען מיט הענגענדיגע פיס אין שוואַרצע זאָקען , און ער האָט זי אַזוי אַוועקגעשטעלט אויף דער פּאָדלאָגע . אַלע דריי האָבען לאַנג געלאַכט .

דער קורצער בלייכער שוויינענדיגער ווינטער־טאָג האָט פונאַנדערגעשפּרייט דונקעלע ליילעכער אויפ'ן הימעל און אַליין האָט ער זיך גענומען איינהילען אין גרויען . די דונקעלע ליילעכער זענען פונאַנדערגערוקט , נאָר עמיצענס אַ האַנד , אַן'אומגעזעהענע און אַ פאַרטזיכטיגע , האָט זיי לאַנגזאַם און שטיל צונויפגערוקט אין איין לאַנגער דונקעלער ליילעך . און בשעת מען איז איבערגעגאַנגען אין עס־צימער , וואו דער פעטער איז געזעסען איבער אַ שמאָלען בוך און האָט געמאַכט חשבונות , האָט ער און די מוהמע אין איין טאָן געפרעגט , ווען רעכענט טאַמאַרקע פאָהרען און צי וועט זי אפשר איבערנעכטיגען דאָ די נאַכט . אַ ווײַלע האָט זיך טאַמאַרקע געשלאָגען מיט דער דעה און דערנאָך פעסט געזאָגט :

— איך פאָהר באַלד .

צום טיש האָט מען דערלאַנגט בלינצעס אין פוטער . דער פעטער האָט זיך געוויצעלט מ.. אַ פעטען מויל און די האָהר פון באָרד האָבען געבלישטשעט . ווי פריהער האָט ער הבר'דיג און שטיפעריש ארומגענומען טאַמאַרלען , האָט רושיג געלאַכט און האָט געבראָכען

דעם שטוהל, אויף וועלכען ער איז געזעסען. טאַמאַרקע האָט זיך צונעאַיילט און אונטער דעם אויסדרוק פון איילעניש איז געלעגען עפּעס אַ גלייכגילטיגקייט. נאָר אַז זי פלעגט וועלען עפּעס זאָגען, פלעגט זי זיך ווענדען צו ליסער'ן און, ווי מיט אמאל חרטה האָבענדיג, פלייגט זי זיי אָבקעהרען צו אַנ'אַנדערן און ביי יענעם פערענדי: ען די פראַזע.

אָנגעטהאָן האָט זי זיך געשווינד. זי האָט אַרויפגעצויגען אַ קורץ וואַרים ווינטער־מאַנטעלע, מיט אַ קאַטיקענעם קאָלנערל, און אויפ'ן קאָפּ—אַ וואָלענעם טוך. נאָך דעם פראָסט נאָך איז עס געוועזען וועניג, צו־לייכט, און די מוהמע האָט איהר פאָרגעלעגט איהר ווינטערדיגען וועג־פעלץ. די מוהמע איז געוועזען אונרוהיג און האָט כסדר גע'חזר'ט:

— געדענק, טאַמאַרקע, דו וועסט זיך פערקיהלען.

נאָר טאַמאַרקע איז געוועזען איינגעשפּאַרט און האָט נישט געוואָלט הערען. אַ שמייכלענדיגע האָט זיך געזעגענט, און אין פּנים, וואָס איז געוועזען אַרומגענומען קיילעכדיג פון דעם טוך און איז געוועזען פערקלענערט, האָט זיך איצט בולט'ער אַרויסגעזעהן אַ פרוי, אַ קינד. זי האָט ליסער'ן אויסגעשטרעקט אַ האַנד און האָט דערביי אַזוי ווי בעהאַלטענערהייד געקוקט, וואָס וועט ליסער פאָרנעהמען.

— מיר איילט זיך נישט געבען די האַנד... איך וועל אייך בעגלייטען, — האָט ליסער איילענדיג אָנגעטהאָן דער מאַנטעל, — איהר וועט דאָך ערלויבען?

טאַמאַרקע האָט נישט געענטפערט. אַרויסגעהענדיג אין דרויסען, איז נאָך געוועזען גוט קאַלט, נאָר דער פראָסט איז, אַפּנים, שוואַכער געוואָרען. עס איז געפאַלען אַ דין שנייעלע, שיטער, פויל און לאַנגזאַם, און עס האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס שנייעלע פאַלט נישט פון הימעל אויף דער ערד, נאָר עס איז אַזוי געקומען פון ערגעץ און וויעגט זיך אום פאַמעלעך הין־און־צוריק.

נעבען גאַנעק איז געשטאַנען טאַמאַרקעס שליטעל און אַ יונגער שגץ, אַ פערפעלצטער און אַ פערגאַרטעלטער, האָט אַריינגעשטעלט אַ פוס אין שליטעל און גענומען קירעווען דאָס פערד,

קוקענדיג מיט איין אויג אויף טאמארקען.

— דו, וואניע, פאהר זיך דערווייל פאמעליך, און מיר וועלען זיך געהן פון הינטען, — האט איהם טאמארקע א געשריי געטהאן, מיט א פארע פון מויל.

נאך די אלע טעג, וואס ליסער איז אפגעזעסען אין שטוב, האט איצט דאס הארץ אויף דער קאלטער פעלד־לופט פריי אפגע־אטעמט. די פארע ביים אטעמען, דאס געהן אויפ'ן סקריפענדיגען שניי, דאס זעהן פאר זיך, פון איין זייט, אנ'אונגעהויער גרויס שטיק פעלד, איינגעהילט אין ווייסען, אין מיטען מיט לויפענדיגע שווארצע טעלעגראפען־סלופעס, און פון דער צווייטער זייט — צוויי לאנגע שורות אלטע הייזעליך, מיט קליינע פענסטערליך, די פאלענדע שנייעליך אויף די ברעהמען און דאס פיהלען ווי זיי צוגעהען, די נאהענטקייט פון טאמארקעס פיגור און דער קלאנג פון איהרע ברייטע שענע מיידעלשע טריט אויפן סקריפענדיגען שניי — דאס אלץ האט געוועקט און געפרישט די נערווען, עס האט זיך געוואלט לאכען, מאכען זיך נאריש און שטיפען, און ער האט זי אנגענומען פאר'ן האנד, האט אריינגעפלאכטען זיינע פינגער אין איהרע, און ארייגלעגענדיג ביידענס הענד צו זיך אין קעשענע, האט ער מיט א פינגער געקלאפט א מאטיוו אן איהר לאדאן.

פאראוים איז געפאהרען וואניע. דאס קליינע שענע שלי־טעל האט געלעגט גלאנציגע צוויי פאסען אויפ'ן שניי, די דויע האט ווילעוויז געמאכט טויערליך אויפ'ן פערחמארעטען האריזאנט, דעם שנצ'ס פלייצע, א ברייטע און א געפאלבטע פון פעלץ, איז געוועזן געבויגען צום פערד, און ביים ראנד פון זיין פויערשער קוטשמע האבען זיך געשאקעלט די בויגעליך פון זיינע ווייס־בלאנדע האהר.

אין א מדינה איז אמאל געוועזן א בת מלכה,
האט געהיים א יונגעל זי געליעבט...

האט ליסער שטיל אונטערגעזונגען. נאר מאדנע האט זיך איהם געדאכט, אז ער זינגט עס הויך, אז אלע הערען עס און אז עמיצער מיט א שענער שטים העלפט איהם פון וויטען מיט־זינגען. שוין פון עטליכע יאהר, אז דאס דאזיגע ליעד האט ער

נישט געזונגען, עס איז איינגאנצען פערגעסען געוואָרען, נאָר איצט האָבען די ווערטער געפּלאָסען אין זכרון און זענען דאָרט געבליבען שטעהן שורות'וויז, ליכטיגע, ווי גאָלדענע. ער האָט געקלאַפּט מיט'ן פינגער אָן איהר לאַדאָן דעם מאָטיוו און האָט שטיל געזונגען:

אין א מדינה איז אמאָל געוועזען א בת-מלכה,
האָט געהיים א יונגעל זי געליעבט...

פון ווייטען, אַנטקעגען אויג, אויף א בארג, וואָס איז אַזוי ווי פלוצלונג ארויסגעקראָכען פון א בעהאַלטענעם אָרט, האָט זיך אויסגעצויגען א צייל הייזליך און האָט מיט די פענסטערליך טריב און אומעטיג געקוקט אויף דעם ווייסען לעדיגען שטח. דאָס איז געוועזען זשערמאַן. אָן א זייט, ארומגעצאַמט מיט א קורצען שיטע־רען פערשפּיצטען פּאַרקאַן, אויפ'ן סאַמע העכסטען אָרט, איז געשטאַנען א הילצערן קליינטעריל, און א מחנה שווארצע פיני־טעליך, אפּנים, סאַראָקעס, האָבען זיך געדרעהט ארום זיין שפּיץ.

— זשערמאַן! — האָט טאַמאַרקע אויסגערופען, א טאַנץ טהועגדיג, — איך האָב ליעב זשערמאַן! דער נאָמען אַליין איז עפּעס א שענער און נישט קיין רוסישער...

— וואָס איז מיר זשערמאַן! לאָזט זיך אוים פון זשער־מאַן! — האָט ליסער אָנגעבויגט צו איהר דעם קאָפּ — אין א מדינה איז אמאָל געוועזען...

— וואָס? — האָט טאַמאַרקע אָנגעשטעלט אויף איהם צוויי שטרענגע אויגען. — איהר ווערט נאַריש, ליסער...

— ניין, טאַמאַרקע, דאָס ווילט איהר זיין צו־קלוג... יע־דענפאַלס, נעהמט אָן מיין נאַרישקייט אויפ'ן חשבון פון דעם, וואָס איך בין געזעסען א צייט אין שטוב און האָב איצט הנאה צו געהן אויפ'ן שניי...

— לערנט מיך נאָר נישט, ווי אזוי צו פערשטעהן אייער נאַרישקייט...

דער צייל הייזליך איז צוגעשווימען נעהענטער, און מחמת עס האָט זיך איצט דיימליך געזעהן, אז די הייזליך זענען צו־שטעלט שיטער, זענען זיי אויסגעקומען מאוס'ער, עס האָט זיך

הויך ארויסגעזעהן א ברייט יחוס׳דיג הויז, מיט הויכע פענסטער, מיט א גאנעק אין מיטען און ביים זייט מיט לאנגע שטאהלען און שיערן. עמיץ האט, קענטיג, אין דעם דאזיגען הויז אנגעצונדען א שוועבעלע און עס האט זיך פערלאשען. און דערנאך ווידער און ווידער. צו די חמארנע דונקעלע שויבען פלעגט זיך א טוליע טהאן א בלייכער שיין פייער און פערשווינדען.

— מען צינדט שוין אן דעם לאמפ ביי אונז, — האט טאמארקע פערטראכט געזאגט, קוקענדיג צו יענעם הויז, — דאס איז אונזער שטוב, דארט וואוינען מיר... — און באלד צוגעגעבען, צושטעלענדיג זיך: — אט דא וועלען מיר זיך שיידען. איך וועט זיין נישט בעקוועם און קאלט צו געהן א היים צוריק. איצט וועט איהר קומען צו מיר. קומט, ווען איך וועט זיך פערוועלען.

ביים געזעגענען האט ליסער געפיהלט, ווי זי דריקט איהם פעסט די האנד און ווי אויפריכטיג און אויסדריקליך עס ריידען צו איהם עפעס איהרע אויגען. דערנאך האט זי זיך אריינגעזעצט אין שליטעל און גענומען זיך דערווייטערן, פרעהליך שאקלענדיג מיט׳ן קאפ.

ליסער׳ן איז צוגעטראטען צום הארצען דאס בעקאנטע געפיהל פון באנג טהאן און פון א מאדנעם פערלאנג נאך עפעס נישט דייטליכעס. נאר דער אנקומענדער אווענד, וואס האט זיך שטיל און ערנסט צולעגט איבער די שטומע פעלדער, האט גענאסען רוהיגקייט און זארגלאזיגקייט אין הארצען און עס איז געווען אנגענעהם און גרינג צו געהן, הערענדיג דעם בייזען סקריפ פון די אייגענע טריט אויפ׳ן שניי. און פערלעגענדיג די הענד אויף הינטער, אין די ארבעל פון מאנטעל, האט ער געטראכט אז אט האט ער זיך בעגעגענט מיט א זעלטען שען מיידעל, וואס איז איהם פון אנהויב געווען אונפערשטענדליך מיט איהרע גענג, וואס איז איצט פערשטענדליך און כמעט בעזיגט און וואס איהר אריגינעל פנים האט זיך איהם אזוי איינגעשניטען אין הארצען, אז דאס דאזיגע געזיכט שפרינגט איהם איצט פאראויס אין דער־פינסטער. הייסען הייסט דאס מיידעל טאמארקע און וואוינען וואוינט זי אינ׳ם דארף זשערמאן, האט ער, ליסער, זי

בעגלייט אַ היים, און אָט , איצט, געהט ער , ליסעד, צוריק אין אַ קאַלטען ווינטער-אָוועגד איבער פעלדער , און ער פיהלט זיך לייכט און בענגליך , ווי פער׳כשופ׳ט , און עס ווילט זיך עמיצען דאַנקבאַר זיין פאַר דער וועלט און פאַר דעם אָוועגד און פאַר די דערפער און פאַר ליטא און פאַר דער מוהמען מיט׳ן פעטער און פאַר זיך , פאַר זיך אַליין . און הייסען הייסט דאָס מיידעל טאַמאַרקע , טאַמאַרקע , טאַמאַרקע .

שטילע שאָרכען האָבען וואו-נישט-וואו געבראָכען די שטילקייט , אין דער דונקעלער פאַרבלאָזיגקייט פון הימעל האָבען זיך דאָ און דאָרט נישט זיכער געפלעקט איינציגע ווייטע שטערען , פונקט ווי עמיצער האָט זיי געצויגען פון יענער זייט אויף צוריק . דאָס שנייעלע האָט שוין לאַנג אויפגעהערט צו פאַלען און דער פראָסט איז שטאַרקער געוואָרען .

V.

עס האָט געשיינט די זון , און אויפ׳ן וואַנד האָט געטאַנצט אַ גאָלדענער פלעק , ווי אַ גרויסער שמעטערלינג . און אַז מען האָט אַרויסגעקוקט פון פענסטער אין דרויסען , האָט מען געזעהן , ווי די זון האָט אַרויסגעבלישטשעט פון די מיליאָנען קליינע קלאָרע שנייעליך , ווי פון געשטייסענעם גלאָז , און אַז אויף דער ערד איז דאָ מעהר זון איידער אויפ׳ן הימעל . אויפ׳ן הימעל איז זי געשטאַנען בלאַס און גאַסטאַרטיג , ווי אַ דורכרייזענדערין , וואָס וואַרפט אויף אַ בעקאַנטען אָרט אַ ליבען און אַ טרויריגען בליק . נאָר די קלאָרע שנייעליך , וואָס האָבען נישט געוואוסט דעם סוד פון צושמאָלצען ווערען , האָבען זיך אויף לאַנגע שטרעקעס געטיילט מיט די זון-שטראַהלען און זוניג און פרעהליך געשמייכעלט געגענאיבער איהר .

קוקענדיג אויפ׳ן טאַנצענדיגען פלעק , איז ליסער געלעגען

אונטערן קאָלדרע און האָט זיך געפוילט אויפצושטעהן. אַז עס איז שוין שפּעט, האָט ער געוואוסט פון די פויערים־קולות אין ערשטען צימער, פון די אָפטע שליטלעך, וואָס פלעגען פאַרביי־פאָהרען, פון דער זון־ליכטיגקייט, וואָס האָט זיך געגאָסען אין די פענסטער און פון דעם פעטער'ס שמאַיען איבער די צימערן.

נאָר עס איז געווען אָנגענעהם אונטער דער וואַרימער קאָל־דרע צו ליגען און פויל מיישב צו זיין זיך: אויפשטעהן אָדער נישט. עס איז אייגענטליך נישט געווען זיך וואָס צו איילען. מען האָט געקענט ליגען און מען האָט געקענט אויפשטעהן. דער דאָרפס־טאָג האָט זיך געצויגען לאַנג און האָט קיין אַרבייט נישט געגעבען. פאַרהאַן אַזוינע שעה'ן אין טאָג, וואָס ליסער האָט בשום אופן נישט געוואוסט ווי אַזוי זיי אויסצופילען. אין דער־פריה, נאָך טהיי, ביז פריהשטיק האָט געדויערט אַ שעה דריי, וועלכע זענען געשטאַנען, ווי פערגליווערטע, און יעדעס מאָל האָט זיך געדאַכט, אַז זיי וועלען שוין אַזוי בלייבען אייביג שטעהן און קיינמאָל וועט צו זיי קיין סוף נישט נעהמען. כדי צו שטופּען זיי, פלעגט ליסער זיצען צווישען די פויערים, רויכערן און שמו־עסען מיט זיי, אויסהערען אַלע זייערע רייד וועגען פערד און דעם גראַף זשאַזשוויצקי'ן, דערצעהלען זיי וואונדערליכע מעשיות וועגען דער גרויסער שטאָדט, הריגות און עלעקטרישע נאַכט־לאָמ־פּען, וואָס ברענען אויף די גאַסען, העלפען דעם פעטער מאַכען די חשבונות, צונעהמען אַמאָל אַ גאַסט, אַ סוחר, ווען עס איז גראָד קיינער אין שטוב נישטאָ, בלעטערן אַן אַלט רוסיש בוך, וואָס האָט זיך געדרוקט אין די צוואַנציגסטע יאָהרען, וויצלען זיך מיט דער מוהמען, אויסהערען איהרע עפּעס אַן'אינטימע מעשה, וואָס ענדיגט זיך שטענדיג מיט אַ בעדייטענדען זיפץ, בעגלייטען זי ערגעץ אַנ'עק דאָרף צו אַ פויער, וואו זי דאַרף וואָס האָבען, שרייבען בריעף און קוקען דורכ'ן פענסטער און אַרומגעהן אויף און אָב און קלערען און נישט קלערען און ליגען און געניצען און קוקען אויפ'ן וואַנד. און די דריי שעה פלעגען זיך אַלץ ציהען. טיילמאָל פלעגט ליסער אוועקגעהן צום פעטער אין שייער און דאָרטען וועגען מיט'ן פעטער זעקליך תבואות אויף אַ גרויסער

אבגעניצטער פרייסישער שאל, ארום וועלכער עס שטעהען האָריגע פויערים, מיט רויטע הענד און מיט פערפרוירענע בערד און וואנסען און ציהלען די זעקליך. אין דער קעלט איז די ארבייט געווען שווער, מען האט זיך בעדארפט איילען, און דאס איז געווען די בעסטע תרופה צו די דריי שעה.

עמיצער האט פאמעליך און נישט אינגאנצען געעפענט די טהיר, מיט אזא פארטזיכטיגקייט, ווי מען עפענט א טהיר פון א שלאפצימער, און האט דורכ'ן שפאלט אריינעקוקט. דאס איז געווען די מהומע. דערזעהענדיג, אז ליסער שלאפט נישט, איז זי אריינגעגאנגען און האט זיך אנידערגעשטעלט אנטקעגען איהם.

— וואס ליגסטו אזוי שפעט, בערעלע, שטעה אויף.

ליסער האט צופרידען אויסגעצויגען די פיס אונטער דער ווארימער קאלדרע, האט ברייט און געזונד א גענעץ געטהון, א ווארף געגעבען א קוק אויפ'ן פענסטער און אויפ'ן טאנצענדיגען שיין און האט פלוצלונג ארויסגעזאגט:

— איך געה היינט קיין זשערמאן. מוהמע...

די מוהמע האט א שמייכעל געטהאן, און די אויגען האט זיך בעוויזען א טריי פייעריל, ווי ביי א מענשען, ווען מען ווייזט איהם ארויס א סך פריינדשאפט.

— וואס עפעס היינט, בערעלע? און וואס עפעס געהן? דער גוי וועט דיך אבפיהרען אויף אונזער שליטעל. שעניר...

— ניין איך וועל בעסער געהן, — האט ער ארויסגערעדט מיט דערזועלבער פלוצלונגדיגקייט, אהן צוגעגרייטע מחשבות אין קאפ, און האט זיך באלד אנידערגעזעצט.

— נו, טהו ווי דו ווילסט, — האט די מוהמע זיך אויסגעדרעהט צום טהיר און גענומען אוועקגעהן, — מאך דאס אבער גיכער. עס איז נישט פריה.

און דער דאזיגער פלעצליכער איינפאל, וואס איז איהם פריהער אויפ'ן זינען נישט ארויף, האט אריינגעטראגען איילעניש אין די הענד און נעשיקטקייט אין די בעוועגונגען. ווי פון זיך אליין האט געצויגען גוט און לענגער איינצעוואשען זיך, אנטהאן די בעסערע קליידער, א ווייסערע מאנישקע, קלארערע מאנזשעטען.

אויספוצען די שיך, חאטש ער האט בעדאפט געהן אין טיעפע און ווארימע קאלאשען. לאנג האט ער זיך געקאמט אין שפיגעל, וואו ער האט געזעהן דורכגעהענדיג די מוהמע, וואס האט אויף איהם נייגעריג און אויפמערקזאם געקוקט.

אז ער איז אינגאנצען פארטיג געווארען, האט זיך איהם געדאכט, אז עס איז ערשט פריה, און ער האט געהאט אזא גע־פיהל, ווי ער וואלט בעדארפט געהן אין א גרויסער שטאדט אויף א קאנצערט, צי אויף א באל.

— נו, בערעלע, האסט אפשר חרטה? — האט איהם די מוהמע געפרעגט, בעת ער האט שוין אנגעטהאן דעם מאנטעל און געהאלטען ביים אוועקגעהן.

— אלץ נישט, — מיין ליעבע מוהמע — נאר צו־פוס.

— איז וואס זאל איך דיר ווינשען? — האט זי גוטהערציג און חיטרע געשמייכעלט, — געה און האב הנאה און נחת... און לעב א טאג. און נישט זוים זיך פונדעסטוועגען, בערעלע...

ליסער האט אנגענומען איהר האנד, און, דריקענדיג זי, האט ער געטראכט, אז אט די פרוי איז איהם א היימער און א גרויסער פריינד, און אז אין זיין לעבען וועט ער מסתמא קיינ־מאל נישט קענען מיט וואס עס איז אבצוגעלטען דער דאזיגער פריינדשאפט. ער האט די האנד נישט באלד ארויסגעלאזט, און, קוקענדיג קלאר און דאנקבאר דער מוהמען אין די אויגען, האט ער שווייגענדיג עטליכע מאל געדריקט די האנד.

דער טאג איז, אפנים, געוועזען א מארק־טאג, און איבער דעם גרויסען ווייסען וועג, וואס ציהט זיך פארביי די פענסטער אין נאהנטען שטעדטיל ראקאווקע, האבען דא און דארט געפינ־טעלט פויערשע שליטליך און פערדליך. א שורה שליטליך, בע־לעגטע מיט אלטע פולע זעקליך, האט זיך לאנגזאם און שווער געשארט איבערן וועג, ווי א לאנגע קייט, די פערד, קליי־נע און מאגערע, האבען מיט גרויס אנגעשטרענגקייט געצויגען די העלזער פון חאמוט, געאטעמט טיעף מיט די נאזלעכער און עקשנות'דיג ארויסגעשיקט די פארערשטע פיס פאראויס. הינטען אויף די שליטענס איז וואו־נישט־וואו געזעסען א יוד, דעם קאפ

אראבגעלאזט, די בארד פערפרוירען, די הענד פערשטופטע אין ארבעל. די פויערים זענען געגאנגען ביי די שליטליך, מיט די בייטשען אונטערן פאחווע און האבען אפטער אונטערגעשריען אויף די פערד.

מיט דאזיגען וועג האט ליסער לאנג נישט בעדארפט געהן. באלד האט זיך פון איהם אבגעטיילט א שטעגעלע, און, ווי א וואוו לעבעדיג קינד, וואס גנב'ט זיך אב פון א גרויסען, איז עס אנטלאפען געשלענגעלטערהייד, ווי טאנצענדיג, אין די ווייסע שנייען אריין. געלאפען, געלאפען און האט זיך אבגעהאקט, גע־בליבען שטעהן ווי צוטומעלט אין סאמע זשערמאן, ביים גרויסען וועג, וואס האט עס מיט גדלות און נצחון פער־האלטען און נישט געלאזט ווייטער לויפען. די ריינע ברייטע פעלדער שנייען, ביים שטעגעלע, האבען געבלישטשעט אנטקעגען דער זון, און, ווי אונענדליכע קלארע לייליכער, אונטער וועלכע, ווי עס האט זיך געדאכט, איז געלעגען עפעס ווייכעס, האבען זיי זיך געצויגען צו די עקען הימעל, וואו זיי זענען פערגאנגען אין א בלויקייט. ערטערווייז האבען זיך ארויסגעשפארט פון די פעלדער־גלייכקייט ווייסע קיילעכדיגע בערגליך, וואס זענען אויסגעקומען, ווי ווייסע זילבערנע קעפ פון זקנים, וועלכע זענען זיך טובל אין וואסער. וואו־נישט־וואו האט אזוי ווי זיצענדיג געדרעמעלט א בוים אויף דער זילבער־ווייסער לייליעך פון שנייע.

געהענדיג אויף דעם דאזיגען שטעגעלע, האט זיך ביי לי־סער'ן ביסלעכווייז אויסגעוועבט דער פריהערדיגער אימפעט און דאס נישט־וויסען קלאר וואוהין ער געהט. דאס שטעגעלע האט רייטליך געגעדט פון זשערמאן און ליסער'ן איז בעפאלען א לייכ־טע אונרוהיגקייט און אנ'ערווארטונגס־געפיהל. איהם האט זיך גע־דאכט, וואס ווייטער ער איז געגאנגען, אז פון די שנייען שמעקט מיט טאמארקען און אז זיי זינגען איהם פון איהר. אודאי איז זי נישט איין מאל דא געווען. מיט איהרע אויגען האט זי געזעהן יענם וויים בערגעלע, יענעם בוים, איהר פוס האט דא געטראטען, און אז מען זאל גוט זוכען, קען מען נאך געפינען א צייכען פון איהר שוך.

נישט נאָר זי איז דאָ געגאַנגען — זי האָט דאָ אויך אודאי געמוזט טאַנצען, שפּרינגען, לאַכען און שטיפען און זינגען, און איהר מײדעלשער אָטעם האָט זיך אויסגעמישט מיט דער ריינער פעלד־לופט.

און עס האָט זיך גערעכט, אַז די ווײַסע שנײען, וואָס זינגען פון איהר, האָבען זי בעהאַלטען אויף צום רײַצען זיך מיט איהם און אַז באַלד וועט זי אַרויסשפּרינגען פון ערגעץ, דאָ, אויף דעם שטעגעלע, און וועט הוזק׳דיג און רוישיג אַ פּאַטש טהאָן מיט די הענד. עס איז געווען אַזוי שטאַרק דאָס דאַכטען זיך, אַז אַ פּאָר מאָל האָט ליסער אָנגעשטרענגט געזוכט אויף דעם שנײ עפּעס אַ שוואַרץ פּינטעלע, פון וועלכען עס מוז ענטפּלעקט ווערען טאַמאַרקע, און דערנאָך, אַז ער האָט זיך געכאַפּט, האָט ער זיך געוואונדערט און פאַר זיך געשמײכעלט. און שמײכלענדיג פאַר זיך, האָט ער געקוקט אויפ׳ן שטעגעלע, וואו עס זענען בלויז געווען סימנים פון פויערשע טריט אין ליאַפּטעס.

באַלד האָט זיך בעוויזען זשערמאַן. צוערשט איז אַרויסגע־שוואומען פון אונטען אַרויף דער שפּיץ פונ׳ם הילצערנעם קלייסטעריל, דערנאָך אַ בריקעל פון פויערשער אַרבײַט, איבערגעוואָרפען איבער צוויי הײכע שמאָלע ברעגען פון דעם דערבײַאיגען טײַך, דערנאָך די נויגענדע שטעקענס פון די ברונימער און באַלד — דער צײַל הײַזער. דאָס אַלץ איז ווי פון אַ זײַט געגאַנגען צו ליפערן, ווי זיי וואָלטען איהם וועלען פון ערגעץ פון דער זײַט אַרומרינגלען. די גרויסע קלאָרע פענסטער פון טאַמאַרקעס הויז האָבען גאַסטפרײַנדליך און וואַרים געלויכטען אַנטקעגען. איבער דעם וועג, וואָס ציהט זיך פאַרבײַ דעם צײַל הײַזער, זענען געפאָהרען שליטלעך, פּונקט ווי אין זשילין. עס האָבען זיך פון ווײַטען געזעהן פויערים, געהענדיג מיט זעקליך אויפ׳ן פּלײצע, געבויגענע, מיט גרויסע קוטשמעס, שטאַרק־אַרובגערוקט אויף די קעפּ.

אַרײַנקומענדיג אין דאָרף, האָט איהם דאָ אויך פערשמעקט מיט טאַמאַרקען, און די קלײנע הײַזליך מיט׳ן קלײסטעריל, מיט די לאַנגע האַלב־צובראָכענע פאַרקאַנעס, וואָס האָבען זיך געטרונ־

קען אין שנײ, האָבען איהם געזוונגען פון איהר. און ווידער איז אַרויף אויפ'ן זינען, אַז יענס פענסטעריל און יענס געבויגען הײַזעלע האָט טויזענדער מאָל געזעהן טאַמאַרקע און אַז די אַלע פערשנײַטע פויערים מוזען זי גוט קענען און זײ האַלטען זי מסתמא פאַר א שענע. און, ווי לעבעדיגע, זענען די הײַזליך נאָהענט און טײַער געוואָרען, עס האָט געצויגען צו קוקען אויף זײ, און די פויערים האָט זיך געוואָלט אָבשטעלען, אָבגעבען זײ גוטמאָרגען און שמײַכלען צו זײ. און נאָך איז געווען א געפיהל, ווי ער, ליסער, וואָלט אַלעמען — סײַ די הײַזליך און סײַ די פויערים — גוט בעקאַנט געווען, אַז זײ האָבען שוין לאַנג איהם ליעב, אַז זײ ווײסען וואוהין און נאָך וואָס ער געהט און אַז זײ טהוט עס הנאה.

די ערשטע פיגור, וואָס האָט זיך איהם א וואָרף געטהאָן אין אויג, באַלד ווי ער איז אַרײַנגעגאַנגען צו טאַמאַרקען אין שטוב, איז געווען אַן'אַלטער יוד, מיט א גרויסער רוהיגער גרויער באָרד, מיט א יאַרמאַלקע אויפ'ן קאָפּ, וואָס האָט נישט צוגעדעקט דעם הויכען שטערען, אין א שלאַפראָק. ער איז געזעסען נעבען פענסטער, פאַר א טישעל, און האָט אַרײַנגעקוקט אין א ספר. אין דעם, ווי ער האָט אויפגעהויבען די אויגען, געוואָרפען א בליק אויף ליסער'ן און א שאָקעל געטהאָן מיט'ן קאָפּ, איז געלעגען א סך ערהגליכקײַט אין טאַמאַרקען און עלטערע רוהיגקײַט, וואָס איז געקומען נאָך א לאַנגען און א גלײַכען סוחר'ישען לעבען.

ליסער האָט פערשטאַנען, אַז דאָס איז דער זײדע, און האָט זיך דערמאָהנט, אַז אַמאָל, בעת ער איז נאָך א קינד געווען, פלעגט אָט דער יוד, וואָס האָט דעמאָלט אויסגעזעהן נישט אַזוי גרוי, קומען אָפט אין זשילין און האָבען עפּעס לאַנגע מאָדנע וכוחים מיט'ן פעטער צוליעב וואַגאָנעס תבואות. מעהר איז, דאַכט זיך, אין דעם גרויסען צימער קײן מענשען נישט געווען. דאָס צימער איז געווען אונגעהויער גרויס, אַזוי, אַז פאַר איהם זענען געווען קנאַפּ די פיער גרויסע פענסטער, און אין די ווײַטע ווינקלען זענען געלעגען גערדיכטע שאָטענס.

— נו, ליסער, איהר זענט געקומען! —האָט ער פּלוצלונג דערהערט טאַמאַרקעס קול,—גוט וואָס איהר זענט געקומען.

זי איז געשטאנען ביי א ווייטער וואנד, נעבען בופעט און האט עפעס געגעסען. מיט איהר קול איז באלד געווארען העלער אין שטוב, דאס מעבעל איז אויסגעקומען בעקאנט און נאהענט און דער זיידע היימיש און ליעב.

ליסער האט געשווינד אויסגעטהאן דעם מאנטעל, האט געשיקט געפונען אנ׳ארט וואו אויפצוהענגען איהם, און זיינע בעוועגונגען זענען געוועזען אזוינע, ווי ער וואלט עס געטהאן אין אנ׳אייגענעם צימער. פערלעגענדיג די הענד אויף הינטער, איז ער איבער דער לאנגער רייענער און ברייטער פאדלאגע אוועק צום אלטמאדישען בופעט. אנגעטהאן איז טאמארקע געוועזען אין אנ׳אלטען און פראסטען קלייד, אייניגע קנעפליך זענען נישט געוועזען פערשפילט, די האהר וועניג פערקאמט, און שטיקער לאקען, כדי זיי זאלען זיך ווי עס איז האלטען, זענען געוועזען פערפעסטיגט מיט שפילקעס. נאר אין אט דער אונארדנונג האט זיך נאך דייטליכער און פרייער ארויסגעזעהן איהר שענהייט און יוגענד, די שלאנקע ליניען און פארמען פון איהר קערפער האבען זיך בולט׳ער געצייכענט אונטער דעם פרייען און אלטען קלייד, און עס האט זיך געדאכט, אז ביז איצט איז זי געוועזען א קינד, וואס איז עפעס אין דער מינוט אויסגעוואקסען, געווארען א גרויס מויד, וואס האט אנגעטהאן אלטע קליידער פון גרויסע, כדי זיך צו בעריהמען דערמיט.

— איהר זעהט, ליסער, וואס איך עס? — א זויערע אוגערקע מיט שווארצען ברויט... דאס בעהאלט איך זיך פון זיידען. ער האט פיינט, אז איך עס זויערע אוגערקעס...

— איך וועל אויסזאגען... — האט ליסער געסטראשעט.

טאמארקע האט פערזשמורעט די אויגען און געשאקעלט מיט׳ן פינגער ארום נאז.

— נו, נו... מעהר פעלט אייך נישט. ווארט נאר איין רגע — און איך בין אייערע... אויף דעם לעצטען ווארט מאכט קיין פרושים נישט...

מיט׳ן עסען איז זי געשווינד פארטיג געווארען, און באלד זענען זיי שוין געזעסען אין מיטען שטוב נעבען אנ׳אונגעהויער

ברייטען טיש. ליסער האָט זיך אַרומגעקוקט. אַלץ איז דאָ געװען ברייט און גרױס: דער שטח פון דער פּאָדלאָגע, די װענד, די פענסטער, דער באַלטען. אַ סך טישליך אין די װינקלען, אַ סך שטוהלען און בענקליך ביי די װענד, אַלטע יודישע בילדער אין גרױסע אַלטע ראַהמען, גרױסע גמרות אונטער דער גלעזערנער טהיר פון הױכען אַלמער. אױפ'ן װאַנד, ביי דער גאַס-טהיר, זענען געהאַנגען פעלכלעך פון פוקסען און פון מאַרדער, קרענצליך געטריקענטע שװעמליך, פּעק חזיר-האָהר. אין אַ װינקעל זענען געלעגען אַנגעפילטע זעק אײנע אױף די אַנדערע, און אין אַ צװייטען װינקעל, אונטער אַ לאַנגע באַנק, איז געלעגען אַ קופּע פּלאַקס.

— איהר קוקט בעסער אױף מיין זיידען... איהר װעט קײן חרטה נישט האָבען, — האָט טאַמאַרקע אַרױסגערעדט, — זעהט ס'אַרא שענער און אַ ליעבער יוד... זיידע, — איז זי אױפגעשטאַנען און איז צוגעגאַנגען צום אַלטען, — אָט דער יונגערמאַן איז ליסער'ס אַ פּלימעניק. פון זשילין...

— אַזױ... — האָט דער אַלטער אַ שאָקעל געטהאָן מיט'ן קאָפּ, — פון װאַנען קומט מען?

ליסער האָט געענפערט. דער אַלטער האָט געשטעלט נאָך אַ פראַגע, אַ צװייטע, אַ דריטע, און דערנאָך איז ער אַװעק אין פּאָליטיק און אין מוסר. עס איז געװאָרען לאַנגװייליג, און טאַמאַרקע האָט געפּאַטשט מיט די הענד און האָט געלאַכט.

— פרעג, פרעג, זיידינקע... דער יונגערמאַן װײס אַ סך נייעס...

עס איז אױסגעקומען צו ענטפערן דעם אַלטען אױף די אַלע פראַגען. דער אַלטער האָט געהאַט אַ מילדע אַלטע שטים, אַ רוהיגע און אַ זולעכדע, און עפּעס איז אין איהר געװען עהנליכעס אָן טאַמאַרקעס קול. און בעת ליסער האָט מיט'ן אױער געכאַפּט דאָס עהנליכע, האָט ער, װי נישט װילענדיג, געענטפערט װײכער, אױספיהרליכער און צערטליכער. דערנאָך, אַז דער אַלטער האָט שױן, קענטיג, נישט געהאַט װאָס צו פרעגען און איבער װאָס צו ריידען, האָט ער אױף אַ מינוט אַ קוק געטהאָן אין ספר,

און, אָבקעהרענדיג דעם קאָפּ צו ליסער'ן, האָט ער געזאָגט:

— האָט קיין פּעראיבעל נישט, יונגערמאַן, אויף אַנ'עלמערן יודען, וואָס האָט אייך אָבגעהאַלטען מיט קשיות... אָט מען איז, ברוך השם, אין אַ דאָרף דאָס גאַנצע לעבען, מען איז אַזוי ווי אויף אַ ווינספע, אָבגעריסען פון אַלץ... ווילט זיך וויסען... ווילט זיך אַ שטאָך געבען...

און טאַמאַרקע האָט געהאַלטען די הענד אויפ'ן האַרצען, איז געשטאַנען צווישען זיידען און ליסער'ן, אויפ'ן שלאַנקען קערפּער האָט זיך דאָרפיש און חנ'עווריג געקנייטשט דאָס פּשוט'ע קליידעל, אונטער די עלענבויגענס האָט מעסיג און יונג געאָטעמט די ברוסט, ביים ראַנד קלייד האָבען אַרויסגעקוקט, ווי זיי וואָלטען זיך בעהאַלטען, די צוויי שפּיצען פון די מאָרערנע שמאָלע שיך אויף הויכע אָבצאַסען, און מיט שטראַהלענדיגע אויגען האָט זי געקוקט צום זיידען. די באַק איהרע, וואָס איז געווען געווענדט צום פענסטער, האָט בעלויכטען די ווינטער-זון.

— זאָגט, האָט איהר עפּעס האַלט מיין זיידען? — האָט זי הויך געפרעגט, אַזוי, אַז ביים אַלטען האָט זיך אַ דורכגע'גנב'ט אַ שמייכעל דורכ'ן באָרד, און עס געווען קענטיג, אַז ער איז שוין געוועהנט צו איהרע שפּיצלעך.

— וועמען, טאַמאַרקע, ווילט איהר זאָל איך העלטער האָבען — אייך, צי אייער זיידען? — האָט ליסער שטיל און שמייכלענדיג געפרעגט, אַז דער אַלטער זאָל נישט הערען.

— אין אַזוינע ענינים האָב איך פיינט בעשטעלונגען צו מאַכען...

— דאָס איז שוין אַנ'ענטפער, טאַמאַרקע, און אַ גוטער... — האָט ליסער איהר אַ ציה געטהאָן ביים האַנד.

אַנ'אַלטער זיינער מיט אַ געלבען ציפערבלאַט, אויבען מיט אַנ'אויסגעמאָלטען הירש, האָט הויזעריג אויסגעשלאָגען צוועלף. דער זיידע האָט צוגעמאַכט דעם ספר און איז אַרויסגעגאַנגען. דריי שיטערע שטראַהלען האָבען זיך געשאָקעלט אויף דער פּאָדלאָגע, זענען פערשוואונדען געוואָרען און באַלד ווידער געקומען אויף אַ צווייטען אָרט. נעבען פענסטער האָט זיך געהערט, ווי

דער זיידע רעדט מיט פויערים. ליסער האָט זיך אויפגעשטעלט און האָט אונגעדולדיג געמאַכט אַ טריט צו טאַמאַרלען.

— מיר איז עפּעס נישט היימליך אין דעם גרויסען צי־מער... — האָט ער אַרויסגעזאָגט.

— וואַרט אַ ווײַלע. דער זיידע וועט אַרײַנקומען, וועלען מיר אַוועקגעהן צו מיר אין צימער.

זי איז צוגעגאַנגען צום שפּיגעל און האָט גענומען קאַמען די האָהר. די האָהר, מעהר געדיכט ווי לאַנג, זענען פונאַנדערגעפאַלען אויפ׳ן פּלייצע, אויפ׳ן ברוסט און איבער די באַקען. פון אָנהויב האָט זי געקאַמט די האָהר, וואָס זענען געלעגען אויפ׳ן פּנים און אויפ׳ן ברוסט, דערנאָך האָט זי אײַנגעבויגען דעם קאָפּ און האָט אַ וואָרף געטהאָן די האָהר אויף הינטער. אין די באַקען איז אָנגעלאָפען ראָזעס בלוט, און די האָהר האָבען זיך צו־לעגט, ווי אַ פעכער, אויפ׳ן פּלייצע. דעם פעכער האָט זי צו־טיילט אויף צוויי העלפט, האָט געמאַכט צוויי צעפּ, און, אַרום־רינגלענדיג מיט זיי דעם קאָפּ, האָט זי אָנגעשטאָכען שפּילקעס און האָט אַ טאַנץ געטהאָן.

— איצט בין איך פאַרטיג, גוט?

עס איז אַרײַן דער זיידע. אַ דערפראָהרענער, מיט אַ בלויער נאָז, האָט ער געריבען אַ האַנד אָן אַ האַנד, האָט מאָדנע געצויגען די פּלייצע, ווי ער וואָלט וועלען רײַבען אַן׳אַקסעל אָן אַן׳אַקסעל, און מיט אַ געטרייסעלטער שטים גערעדט:

— קאַ־ל־ט. קאַל־לט...

— נו, קומט צו מיר אין צימער. דאָרט איז וואַרים און מיר וועלען עפּעס לייענען, — האָט זי הויך אַרויסגעזאָגט, פּונקט ווי דאָס וואָלט אָנגעהערט דעם זיידען אויך צו וויסען.

ליסער איז געגאַנגען פון הינטען און זי פאָראויס. זי האָט איהם דורכגעפיהרט דורך אַ דונקעלעס שלאָפצימער, מיט צוויי ברייטע הילצערנע בעטען, הויך פערלעגט מיט קישענס. ווייטער איז געגאַנגען אַ צימער, וואו די ווענד זענען געווען פערהאַנגען מיט אַלטע בגדים, עפּעס גראָד אַלע שוואַרצע און פון זיי האָבען שטום און בעזריבט אַרויסגעבלישטשעט ביינערנע קנעפּליך,

אַ קינדער-וועגעלע האָט זיך געוואָלגערט בשותפות מיט אַ צובראָכענעם טעפּיל אונטער אַ הינקעדיגען טיש. איבערגעהענדיג דאָס דאָזיגע צימער, האָט טאַמארקע זיך אָבגעשטעלט, און, אומקעהרענדיג זיך צו ליסער'ן, האָט זי מיט פּאַראַד און קאָמישען פּאַטאָס אַרויסגעזאָגט:

— אָט איצט עפען איך די טהיר פון מיין קאַמעריל... זענט געגרייט. גיט זיך היילינג אַ נויג עטליכע מאָל...

ליסער האָט זיך פּינקטליך דריי מאָל אַ נויג געטהאָן, האָט אַרויפגעלעגט די האַנד אויפ'ן האַרצען און געגומען מורמלען אַ תפילה פון אַ תחינה. טאַמארקע איז געשטאַנען נעבען איהם אויסגעצויגען, ווי אַ סאָלדאַט, און האָט מיט אַ שטרענגער מינע אויסגעהערט. דערנאָך האָט זי שטיל און פאָרטזיכטיג געעפענט די טהיר. גלייך אַנטקעגען האָט אַ לייכט געטהאָן אַ ריין ליכטיג פענסטער מיט וואַטע און גלעזליך אָלים, און הינטער'ן פענסטער—אַנ'אונענדליך פעלד, בעצויגען מיט ווייסען שניי, איבער וועלכען עס האָבען געבלאָנדזשעט גאָלדענע פּאַסען זון-ליכט. דאָס צימער איז געווען אַ קליינס, אויסגעקלעבט מיט העל-בלויע אָבאָיעס, אַ שען הילצערן בעטעל, אַ טיש, מיט שרייבגעצייג, אַנ'עטאַזשערקע מיט ביכער און אויפ'ן וואַנד—אַ פּאָר גוטע בילדער פון שרייבער. עס האָט געשמעקט מיט טאַמארקעס האָהר, און עס האָט זיך געדאַכט, אַז באַלד, נאָך דער ערשטער בעקאַנטשאַפט, ווען עמיצער וואָלט איהם אַריינגעפיהרט אַהער, וואָלט ער אַליין פון זיך פערשטאַנען, אַז דאָס צימער דאַרף זיין טאַמארקעס.

עס איז געווען אַנגענעהם צו קוקען דורכ'ן פענסטער אויף דעם גרויסען גלייכען שטיק שניי. די ווייסקייט זיינע האָט געשמייכעלט אין אויג און האָט געגלייט דאָס האַרץ. ווייסע וואָלקענס, ווי דער שניי אויף דער ערד, האָבען געשוועבט—נישט געשוועבט, זענען געשטאַנען—נישט געשטאַנען אויף דעם בלוי-גרויען הימעל, און עס האָט זיך געדאַכט, אַז זיי וואַרטען ביז אַלע זייערע חברים וועלען זיך צונויפקלייבען אין איין אָרט און דעמאָלט וועלען זיי לאַנגזאַם און שען אַראָבפליהען אויף דער ווייסער ערד.

אַ געשפּרעך איז אוועק אַ מאָדנער, אין האַלבע טענער,

וואָס האָט זיך ווײַלענווײַז איבערגעריסען. טאַמאַרקע אַ פּאָר ווערטער, ליסער אַ פּאָר ווערטער. און גערעדט האָט זיך נאַרישקײַטען, פּיצעליך און בעמערקונגען. נאָר אין די שטימען איז געלעגען אַנ'אינטימער ציטער, אַ נאָהענט־ווערענדער טאָן, וואָס האָט קלוג און אינטערעסאַנט געמאַכט די נאַרישקײַטען, און עס האָט זיך געוואָלט אַזוי רײַדען כסדר, נאָכאַנאַנד, אָהן אַנ'אויפהער. אָט איז זײַן קול, אָט איז איהר קול, אָט איז זײַן אויג, אָט איז איהר אויג, זײַן שמײַכעל, איהר שמײַכעל.

— איך האָב פײַנט אַ ברײַטען שוך, — האָט טאַמאַרקע געזאָגט.

— טאַקע, אַ ברײַטער שוך איז מאוס, — האָט ליסער צוגעשטימט.

— מענשען פערשטעהען גאָרנישט די שענקײַט פון אַ פוס. אַבי אַ קאַמאַש — אָנגעטהאָן... — האָט טאַמאַרקע אונצופרידען אַ ציה געטהאָן די נאָז ווי אַ צולאָזען יונגעל.

— מײַנע אַ בעקאַנטע, — האָט ליסער האַלב־ערנסט געזאָגט, — אַ שען מײדעל, האָט אַ טבע צו טראָגען גראָבע קאַמאַשען... אַז איך דערזעה זי, מײַן איך שטענדיג, אַז זי רעדט אויף אַ באַסען־שטים, אַז זי טרינקט בראָנפען און אַז דאָס פּנים איז בײַ איהר צודראַפּעט...

נאָר אָט האָט מען זיך פאַמעליך און אונבעמערקט צוגעזעצט נעהענטער אײַנע צו די אַנדערע. בײדענס אָטעם זענען נאָהענט און מישען זיך צונויף צוזאַמען. ליסער האָט זיך אויפגעהויבען, און, האַלטענדיג אין רײַדען, איז ער דורכגעגאַנגען אַ פּאָר מאָל דאָס צימעריל און פון פלײצע אַ קוש געטהאָן איהר אין האַלז. און באַלד האָט ער זיך ווידער אַנידערגעזעצט נעבען איהר. זי האָט עס אַזוי ווי נישט בעמערקט. דער געשפּרעך איז געגאַנגען דערזעלבער, ווי פריהער, נאָר דער טאָן איז געוואָרען נאָך אינטימערער. רײדענדיג, האָט ער זי אַרומגענומען, און האָט בשום אופן נישט געפיהלט, ווי אַזוי ער האָט זי אויפגעהערט צו אירצען. עס האָט זיך לײַכט געזאָגט דו. און אָט דער נײַער קלאַנג האָט, אפנים, אויף איהר קײן רושם נישט געמאַכט.

דערפֿאַר, וואָס איהם האָט זיך אָפּטער געלאַכט, וואָס ער האָט געכאַפּט זינגען אין מיטען רײדען, וואָס בײַ איהם האָבען עטוואָס געציטערט די פֿינגער פֿון די הענד, וואָס אין גוף האָט ער געפֿיהלט אַ זיסע אומגעדולדיגקײט און וואָס איהם האָט זיך געוואָלט כסדר מסכים זײַן מיט איהר — האָט ער געוואוסט קלאָר אַז אין איהם קומט פֿאָר דאָס, וואָס אין איהם איז שוין עטליכע מאָל פֿאָרגעקומען אין זײַן לעבען: עס ווערט פֿול דאָס האַרץ און דאָס אַרומיגע הויבט אָן צו בעקומען אַנ׳אַנדער פּנים. דער טאָג ווערט ליכטיגער און שענער, די נאַכט שטילער, ליעבער און זיסער, און די מענשליכע קולות הערט זיך אויף צו הערען כעס און פּײַן. און איהם דאַכט זיך דערוואַלט, אַז ער איז געקומען אויף דער גרויסער שענער רוישיגער וועלט צו גאַסט מיט אַ מײדעל, אַז דאָס לעבען מיט זײַן יאָך האָט צו זײ קײן שליטה נישט און אַז ווי נאָר איהם וועט זיך פֿערוועלען, קאָן ער מיט איהר גלײַך פֿערשווינדען אַהין, פֿון וואַנען זײ זענען געקומען אַהער צו גאַסט.

טאַמאַרקע האָט זיך אויסגעצויגען אויפ׳ן בעט און די הענד פֿערלעגט אַ הינטער׳ן קאָפּ. זי האָט געקוקט אויף איהם מיט האַלב־אָפּענע אויגען, און אין דעם גלאַנץ, וואָס פֿון זײ האָט אַרויסגעשלאָגען, האָט דורכגעלויכטען אַ מחשבה.

— איהר ווײסט, ליסער, — האָט זי רוהיג געזאָגט, — איך האָב אַ חתן... ער איז אַ הויכער בחור און, דאַכט זיך, אַז אַ נאַרישער... איך האָב איהם אײגענטליך נישט ליעב. נאָר מיר איז אָנגענעהם צו טראַכטען, אַז אָט דער הויכער נאַרישער פּראָנטישער בחור האָט מיך שרעקליך ליעב און אַז זענענדיג מיט איהם פֿערבונדען, וועט ער פֿאַר מיר זאָרגען און איך וועל שטענדיג זײַן אַ פֿרײַע... זענענדיג מיט איהם, וועל איך קענען זײַן איך, מײַן נשמה וועט נישט זײַן בעצוואונגען, און דאָס איז בײַ מיר טײַערער פֿון אַלץ.

ליסער האָט אַראָבגענומען פֿון טישעל עפּעס אַ בילד, האָט אַ קוק געטהאָן דערויף און עס געדרעהט אין די הענד. ער האָט פֿערשטאַנען, אַז עס הויבט זיך אָן אַ נײַער געשפּרעך, אַנ׳ערנסטער, און עס האָט איהם פֿערדראָסען, וואָס דער פֿריהערדיגער

האט זיך איבערגעריסען. איוך איז איצט נישט די צייט געווען צו וויסען, אז זי האט א חתן און איהר קוק אויפ'ן חתן. דערמיט איז אריינגעטראגען געווארען עפעס קאלטעס און אונפאסיגעס אין די בליקען פון איהר צו איהם. און פארוואס געפעלט איהר גראד א נאר צו האבען פאר א חתן?

— איך פערשטעה נישט, — האט ליסער געדריקט מיט די אקסעל, — פארוואס איז עפעס גוט א נאר? אגב, טאמארע־לע, איז מיר די גאנצע מעשה נישט אינטערעסאנט...

— אט הויבט זיך אן מיט די בחורים!... — האט זי חוזק'דיג א מאך געטהאן מיט'ן האנד, — גלייך ווערט זיי נישט אינטערעסאנט!... נאר זאל איך אייך א ווײלע זיין אינטערעסאנט און הארכט מיך אויס. ביי מיר איז דא א פעסטע איבערצייגונג, אז דעם, וועלכען דו ליעבסט מיט אנ'אמת, שטארק, הייס, פאר דעם געה נישט חתונה האבען. ניין. מיט דעם געה ארום ביי־נאכט, גנב'ע זיך צו איהם, נאר אויס וועמען דיר איז נוי־טיג צליעב איהם, נאר חתונה האבען מיט איהם בשום אופן נישט. וועסט איהם באלד פיינט קריגען און וועסט האבען א ביי־טער לעבען. דאס האב איך געזעהן און פיהל עס.

— אלץ גוט, — האט ליסער פערדראסיג געזאגט, —נאר איך קען מיך נישט פארשטעלען, אז מיט מיר זאל זיך שטענדיג און נאהענט געפינען אונטער איין דאך א מענש, וועלכען איך האלט פאר א נאר און וועלכען איך האב נישט ליעב.

— מאכט עס נישט אזוי טראגיש. אז מען קריגט פיינט א ווייב צי א מאן, וועלכען מען האט פריהער אזוי ליעב געהאט, איז טויזענדער מאל שמערצליכער... נאר אט וואס איך וועל אייך זאגען, גאר אנ'אנדער זאך, וואס האט דאך א שייכות צו מיינע רייד. זיין געליעבט האב איך, פערשטעהט זיך, האלט, גאר ליעבען יענעם, זעהט איהר, האב איך אי האלט, אי נישט האלט... איהר פערשטעהט מיך? ווי גיט מען עס אייך צו פער־שטיעהן? — האט זי זיך מיט פערטראכטע אויגען פונאנדערגע־לאכט, — ערשטענס, פערגין איך עפעס יענעם נישט, דעם אמת געזאגט, וואס איך האב איהם האלט... צווייטענס — איך

האלט פון זיך אנ'עילם-ומלאה און מיט אמאל בעקומט גאר איינער איבער מיר א שליטה, קומט גאר איינער א ווילד-פרעמ- דער יונגערמאן, וואס צוליעב איהם ווילט זיך מיר אפטמאל נישט עסען, נישט לערנען, נישט לייענען און נישט שלאפען. ער ווערט אינטים, דערגעהט אלע מיינע סודות, נעהמט צו מיין נשמה און איך ווער נישט איך. איך האב אבער אזוי ליעב צו זיין א פרייע?...

— איז וואס איז, טאמארעלע, דער פועל-היוצא? — האט ליסער אונגעדולדיג געקלאפט מיט די פינגער אן פנים פון בילד.

— וואס איילט איהר זיך! — האט טאמארקע א געשריי געטהאן מיט א בייזער, — איך רייד אזוי זעלטען ערנסט... דער עיקר איז, דארף איך אייך זאגען, גאר אנ'אונגערוואַרטעטער. אהן ליעבע קען איך נישט לעבען און אין ליעבע געפין איך זיך קיין ארט נישט... אלע, אז זיי ליעבען, זענען זיי העלסט גליקליך, און איך — כמעט ווי נישט. ווארום א י ך, דאס סאמע טייער- סטע, פעלט מיר דעמאלט... און דאס רייצט מיך. און נאך עפעס. איך האב אזוי ליעב קאקעטעריי, שפיעלען מיט מאנסביל', ציהען זיי צו זיך—און נאהענט נישט צולאזען, זיין מיט זיי נישט אויפריכטיג, אנווארפען אויף זיי בענקעניש און צער און, איבער- הויפט, אברייסען א געליעבטען פון א געליעבטער, צוזאגען איהם עפעס מיט'ן אויג און לאזען איהם דערנאך, א מבולבול'ן, אין מיטען און אנטלויפען... אח, ווי איך האב עס ליעב!.. — האט זי געשאקעלט מיט'ן קאפ און געלאכט,—נאר ווי אבער איך ווער געפאנגען — אהא! איז שוין נישט דאס. גלייך הויב איך אן ווערען אויפריכטיג, אונטערגעגעבען און נאריש... און איך ווער צופלאצט דערפון... טשארט וואזמי!

ליסער איז צוגעגאנגען צום בעט און האט זיך אוועקגעזעצט. ער האט זי אנגענומען פאר די הענד און א ציה געטהאן צו זיך און איינגעלאזען, און בעת איהר קאפ איז געפאלען צוריק, האט ער זי ארומגעכאפט ארום האלז און צוגעטראגען איהר מויל צו זיי- נעם.

— איהר האט מיך זעהר ליעב?..—האט טאמארקע, אזוי ווי נישט מיט איהר קול, איהם שטיל געפרעגט ביים סאמע אויער.

— פרעג נישט, טאמארעלע...

אונטער איהר באקען-הויט איז אנגעלאפען א געזוימטע העלע רויטקייט, אין די שווארצלען האט א ציטער געטהאן א ווילד פייעריל און אויפ'ן שטערן האט זיך געלעגט א קרומער אונבעקאנטער קנייטש. האסטיג און מיט אמאל האט זי א חאפ געטהאן ליסערין, האט איהם מיט אלע כחות א דריק געטהאן צו זיך, און, צומאכענדיג די אויגען, האט זי איהם היילגיג, מיט איין אטעם און לאנג געקושט אין די באקען, אין מויל און אין שטערען. און דערנאך האט זי איהם אבגעשטויסען פון זיך, האט אבגעקעהרט דעם קאפ צום וואנד, און, אטעמענדיג שווער, האט זי מיד ארויסגעזאגט:

— איך וואלט אייך איצט וועלען פאטשען... פאטשען און קושען... א פערדרוס!

האלטענדיג אלץ דאס פנים אבגעקעהרט צום וואנד, איז זי געלעגען מיט צוגעמאכטע אויגען. מיד האט זי געאטעמט און די רויטקייט אויף די באקען האט זיך געביטען אויף א רויט-בלאסקייט. ליסער האט געקוקט אויף איהר מיט דורשטיגע אויגען, אין איהם האט עפעס געציטערט. באלד האט זי ווידער אנגעהויבען רעדען מיט א מידען און א שטילען קול.

— איהר ווייסט, וואס מיר איז איינגעפאלען? אט וואס. איהר האט מיך ליעב. איך האב אייך ליעב. אודאי. אזוי איז דאס. איז אט וואס. אונזערע וועגען וועלען זיין קורצע און קיינמאל וועלען זיי זיך נישט פעראייניגען. דאס איז זעהר שען. עס וועט זיין ביי אונז א שענע ליעבע, — האט זי מיט אמאל געעפענט די אויגען מיט א פרישׁ פייעריל, — א שענע, א ווייסע ליעבע... שען און ווייס, ווי דער ווייסער שניי. און געדויערן וועט זי, ווי דער שניי. איך האב דאך זעהר ליעב שניי. צוליעב איהם בין איך איצט, ווינטער, אין דארף. מיט א כיון געפונען א תירוץ און אוועקגעפאהרען פון די ליעבהארציגע קורסען אהער אין דארף ארײן צו דעם שניי. א חיות! און דער שניי, אויב איהר ווילט, האט נאך פאר אייך אויך א סימבאלישע בעדייטונג. אט מיר ווילט זיך, למשל, זיין און האנדלען אזוי ווי ער: שען, ווייס, קורץ — און דערנאך צוגעהן...

ענטפערן דערויף האט זיך ליסער'ן דאך נישט געוואלט. ער האט געגל'עט איהרע הענד, האט זיך אלע ווײַלע אנידערגעזעצט דא בײַ איהרע פיס, דא נעבען ברוסט און דא האט ער געלעגט דער קאפ בײַ איהר אויף דער הײַסער באק.

— האסטו ליעב ווײַסען שנײַ, טאמארעלע? — האט ער געקרעכצט אהן געדאנקען אין קאפ, נאר מיט הארץ, — האסטו ליעב ווײַסען שנײַ?... „אין א מדינה איז אמאל געווען א בת-מלכה, האט געהײַם א יונגעל זי געליעבט"...

און איהם האט זיך געדאכט, אז ער מיט טאמארלען זענען געקומען צו גאסט אויף דער וועלט. עס איז ווינטער און זוניג, דער ווײַסער שנײַ ליעגט א בלענדענדער און א גלײַכער פון אײַן האריזאנט ביז'ן צווײַטען; איבער די שטעגעליך, אינ'ם שנײַ, פינטלען מענשען און נויגען זיך פאר איהם און טאמארלען, שאקלען מיט די קעפ און געהען פארבײַ.

שפעטער איז ווידער אַרײַנגעטרעטען דער פריהערדיגער געשפרעך, א קורצער און אנ'אבגעהאקטער, וועגען קלײַניגקײַטען און נארישקײַטען, און ווידער איז אויסגעקומען: טאמארקע — א ווארט, ליסער — א ווארט, און די שטימען זענען געווען גײַע ציטערדיגע און אינטימע. און אז עס איז גארנישט געווען וועגען וואס צו רײַדען, האט מען געשוויגען אדער געזונגען שטיל, אונטער'ן באז, און בײַדען האט זיך געדאכט, אז זײַ זינגען זעהר גוט.

די ווינטערדיגע זון איז נישט פערגאנגען, זי איז געשטאנען, געשטאנען אויפ'ן הימעל און איז עפעס פלוצלונג נישט געווארען, פונקט ווי א ליכט וואלט פערלאשען געווארען ערגעץ נעבען א גרויסען ליכטיגען פענסטער. א ברעג הימעל, א שווארצער און א שווערער, האט זיך געצויגען ארויף און האט פון ווײַטען בלוי געמאכט דעם שנײַ. א מחנה קראהען זענען דורכגעפלויגען הויך אנטקעגען פענסטער אײַנע נאך די אנדערע, מיט גרויסע ווילדע געשרײַען, דורכגעפלויגען ווײַט, ביז זײַ זענען קלײַנע פינטעליך געווארען, קוים צום זעהן, און באלד זענען זײַ צוריק געפלויגען מיט דיזעלבע געשרײַען און זענען אין דעם צווײַטען עק הימעל קלײַנע פינטעליך געווארען, קוים צו זעהן.

— אַי, אַי, פון ווען־אָן איך האָב נישט געגעסען, — האָט זיך טאַמאַרקע אַ חאַפּ געטהאָן, — די מאַמע האָט שוין אודאי געמוזט קומען פון שטעדטיל.

פון דעם ערשטען צימער האָט זיך טאַקע דערטראָגען אַ הויזעריגער פרויען־קול. טאַמאַרקע האָט פונאַנדערגעפּלאָנטען די צעפּ און זיי געגומען קאָמען, און אויפ'ן טיש זענען געלעגען שפּילקעס און קעמליך און אַ גראָבער שפּיגעל. זי האָט געקוקט אין שפּיגעל, זיך אַ די אויגען אריין און האָט געקאָמט די האָהר.

— איך שטאַרב עסען, — האָט זי ארויסגעזאָגט, קוקענדיג אין שפּיגעל, פּונקט ווי זי וואָלט גערעדט צו דעם פּנים פון דאָרטען, — אַז די מאַמע איז געקומען, איז שוין נישט פריה.

— און איך וועל שוין אויך געהן... — האָט ער זי אָנגענומען פון הינטען ביי די אַקסלען, — האַ, טאַמאַרקע, זאָל איך געהן?...

— כמעט, — האָט זי געענטפערט.

— און מאָרגען?... — האָט ליסער געפרעגט.

— מאָרגען וועל איך קומען צו...

טאַמאַרקע האָט פערוואָרפען דעם קאָפּ אויף הינטער און האָט געקוקט מיט קאָקעטיש־שמייכלענדיגע אויגען אויף ליסער'ן, וואָס איז איהר געשטאַנען פון פלייצע. זי האָט לאַנגזאַם און שטיפעריש געצויגען:

— צי דיר... צו אייך... צו דיר... צו אייך... צו די־ר־ר־ר־ר!... — האָט זי מיט אַמאָל צוהיצט אויסגעשריען.

ווידער איז מען פאַרבייגעגאַנגען דאָס פערהאַנגענע צימער מיט בגדים און דאָס שלאָפצימער מיט די הויכע קישענס, וואָס האָט אָנגעהערט דער עלטערער אויסגעגעבענער שוועסטער טאַמאַרקעס, און דערנאָך דאָס גרויסע צימער. דאָרט איז שוין געשטאַנען טאַמאַרקעס מאַמע און האָט זיך געטענטעלט ארום עטליכע פערפרוירענע פויערים. אַ קוק טהאָענעדיג אויף איהר, האָט ליסער פערביסען די אונטערשטע ליפּ. דאָס איז געווען עפּעס אַ וואַלענדיגע, העגדלערישע יודינע, אַ נידעריגע און אַ ברייטע, מיט אַ רויטען פּנים, רויטע הענד און קליינע לויפּיגע אונאַנגענעהמע אויגליך. ליסער האָט בשום אופן נישט געקענט ביי זיך

פועל'ן, אז דאס איז טאמארקעס מאמע. דער קול איז ביי איהר געוועזן א הויזעריגער און א שרייענדער, און עס האט זיך גע־דאכט, אז ניט זי רעדט מיט די פויערים, נאר זי וויל זיי פערשרייען. און איהם איז אויסגעקומען, אז דערמיט, וואס ער שטעהט דא און קוקט אויף איהר, בעליידיגט ער טאמארקע'ן און ער האט געשווינד אנגעטהאן דעם מאנטעל און איז צוגעגאנגען צו איהר.

— נו, טאמארעלע... — האט ער שטיל געזאגט, אנגעה־מענדיג איהר האנד, — מארגען...

זי האט עטוואס פערהאלטען זיין האנד אין איהרער און האט איהם גערעדט מיט די פינגער און מיט די אויגען.

— פארוואס בעטסטו ניט דעם יונגענמאן צום טיש, טא־מארקע, — האט דער זיידע געפרעגט, זעהענדיג, אז ליסער האלט ביים אוועקגעהן.

— ניש'קשה, ער וועט אזוי אויך טרעפען דעם וועג... — האט טאמארקע געלאכט.

אין דרויסען זענען געפאהרען שכור'ע פויערים פון מארק. אין די פערד זענען ביי זיי געהאנגען שטיקליך אייז, די הענד־יוטע, אנגעשוואלענע, די אויגען מוטנע און כעס'דיגע. אנדערע פון זיי האבען זיך געוויגט אויפ'ן ליידיגען אבגעלייזטען שליטען און האבען הויזעריג, גוטמוטהיג און פאלש געזונגען א פרעהליך פערשייט ליעדעל. עס האט שוין געדונקעלט אין הימעל. א בלוי־ער נעבעל האט זיך געלעגט אויפ'ן שניי, און ליסער איז איבער־געגאנגען פון דעם ברייטען זשערמאנער וועג אויף דעם קליינעם שמאלען שטעגעלע, וואס איז איצט שוין געלאפען קיין זשילין, פונקט ווי עס וואלט אויך געוועזן ערגעץ צו גאסט און לויפט צו־ריק. די ברייטע פעלדער שנייען האבען זיך מיכן געוועזן אויפ־צונעהמען די נאכט, זיי זענען געלעגען שטומע אין בלוילי־כע און האבען געווארט, אז די נאכט זאל זיך לעגען אויף זיי.

VI.

און עס איז געווארען אזוי, אז אלץ, וואס ליסער האט גע־טהאן און וואס ער האט געטראכט, איז דערין געווען אריינגע־מישט טאמארקע. ערגעץ אין די טיעפעניששען פון הארץ האט כסדר און אהן אויפהער געטריעפט א געדאנק: טאמארקע, טא־מארקע, טאמארקע. צי ער האט געלייענט א בוך, צי ער האט געשריבען א בריעף, צי ער האט גערעדט מיט די פויערים — דער געדאנק האט נישט אבגעלאזט און האט ארויסגערופען א מאדנע שפירונג, ווי עמיצער וואלט איהם כסדר געהאלטען אין זאגען עפעס א זיסען סוד אויפ'ן אויער. ער איז געווארען א פער־טראכטער, האט אפטער נישט דערהערט וואס מען רעדט צו איהם, פלעגט אמאל מיט א בעזונדער גרויסקייט עמיצען אויסמיי־דען, וואס יענעם האט עס אונפערשטענדליך בעליידיגט, און פון א וויין פלעגט ער לאכען נישט אויפ'ן ארט, ווען מען האט בע־דארפט לאכען, נאר שפעטער. אין זיין לעבען האט שוין נישט איין מאל געטראפען אזא צושטאנד, און יעדעס מאל פלעגט זיך איהם דאכטען, אז דאסמאל ליעבט ער שטארקער, אז דאסמאל איז ער אויף אנ'אמת פערליעבט. נאר דאס, וואס ס'איז געווען ביז אהער, האט נישט געקענט פערגליכען ווערען מיט דעם, וואס איצט. איצט האט יעדער נערוו, יעדעס טראפעלע בלוט געוועקט און געמאהנט און געצויגען, און אז ליסער פלעגט בלייבען אליין אין א צימער, פלעגט ער זיך ארומקוקען און דערנאך פלעגט ער זאגען פאר זיך מיט א טאן, ווי מען רעדט צו א גוט־בעקאנטען מענשען:

— איך האב ליעב טאמארלע'ן!... א גאלדען קינד... איך האב זי ליעב... ליעב... ליעב...

און באלד דערויף זיך אליין פונאנדערגעלאכט. און נאכ'ן לא־כען ווידער דאסזעלבע:

— איך האב זי ליעב,... ליעב... ליעב...

בעזונדערס אנגענעהם איז געווען אין די פריה־מארגענס, ווי נאר ער האט געעפענט די אויגען, פלעגט שוין טאמארקע

קומען אין דמיון, אין מח, אין הארצען, א לײַכטע, אנ׳איבער־געגעבענע, א לאכענדיגע און א זארגלאזע, און ער פלעגט אין דמיון אוועקגעהן מיט איהר אין אונבעקאנטע פעלדער, גרינע און בערגיגע, מיט הויכע אָנגעבאקטע שטײנער פון דער זון. די פעלדער ציהען זיך ווײַט און ברײַט, אויבען בלענדט דער זומערדיגער הימעל, אונטער די פּנים לויפט א געל זאמדיג שטעגעלע און זײ געהען און געהען און טרעפען קײן מענשען נישט אן אויפ׳ן וועג. זײ בײדע רײדען נישט, זײ האבען נישט אין דארפען נישט רײדען. זײ דארפען נאר זעהן אײנער דעם צווײטען — און נישט מעהר. נאר אט האבען זיך ענדליך אויסגענומען די פעלדער: עס ליעגט א גרויסער, אלטער שטײן, און פארבײַ איהם קויקעלט זיך א קלאר וואסעריל. ארום איז שטיל, און נאר דער ווײכער קלאנג פון וואסעריל צײַכענט זיך פארביג אין דער שטילקײַט. די שטילקײַט איז א קלארע און א בערוהיגענדע, ווי דער הימעל און דאס וואסעריל. און זײ זיצען זיך בײדע אויפ׳ן שטײן, אהן ווערטער און קוקען לאנג אין דער ווײַטקײַט ארײַן. און קײנער, קײנער זעהט זײ נישט.

אזוי פלעגט ער ליעגען לאנג אונטער דער קאלדרע, ארײַנגעטהאן אין די בילדער, ביז עס פלעגט ארײַן די מומע און אנזאגען, אז עס איז שפעט. די לעצטע צײַט האט זיך געזעהן א סך אנשטרענגונג אויף דער מוהמע׳ס פּנים, ווײַבערישע נײַגעריגקײַט צוזאמענגעמישט מיט מוטערליכער צערטליכקײַט. קענטיג, אז זי האט שוין נערעכענט טאמארקע׳ן פאר א כלה. ארום ליסער׳ן איז זי געגאנגען דיפּלאמאטיש, אויסגערעכענט און מוטערליך, פונקט ווי זי וואלט אלץ געוואוסט און עס איז איהר שוין נישט נויטיג איהם פונאנדערצופרעגען, און עס האט געמאכט דעם אײַנדרוק, ווי זי וואלט טראגען אין די הענד עפּעס א כלי, אנגעפילט מיט א טײַערער פליסיגקײַט, און זי האט מורא, עס זאל זיך נישט אויסגיסען. בעת טאמארקע פלעגט קומען, פלעגט די מוהמע נעהמען א טאן שוין פון אנ׳עלטערער פרוי, וואס וויל איהר גוטס טהאן און וואס וועט זי בעשיצען. עס האט זיך אבגעטהאן פון דער מוהמען דאס שפיציגע שמײכעלע און אין טאמארקעס געזעל־

שאַפט האָט זי אויפגעהערט צו געברויכען די פערבאָרגענע קאָקע-טעריי. נאָר ליסער'ן איז אָט די גאַנצע פערענדערונג אויסגעקומען נישט צום הארצען. איהם האָט זיך געדאַכט, אַז די גוטע טריי-עמוהמע וויל אַריינחאַפען טאַמאַרלען, פערשלייערען זי מיט איהם, וואָס עס איז גראָב און אונגעבעטען. פון אָנהויב האָט ליסער'ן געוואונדערט, פון וואַנען שטייסט זיך די מוהמע, אַז ביי איהם מיט דעם שענעם זשערמאַנער מיידעל קומט עפּעס פאָר. נאָר דאָס איז איהם מיט דער צייט קלאָר געוואָרען דערמיט, וואָס די מוה-מע האָט אַ שאַרף אויפמערקזאַם פרויען-אויג, וואָס ער מיט טאַ-מאַרקען זעהען זיך טאָג-טעגליך און איבערהויבט וואָס די מוהמע האָט איהם זעהר ליעב און איז שטענדיג אויף דער וואך בנוגע צו איהם.

דערפאַר אָבער האָט זיך אַנדערש בעצויגען דער פעטער. איהם האָט אודאי די מוהמע אויפגעדעקט דעם סוד, אליין וואָלט ער עס נישט בעמערקט. ער האָט געפּאַטשט ליסער'ן איבער'ן פּלייצע, האָט הילכיג, ווי אַ יונגעל געלאַכט און אין איין אָטעם גערעדט:

— אַ מיידעל אַ גאָלד!... נעהם און שטעל אַ חתונה... פאָלג מיך... וואָרום חאָטש דאָס איז אַ גאָלד אַ מיידעל, פונ-דעסטוועגען איז זי אַ גרויסער שד, אַ געפערליכע זאַך, און מיט אַזוינע דאַרף מען איילען...

— איהר ווייסט שוין גאָרנישט, וואָס איהר רעדט...— פלעגט ליסער דריקען מיט די פּלייצעס, — אַי, פעטער, פעטער...

— וואָס פעטערסטו מיר! ווייסט דאָך, אַז איך בין אַן'אָפּעַ-נער מענש און האָב ליעב אָפענע קאָרטען...

— קאָרטען האָט איהר אפילו ליעב אָפענע, נאָר ביי יע-נעם... — פלעגט ליסער בכיון פערדרעהען דעם געשפרעך, ווי-סענדיג דאָס פעטער'ס נאַטור, אַז מען קען איהם לייכט אַרויס-פיהרען אויף אַנ'אַנדער שמועס.

און ביי מיטאָג, בעת אַלע זענען געווען פערטהאָן אין טע-לער, האָט ער איהם פלוצלונג ווידער אָנגעפּאַטשט אין פּלייצע און מיט אַ לאַכענדיגען וואונק אַרויסגעזאָגט:

— א נאַלרען מיידעל, ווי איך בין א יוד... דו ווייס נאר וואס דו האסט צו טהאָן...

— עס, אז דו עסט, — פלעגט זיך די מוהמע אריינמי־שען מיט דיפּלאָמאַטיע.

בייטאָג איז געקומען טאמארקע. ווי שטענדיג, זענען ביי איהר די אַקסלען געווען עטוואס אויפגעהויבען, דער קאָפּ עטוואס פערוואָרפען א הינטער, און, ווי שטענדיג, ווי זי איז אריין, האט זי באלד פרעהליך געערדט, פונקט ווי זי וואלט נאך גע־פיהרט א שמועס פון פריהער.

ביי ליסער'ן האט זיך ענטוויקעלט א מאָדנע־געוועהנהייט די לעצטע צייט. אז ער פלעגט דערזעהן טאמארקען, פלעגט איהם נעהמען קלאפּען דאָס הארץ און א פּאר מינוט פלעגט ער זיך נישט קענען בעהערשען. ער פלעגט פיהלען, ווי עס בלייכען איהם די באַקען און די אויגען קוקען שארף און אנגעשטרענגט. כדי צו בעהאלטען עס, פלעגט ער הויך און גלייכגילטיג ארויס־זאָגען:

— זעצט זיך, טאמארקע, אָט איז א שטוהל... זעצט זיך...

און ער פלעגט גרילצענדיג, א שאר טהאָן א שטוהל פאר איהר. אין א פּאר מינוט ארום, אז ער פלעגט זיך איינגאנצען בעהערשען, פלעגט ער קוקען אויף איהר מיט שטילע און פער־ליבטע אויגען.

— איהר האט פיינט, טאמארעלע, ווייכען שניי?..., — האט ער שטיל געפרעגט און גאר שטיל צוגעגעבען: — קום אי־בער אהין אין צימער, וואס וועלען מיר זיצען דאָ... קום.

נאך דער פעטער, וואס האט נאר־וואס אויסגעריכט א צעהנדליג שליטענס מיט תבואה צו דער סטאנציע און וואס איז דעריבער געווען פערמעהליגט, רויט און אויפגעלעגט, האט זיך געזעצט נעבען טאמארלען און גענומען שטיפען. איהם האט זיך געוואלט ארומכאפּען אויף הינטער דעם שטוהל, אויף וועלכען זי איז געזעסען און שרעקען זי, אז זי וועט פאלען. מיט זיין גע־ווינדטער האנד האט ער געצויגען אראָב דעם שטוהל, טאמארקע'ס

שיך האבען זיך אויפגעהויבען ביז'ן ברעג פון טיש, דער קאפּ איהרער איז איבער'ן שטוהל־ווענדטיל נידעריג אראבגעהאנגען, נאר זי האט זיך נישט געשראקען און גיגלאבט. איין מינוט האט זיך געדאכט, אז אט לאזט איין דער פעטער דעם שטוהל און זי וועט א קלאפּ טהאן דעם קאפּ אן דער פּארלאגע. נאר טאמארקע האט זיך אלץ נישט געשראקען. דאס האט דעם פעטער, אפּנים, צוהיצט. ער האט געפּאטשט מיט די הענד, די ווייסלען זיינע אויפ'ן ברוינעם פּנים האבען געפינקעלט, אין די שווארצלען זע־נען אומגעשפּרונגען ווייסע בלישטשענדיגע פינטעליך און אינגאנצען האט ער זיך בעוועגט, ווי אויף פּרוזשינעס. באלד האט ער גע־נומען זינגען א חסיד'יש ליעדעל, פּאטשענדיג מיט די הענד:

— העלף! — האט ער געקנאקט מיט די פינגער צו לי־סער'ן, — וואס שוויינסטו?! מען ארבייט און מען ארבייט און מען ארבייט און מען ארבייט — און מען ווייס נישט, וואס מען ארבייט, מען בריהט זיך און מען בריהט זיך און מען בריהט זיך און בריהט זיך און מען ווייס נישט וואס מען בריהט זיך...

עס איז אריין די מומע. איהר בליק, א בייזער און אנ'אונ־צופריעדענער, איז געפאלען אויפ'ן פעטער

— געה, עפּעס א גוי רופט דיך.

— וואס דארף ער מיך.

— איך ווייס נישט.

דער פעטער האט זיך פויל אויפגעהויבען און ארויסגעגאנגען. די מוהמע נאך איהם.

— אט איז אליעבער יוד...—האט טאמארקע געשאקעלט מיט'ן קאפּ פון התפעלות, — פיעל מאל ווילט זיך מיר איהם א קוש טהאן.

— אהא! מיין פעטער! — האט ליסער מיט גוזמא'דיגער גרויסקייט ארויסגעזאגט, לאכענדיג, — עפּעס א קלייניגקייט: לי־סער! נאר דו, טאמארעלע, ביזט נאך טויזענדער מאל טייערער און ליעבער... דיך דארף מען אויף די הענד טראגען, ביים הארצען דארף מען דיך האלטען און קושען, און קושען...

— נא קוש, —האט טאמארקע חוזק'דיג אנגעשטעלט א באק.

ליסער האט געקושט די גלאטע סאמעטענע מיידעלשע באק און האט געפיהלט ווי זי ווערט הייסער און פערלויפט מיט בלוט. איהר אויג, אונטער א לאנגער וויילער דונקעלער ברעם, א בעשטראהלטעס און אנ'אונבעוועגליכעס, האט ליידענשאפטליך און פער'עקשנ'ט געקוקט אין איין פינטעל, פונקט ווי דאס מיידעל וואלט געהערט עפעס א זיסע און א וויטע מעלאדיע.

— קוש נאך...

ליסער האט געלעגט איהר קאפ צו זיך אויפ'ן האנד און האט געקושט אין די ליפען, אין די אויגען, אין האלז און אין די האהר. פון פאדער־צימער האבען זיך דערטראגען פויערים־קולות, דאס טופען מיט די פיס און דער סקריפ פון דער גאס־טהיר. נאר די דאזיגע וואכעדיגע קלאנגען זענען פאמעליך, פאמעליך פערשוואומען, עס זענען צורונגען געווארען די וועגד און דער באלקען און די פאדלאגע, עס איז אריינגעטראטען געווארען א מאדנע שטילקייט, א קלארע און א בערוהיגענדע, און ליסער'ן האט זיך געדאכט, אז ער געהט מיט איהר אויף דעם געלען זאמדיגען שטעגעלע, צו דעם נאקעטען שטיין מיט דעם וואסעריל, פארביי די גרינע שטילע ברייטע פעלדער. אט געשיהט אויפ'ן וואר דאס, וואס ער זעהט אין דמיון אלע פריהמארגען. נאר ערגעץ אין מוח איז דא א ניכטערעס פינטעלע, וואס מאכט ליסער'ן אונבעמערקט צו וויסען, פונקט ווי דאס דאזיגע פינטעלע וואלט נישט געוואלט שטערען, אז ער, ליסער זיצט ביים פעטער אין הויז, אין דעם גרויסען ליכטיגען צימער און האלט די הויכע שלאנקע טאמארלען אין די הענד און קושט זי. און אט דאס פינטעלע מאכט זיסער דעם חלום, עס קומט אויס חלום מיט וואר צוזאמענגעמישט, צוזאמענגעוועבט. א גרויסער חלום — א פינטעלע וואר, א גרויסער חלום, — א פינטעלע וואר.

דאזמאל האט טאמארקע געגעכטיגט אין זשילין. פארנאכט זענען געקומען צום פעטער א סך סוחרים, פונקט ווי זיי וואלטען זיך צוזאמענגערעדט. איין שליטעל נאכ'ן צווייטען האט זיך מיט א סקריפ אבגעשטעלט נעבען גאניק, און יעדן שטיב פלעגט איינער נאכ'ן אנדערן אריינפאלען א בערדיגער יוד מיט א קוטשמע אויפ'ן

קאָפּ אין אַ ווינטערדיגען וועג-פוטער. אונטער די וואָנסען האָבען בײַ זײ געפינקעלט ווײַסע גרויסע געזונדטע צײהנער און גערעדט האָבען זײ מיט פעסטע ברײטע, בײַ אײניגע עטוואָס הויזעריגע, ברוסט-שטימען. עטליכע שעה כסדר האָבען זײ געהאַט אַ וכוח מיט'ן פעטער איבער געהילץ. און זײ האָבען געמאַכט מיט די הענד, געטרײסעלט יט די פּנים'ער, געשריען און איבערגעשריען אײנער דעם אנדערן. שפּעטער, אַז זײ זענען מיד געוואָרען און האָבען אָבגעגעסען, אויסטרינקענדיג פריהער צו עטליכע קעלישאָקליך בראָנפען און פערבײַסענדיג מיט ביער, האָט מען צו דעם געוועהנליכען לאָמפּ אָנגעצונדען דעם גרויסען הענגלאָמפּ, און מען האָט זיך אויסגעזעצט שפּיעלען אין קאָרטען. טאַמאַרקע, וואָס האָט גערעכענט פאָהרען אַ הײם, איז פערבליבען צוליעב די קאָרטען. מען האָט אַרויסגערוקט די פליעגלען פון דעם גרויסען טיש, און דער הענג-לאָמפּ האָט בעלויכטען צװײ צײַלען געדיכטע ישוב'ניקסע בערד, שטערנס מיט קלײנע טיעפע קנײטשען און חיטרע אויגען.

געשפּיעלט האָט מען אין טערטיל-מערטיל און די באַנק האָט פערלעגט דער פעטער מיט דער מוהמען. פונאַנדערגעטײלט קאָרטען האָט די מוהמע און דער פעטער האָט געטאַשט. נעבען זײַנע הענד זענען געלעגען צװײ בערגליך געלד, קופּער און זילבער, און ער האָט זײ װײַלעװײַז דאָ קלענער און דאָ גרעסער געמאַכט. ליסער איז געזעסען בײַם ראָג טיש אינאײנעם מיט טאַמאַרקען און זײ האָבען גענומען צו צװײ קאָרטען.

— ערשטער און צװײטער קלאַס! — האָט די מוהמע זיך אויפגעשטעלט און געניט אַ קאָמאַנדעווע געטהאָן, אַוועקלעגענדיג אויפ'ן ווײַסען סערוועט צװײ קאָרטען: אַן'אונטער גרין און אַ זיעבענטיל רײַץ. — נו, ווער האָט?

זי האָט זיך אַרומגעקוקט. אַלע האָבען אויף אַ רגע נערוועז אַרײַנגעשטאָכען די אויגען אין די קאָרטען און געשוויגען.

— דריטער און פיערטער קלאַס! — האָט די מוהמע ווידער אַוועקגעלעגט צװײ קאָרטען. דאַסמאָל איז געװען אַ מלך פּיק און אַ נײַנטעלע רײַץ. פון צװײ ערטער האָבען זיך אַרויסגערוקט

צוויי האָהריגע הענר און האָבען מיט נצחון אַנידערגעוואָרפען די קאָרטען. דער פעטער האָט אוננעדולדיג געצאָהלט און ווייטער געטאַשט.

— איך האָב פערשאָלטענע צוויי קאָרטען, — האָט טאַמאַרקע אין דער־שטיל געריעדט צו ליסער'ן, — מלכות האָב איך... איך האָב זיי פיינט ווי די שפּינען..! ווי זאָגסטו, בעֶרעלע, זיי וועלען ארויס?...

— עס וועט זיין אַ גרויסער נס, אַז דיינע מלכות וועלען אַרויס, — האָט ליסער זי בעהאַלטענערהייד אַרומגענומען.

— ניינטער קלאַס! — האָט די מוהמע מיט פּאַראַד אויסגערופען און אוועקגעלעגט אַ קאַרט. אַלע האָבען אויסגעצויגען די העלזער און האָבען נייגעריג און דורשטיג געקוקט צו דער קאָרט. דאָס איז געוועזען אַ צווייטעלע טרעף. אַ רויטער מאַסיווער יוד, מיט גערינגע רויטע ברעמען, האָט זיך געריוועז אַ וויעג נעטהאָן אויפ'ן שטוהל, האָט זיך צוויי מאָל אַריינגעקוקט אין זיין קאָרט און אין דער קאַרט, וואָס אויפ'ן טיש, און דערנאָך גראָב און הויעריג אַרויסגעמורמעלט:

— עס איז דאָ. צאָהלט.

— אַ סקאַנדאַל! — האָט טאַמאַרקע מיט אַ ברוגז'דיגער קינדערשער תנועה אוועקגעשליידערט די צוויי מלכות אויפ'ן טיש, — איך האָב זיי פיינט ווי די שפּינען, די מלכות.

מען האָט געשפּיעלט ווייטער. דער רויטער יוד האָט אויך איצט גענומען די ניינטע קלאַס. דאָס האָט ביי אַלעמען ארויסגערופען פערוואונדערונג און עפּעס אַ מין פערבאָרגענע פּערזאָנלע. דער רויטער יוד האָט געזאָגט:

— צו מיר גלייכט זיך נישט, ברידער, איך בין, פערשטעהט איהר מיך, אַ יוד מיט מזל...

טאַמאַרלע'ן מיט ליסער'ן איז נישט געגאַנגען. ליסער האָט קיין איין מאָל נישט געוואונען, און טאַמאַרקע'ס קאַרט איז עפּעס אַרויסגעגאַנגען אַ פּאָר מאָל אין קליינע און נישט־וויכטיגע קלאַסען. ביים פעטער אויפ'ן שטערן זענען געשטאַנען גרויסע טראָפּען שווייס, די נאָזלעכער זענען געוועזען פונאַנדערגעצויגען און אויפ'ן

האַלז האָט זיך געהויבען און אַראָבגעלאָזען אַ פּולער אָדער. די בערגליך געלד זענען גרעסער געוואָרען. ליסער מיט טאַמאַרלען האָבען זיך געלאַנגווײַליגט. פריהער האָט זיך זיי אַלין געדאַכט, אַז אָט איצט, דעם קאָן, וועלען זיי געווינען, נאָר עס זענען איבערגעגאַנגען אַ סך קאָנען און זיי האָבען גאָרנישט געוואונען און זיי האָט זיך אָנגעהויבען צו דאַכטען, אַז זיי זענען איבעריגע. פלעגמאַטיש, אָהן אַזאַרט, האָבען זיי געקויפט קאָרטען און פלעגמאַטיש און קאַלט פלעגען זיי דערנאָך אַוועלעגען.

— אַנ'עק מיט די קאָרטען! אַז עס געווינט זיך נישט, איז נישט אינטערעסאַנט. קום זיך דורכגעהן, — האָט זי פאָרגעלעגט.

נאָר ווי אויף צו להכעיס איז ביי ליסער'ן אַרוים דער נײַנטער קלאַס. האָבען אַלע געלאַכט, און דער פעטער האָט איהם מיט אַ בעזונדער צופרידענקייט אַרויסגעצאָהלט דאָס געלד.

— אויף מיינע נאמנות, מיר טהוט הנאה, וואָס איהר האָט גענומען דעם קאָן, איידער יענער רויטער יוד, — האָט אַרויסגעזאָגט אַ סוחר, וואָס איז געזעסען געגענאיבער.

— נו, נו, האַלט ס'מויל! — האָט דער רויטער יוד גוטמוטהיג אַ ברום געטהון, ווישענדיג דעם שוויים פון שטערן.

עס איז אַוועק אַ שעה און ווידער איז נישט געגאַנגען. דאָס שפיעל איז שוין אַריין אין אַזאַרט, אין אַ ווילדער פערביסענקייט, מען האָט זיך אויפגעהערט צו האַלטען רוהיג, ביי איינינגע אין די ווערטער האָט זיך בעוויזען אַנ'אָנגעגריפענע נערוועזע בייזקייט, וואָס איז בעגלייט געוואָרען מיט געשרייען און קאַלינגע זשעסטען. און אַז טאַמאַרקע מיט ליסער'ן האָבען זיך אויפגעהויבען פון טיש, האָט קיינער נישט בעמערקט די צוויי לעדיגע ערטער. טאַמאַרקע האָט אָנגעטהאָן דער מוהמעס פוטער, און, געהמענדיג נאָך אין פאָדערצימער ליסער'ן אונטערן אָרעם, זענען ביידע אַרויסגעגאַנגען אין דרויסען.

עס איז געווען אַ פינסטערע נאַכט, אָהן אַ פראָסט, און אַ שטילע. אונטען האָט געבלייכט דער נאַסער שניי, און אַז מען האָט געמאַכט אַ טריט, איז דער שניי געלאָפען מיט אַ חליפּ אויפ'ן פוס.

זיי זענען אוועק מיט דער ברייטער דאָרף=גאַס, בײַ די לאַנגע פּאַרקאַנעס, וואָס האָבען אָבגעטײלט איין הייזעל פון אַ צווייטען. פון די פּאַרקאַנעס האָבען זיך אַוועקגעצויגען ווייסע שטומע פעלדער, וואָס האָבען פון ווייטען אויסגעזעהן, ווי אָנגעוואָרפענע שטיקער פּאַפּיר. אין די פויערשע שטיבליך איז געווען פינסטער. וואו=נישט=וואו האָט געטוקט אין אַ פענסטעריל אַ קליין נעבעלדיג פייעריל, און וואו נישט=וואו האָט באַסענאַרטיג און פויל געהאַוועט אַ הונד. אין די שטאַהלען, וואָס צו דער גאַס, האָט זיך געהערט, ווי אַ פערד בייט שלעפעריג איבער מיט די פּיס, ווי אַ בהמה איז מעלה=גרה און ווי אַ חזיר קראַצט דעם רוקען אָן וואַנד. אין דאָס אויג זעהט אַלין: אַ שוואַרץ הייזעל, אַ שוואַרצען פּאַרקאַן און אַ בלייך פעלד; און מאַכענדיג נאָך אַ צעהנדליג טריט ווידער — אַ הייזעל, אַ פּאַרקאַן און אַ בלייך פעלד. פון די ווייסע שנייענע דעכליך, אויף די הייזליך, שטייגען אַרויס שוואַרצע קליינע קוימענדליך, און אין דער=פינסטער זעגען זיי אויסגעקומען ווי ווינציגע מענשען, וואָס וואַרטען אויף עפּעס אויס.

טאַמאַרקע איז געגאַנגען אָנגעשפּאַרט אָן ליסער'ס האַנד. זי האָט נישט גוט געזעהן און דער=פינסטער פון ווייטען, דער נאַסער שניי האָט שווער געמאַכט די טריט, אין פּנים איז געווען הייס, און דעריבער איז געווען זעהר אַנגענעהם די קאַלטע פייכטקייט, וואָס האָט פון דעם דונקעלען נעבעלדיגען הימעל געפלאָסען איבער די באַקען.

— דו האָסט ליעב זומער? — האָט זי פּלוצלונג ליסער'ן געפרעגט. — איך האָב דאָך נישט ליעב זומער. דאָס הייסט, ליעב האָב איך, אָבער נישט אַזוי ווי ווינטער. איך פערשטעה נישט, ווי אַזוי קען מען גאָר פערגלייכען זומער מיט ווינטער. נו, וואָס איז זומער: גרין, גרין און גרין... די גרינקייט ווערט אַזוי דערעסען, אַז עס ווילט זיך אויפ'ן פעלד נישט אַ קוק טהאָן. אָבער די גרינקייט און ווידער די גרינקייט... ווינטער איז ווייסער שניי... ווייסער שניי האַרטער, ווייסער שניי ווייכער, ווייסער שניי גלאַנציגער, ווייסער שניי מאַטעווער... פאַרהאַן ווייסער שניי וואַרימער און פאַרהאַן פראָסטיגער, שטעכיגער, און פאַרהאַן

דונקעלער און שאָקאָלאַד־קאָליר ׃ און פאַרהאַן בלוילעכער און פאַרי האַן גאָלדענער, בשעת די זון שײַנט אויף איהם.

— זעהסטו, טאַמאַרעלע, איך בין גאָרנישט אַזאַ מבין אויפ׳ן ווינטער. איך האָב איהם פײַנט דערפאַר, וואָס מען דאַרף זיך שטענדיג היטען, בעהאַלטען פאַר איהם... די הענד מוז מען בעהאַלטען, אַנישט וועסטו זיי אָבפריהרען. דערמאָהן זיך, די הענד... די אויערן בעהאַלטען, מיט׳ן נאָז איז צרות...

— עט! — האָט זי איהם אין מיטען איבערגעשלאָגען, אַ שטיים טהאָענדיג איהם אין אַ בערגעל נאַסען שניי, — אַז צו אונזער ליטא, אויב דו ווילסט וויסען, קלײַדט זיך גאָרנישט קיין זומער. דאָס איז נישט איהר סטיל. דאָס איז נישט איהר חן. ליטא און זומער! דאָס קומט מיר אוים, ווי אַ יוד אין לאַנגע פאות׳ן, מיט אַ לאַנגער קאַפּאָטע, וואָלט אָנגעטהאָן געלע מאָדערנע שיך, אויף הויכע אָבצאַסען... איך רייד שוין נישט פון דעם גרינעם פאַרב, וואָס הויבט זיך אָן צו צו עסען פון די ערשטע טעג אָן. איך האָב אַזוי ליעב ווינטער און ליטא... די חמאַרנע ליטא, די אײַנגע און די אָרימע... מיט די קלײַנע טײַכעליך און וואַסער־מיהלען... אַמאָל ווער איך ערנסט געשטימט, גלאַט פון העלער־הויט. אי־בערהויפט אָבער טרעפּם עס, ווען איך צוקריעג זיך מיט דער מאַמען, אָדער ווען איך לעז איבער אַ גוט בוך, טראַכט איך מיר דע־מאָלט ערנסט. און איך טראַכט ווי גוט וואָלט עס זיין, ווען ליטא וואָלט געווען אונזער לאַנד. אָדער, אַ שטײַגער, ווען מען וואָלט זי אונז אָבגעגעבען... אַ פאַסיגערעס לאַנד, ווי ליטא, איז גאָר אויף דער וועלט נישטאָ. נאָך אַזאַ שענער יודישער געשיכטע, נאָך ירושלים און די נביאים, דאַרפען מיר עפּעס האָבען ליטא — און נאָר ליטא... איהר הארץ — איז אונזער האַרץ, איהר נשמה — איז אונזער נשמה... ליטא איז אַ לאַנד פאַר אַ זעלכען, וואָס האָט געהאַט אַ גרויס אומגליק אין לעבען. און דער הימעל איז דאָ אַקוראַט פאַר אונז אָנגעמאָסטען, און דער לאַנגער אָסיען מיט די פוילע ווינדטען. חוץ דעם ווײַסען שניי... דאָס איז שוין אַ ציִרונג, וואָס איך — איך האָב משוגע האָלט...

אַ ווײַלע איז זי געגאַנגען שווײַגענדיג, דרעהענדיג שטיפעריש

אין איהר האנד ליסער'ס האנד. דערנאָך איז זי געבליבען שטעהן, האָט זיך ארייגעקוקט איהם אין פנים, און ליסער האָט געזעהן, ווי עס שמייכלען קאָקעטיש און לייכטזיניג אין דער-פינסטער די ווייסלען פון איהרע אויגען און די ווייסע צייהנער. עס איז געווען קענטיג, אז איהר ווילט זיך שטיפען, שפיעלען, עפּעס פאַרנעהמען א זאַך, וואָס זאָל ברייינגען אין א פרעהליכער בעוועגונג, און ער האָט געטראַכט, ווי גיך עס בייט זיך די שטימונג ביי דעם דאָזיגען מיידעל, ווי לייכט זי קען איבערגעהן פון ערנסט אויף לייכטזיניגקייט. אָקאָרשט האָט זי היציג און חנ'עוודיג גערעדט וועגען ליטא מיט אזא לשון, וואָס וואָלט זיך אייגענטליך געפּאַסט פאַר א בחור. „איך רייד שוין נישט פון דעם גרינעם פארב, וואָס הויבט זיך אָן צו צו עסען פון די ערשטע טעג אָן"... „איבער הויבט אָבער טרעפט עס". דאָס איז בחור'שער ערנסט, בחור'יזם. און דאָך אין די סאמע ערנסטע רייד האָט שוין געמוזט ביי איהר געבוירען ווערען א פערלאַנג צו וועלען א שטיף טהאָן, און זי האָט עס אודאי אליין נישט געפיהלט.

— בערעלע, האָסט ליעב דעם שנייַ?...—האָט זי שטיפעריש און קאָמיש פערוואָרפען די הענד איבער זיין קאָפּ און געטרייסעלט איהם, — האָסט ליעב ליטא? האָסט ליעב?

ער האָט זי אַרומגענומען און געשעפּטשעט איהר אויפ'ן אויער, פיהלענדיג א נאַסען לאָק איהרען אויף זיינע ליפּען:

— ליטא איז ליטא, שנייַ איז שנייַ... איך האָב זיי ביידען ליעב, האָטש עס מעג צו ביידען קיין גוטער ניט קענען.. אָבער דו, טאַמאַרעלע, דיך...

— אָבער דו, טאַמאַרעלע, דיך... — האָט זי איהם האַסטיג איבערגעקריגט, — קום, וואָס שטעהען מיר!

זי האָט איהם א ציה געטהאָן פאַר'ן האַנד און זיי זענען אוועקגעגאַנגען ווייטער. אין א פויערשען הייזעל, ביים פענסטער, האָט געברענט א לעמפּעל. אינגוועניג, אין שטוב, זענען אויף די שוואַך בעלויכטענע ווענד אומגעשפּרונגען האַהריגע שאָטענס, און אין דרויסען, אויפ'ן שנייַ, אַנטקעגען פענסטער, האָט געציטערט א געלער שיין. עמיצער אין שטוב האָט אָפט געגעבען א געשריי,

ווי א געווינערין, חיה'דיג און פול פערצווייפלונג. דער געשריי האט איבערגעשניטען די נאכט אויף צוויי חלקים און איז פערפאלען געווארען ערגעץ אנ'עק וועלט. דערנאך האבען זיך ווידער אויס-געצויגען פערשלאפענע הייזליך, הינטער וועלכע עס האט אויף לאנגע שטרעקעס געבלייבט דער שניי.

— געהען מיר זיך ביידע אויף גאט'ס גרויסער וועלט...—

האט זי אנגעהויבען, אנגעהמענדיג זיין האנד, אין די פינגער, און ווארפענדיג זי זארגלאז א הין און צוריק, — געהען מיר זיך ביידע אין דער נאכט און קוקען אין דער-פינסטער און זעהען דעם שניי און די הייזליך און די קליינע פענסטערליך... אויפ'ן הארצען איז אזוי גרינג און גוט, חאטש נעהם אין בעשאף עפעס א שענע זאך... ווען איך וואלט געווען א שרייבערין, וואלט איך איצט אזוי געשריבען: אין דארף שלאפט מען שוין לאנג. די ווייכע ווינטער-נאכט האט ארויפגענומען איהר בלייך, שוועס-טעריל—די שטילקייט אויף די קניה און דערצעהלט איהר אויפ'ן אויער א שטיל מעשה'לע פון זייער גרויסען פאטער—גאט... ניין, נישט דאס. אך, ווי אונגאטירליך! שרייבען קען איך גאר-נישט... א ליגען. אז איך וויל, שרייבט זיך מיר אמאל נישט שלעכט, נאר ווי דריקט מען פארט אוים דאס, וואס עס ווילט זיך,—האט זי זיך א רגע צוגעשטעלט א לייכט געטהאן אין דער-פינסטער מיט די צייהנער — אט אזוי, דאכט זיך: עס איז נאכט און שטיל. שטיקער שניי בלייבען אין דעם ווינטערדיגען נאכט-נעבעל; אויבען, אנשטאט דעם הימעל, הענגט א גרויע חמארע. דער פראסט האט לאנג געלאזען...

זי האט זיך מיט אמאל פונאנדערגעלאכט, עטוואס אנבוי-גענדיג זיך, און קוים דערנאך ארויסגעזאגט:

— דאס דארף מען טראגיש, מיט פערגלאנצטע אויגען, זאגען: דער פראסט האט לאנג געלאזען!.. דער פראסט האט לאנג געלאזען!... דער פראסט, — האט זי פאראדירט א טרא-גישען דעקלאמאטאר, — האט לאנג געלאזען!... עס חאפט גאר גרוילען! די האהר שטעלען זיך אוועק!

ליסער האט אויפגעהויבען די הענד אין דערהויך און האט אויף

א נידעריגען געריכלטען באס, מיט פאטאס און שאקלענדיג דעם קאפ, ארויסגעזאגט:

— און דער פראסט האט לאנג געלאזען!... און דער פראסט — האט לאנג געלאזען!...

— לאכט פון מיר נישט!... — האט איהם טאמארקע א פאטש געטהאן, מיט קאפריז, איבער זיינע הענד, — נאר וואס דאס בעסטע איז, בערעלע, ווייסטו? אט וואס. געהען מיר זיך ביידע, איך און בערעלע, אויף דער גרויסער וועלט גאט'ס, און די נאכט איז א גוטע, און דאס פעלד איז גוט, און די פויערשע הייזליך זענען גוט און דאס לעבען איז גוט... און אויפ'ן הארצען איז גרינג און עפעס יונגיג, און עס ווילט זיך געבען בערעלע'ן א רעכטען פאטש אין באק אריין... אט אזוי...

אויף ליסער'ס באק איז הילכיג געפאלען איהר האנד. א פינגער האט איהם עטוואס אנגעטראפען אין אויג און א ווילע האט ער דערזעהן א הויפען לויפענדיגע פונקען. ער האט געכאפט איהר האנד און אריינגעלעגט צו זיך אין קעשענע.

— פון איצט אן איז די פערברעכערישע האנד ארעסטירט...

טאמארקע האט געמאכט א געשיקטע בעוועגונג און האט זי פלינק בעפרייט. די לאנגע דארף־גאס האט זיך אונבעמערקט געענדיגט, און צו די אויגען איז לאנגזאם, שטיל און פארטזיכטיג צוגעשוואומען א הויכער שווארצער סאסנע־בוים. עס האט זיך געדאכט, אז דאס איז א מענש, איינגעהילט אין שווארצען, וואס האט צוליעב עפעס א ווילכטיגע כונה פערבעהאלטען די הענד און דאס פנים. גלייך, געגענאיבער, איז געשטאנען א געדיכטער גרויער נעבעל, ווי א הויכער בארג, איבער וועלכען עס האבען אזוי ווי אומגעקלעטערט קליינע ווינדטליך. די פייכטקייט איז דא געווען גרעסער און פיהלבארער און זי האט זיך גע'גנב'עט דורך די ארבעל אין פלייצע א־יין.

— צוריק? — האט ער געפרעגט.

— צוריק.

צוריק איז דער וועג אויסגעקומען קירצער. די הייזליך האבען מיט גיכע דראבנע טריטליך געצויגען זיי אנטקעגען, פונקט

ווי זיי וואלטען זיי געוואונשען קומען גיכער א היים. אויך איז דער וועג אויסגעקומען דייטליכער, און צווישען דעם געדיכטען פארבלאזען נעבעל, וואס איז אויבען געהאנגען, האט מען איצט וואו־נישט־וואו געקענקט בעמערקען א שטיקעל ריינעם שווארצען הימעל מיט א בלייכען פינטעלע פון א שטערען.

פון וויטען, אין עק דארף, האבען געלויכטען די גרויסע פענסטער פון פעטער'ס הויז, ווי פרעהליכע אויגען פון א זאטער חיה.

— דעם פעטער'ס הויז לייכט, בערעלע, האט טאמארקע געזאגט, — מען שפיעלט נאך. ווען איך וואלט נישט זיין א ביסעל איינגעמאטערט, וואלט איך נאך געגומען א קארט. ס'איז גאנץ אנגענעהם צו שפיעלען אין קארטען.

— איך האב עס נישט ליעב, — האט ליסער אונצופרידען ארויסגעזאגט, — וואס? נאך מיר נאך, איז עס אפילו נישט אינטערעסאנט.

— וואס הייסט אינטערעסאנט? — האט זי איבערגעקריגט זיין טאן, — די קארטען זענען מיר דען געפעלען? די אטמאספערע, די היץ, דער אזארט, וואס ארום די קארטען, געפעלט מיר. יודען סוחרים, פערנומענע, פערשמייעטע, פערדרעהטע — און ביי קארטען שוין גאר אנדערע: ריזיקאנטען, לייכטזיניגע, ענערגישע, אמת'ע ספארט־לייט.

— זיי זענען אבער עפעס פערגאלטע, — האט ליסער מיט עקעל געזאגט, — נישט קיין פערגינער...

— דאס קען נאר בעמערקען א מענש, וואס איז נישט קיין ספארטס־מאן פון נאטור. דאס איז גארנישט.

נעבען פעטער'ס הויז, אויף יענער זייט פארקאן, איז געשטאנען א פערד נעבען א שליטעל און האט געגעסען האבער פון א זעקעל, וואס איז איהם געווען אנגעטהאן אויפ'ן קאפ. און דער קלאנג פון זיין עסען איז געווען אזא, פונקט ווי עס וואלט זיך כסדר און מאנאטאנע עפעס געריבען אן א טארטקע. פון שטוב האבען זיך געטראגען קולות, איינצעלנע אויסגעשרייען און איבערגעריסענע געלעכטער'ס. טאמארקע מיט ליסער'ן האבען זיך צוגע־

שטעלט נעבען גאַניק. פון דער דאָרפס-גאַס האָט געבלאָנזשעט די פערשלאָפענע געדיכטע נאַכט-שטילקייט, האָט זיך אָנבעגעגענט בלינדערהייד מיט דער פעלד שטילקייט, זיך שטומערהייד פעראייניגט און צוזאַמען זיך געלעגט אויף דער ערד. זיי האָט נישט געשטערט דאָס טומעל פון שטוב.

— נאַ! זעקס קושען גיב מיר אין איין באַק, — האָט זיך טאַמאַרקע צוגעטוליעט צו ליסער'ן, — און זעקס קושען אין דער אַנדער באַק... שנעל!

— זיך פאַלג... — האָט ער זי צוגעדריקט צו זיך, קוי-שענדיג.

א פויער, וואָס האָט געקוקט אין פענסטער און וועלכען זיי האָבען, אפנים, נישט בעמערקט, איז פּלוצלונג א לאַכענדיגער פערשוואונדען געוואָרען א הינטערן שטוב. קענטיג, אז די קושען האָבען איהם פערטריבען. טאַמאַרקע האָט לייכט א ציטער געטהאָן און באַלד דערויף זיך פונאַנדערגעלאַכט.

— א רוח אין איהם! — האָט ליסער א פאָך געטהאָן מיט'ן האַנד.

— נו, ער האָט קאַליע געמאַכט... טאָ לאָמיר געהן אין שטוב אריין, — האָט טאַמאַרקע פאָרגעלעגט.

אין שטוב איז דאָס שפּיעל געגאַנגען נאָך מיט מעהר גע-רויש ווי פריהער. די פּנים'ער פערשוויצטע, רויטע און אויפגע-רעגטע, די אויגען אָנגעשטרענגטע און נערוועזע, די הענד אונ-רוהיגע, צאַפּלענדיגע. אין ווינקעל, ביים טיש, איז געזעסען א נייער פּאַרשוין—דער לעהרער, מיט צוויי קאַרטען אין די הענד. צו די אריינקומענדע האָט ער זיך א נויג געטהאָן מיט א בעהאַל-טענעם שמייכעל, א קליינליכען און א פּניה'דיגען, און מאַדנע איז געשטאַנען די פּייעלשע נאָז זיינע איבער די וואָנסען. איצט האָט געהאַלטען די באַנק דער רויטער יוד, וועלכען עס איז, אפנים, שטאַרק געגאַנגען אין קאַרטען. צוויי היבשע בערגליך זילבער-געלד, פון וועלכע עס האָבען מיט גדלות אַרויסגעבלישטשעט עט-ליכע גאָלדענע מטבעות, זענען געלעגען נעבען זיינע הענד. און און פון זיי האָט ער נאָך אָפּטער אראָבגענומען און אדיינגעלעגט

אין הייזען-קעשענעס. מיושב'דיג, מיט טאָלק און זיכער האָט ער אויסגערופען:

— נייַנטער קלאַס!

דער פעטער, פערמישט צווישען די סוחרים, איז אוסגעקומען ווי אַ גאַסט, וואָס איז זעהר פערטהאָן אין שפּיעלען. אַ וויטיגער וואָלט נישט דערקענט אין איהם בעל-הבית. איילענדיג האָט ער געכאַפּט די קאָרטען, פּונקט ווי מען וואָלט שפּיעלען אויפ'ן פּראָסט און מיט פערזשמורעטע אויגען און אַ פערקנייטשטען שטערן האָט ער געהיט די קלאַסען. די מוהמע איז געזעסען אויף אַ שטוהל, ווייט פון טיש, און האָט אַ מידע און אַ פערטראַכטע געקוקט צום לאָמפּ. איהר פּנים איז געוועזען האַלב פערגאָסען מיט שיין און האַלב בעלעגט מיט שאָטען. אַ שענער אומעט האָט געבלאָזשעט איבער איהר געזיכט, און זי האָט אויסגעזעהען יונגער ווי אַלעמאָל. טאַמאַרקע איז געבליבען שטעהן אין מיטען צימער, נישט ווייסענדיג וואָס פאָרצונעהמען. זי האָט געקוקט צו די שפּיעלער, און די באַקען זענען ביי איהר געוועזען אונגעוועהנליך רויט פון די קושען.

— געה לעג זיך שלאָפען...—האָט איהר ליסער געזאָגט וויך און שטיל, פּיהלענדיג, ווי איהם ווילט זיך האָבען איבער איהר אַ דעה צום גוטען. איהם האָט זיך פּלוצלונג פערוואָלט איהר אויסבעטען די בעט, אָבשפּיעלען איהר די שיך, לעגען זי שלאָפען, איינדעקען זי און פערוויגען, ווי מען פערוויגט אַ קינד.

VII.

אין איין טאָג האָט געגעבען צוויי נייַעס: פון סאָניען איז אָנגעקומען אַ בריעף און פון גובערניע איז געקומען טאַמאַרקע'ס חתן. סאָניע'ס בריעף איז געוועזען אַ לאַנגער און אַ לאַנגווייליגער, געשריבען אין רוסיש מיט קליינע, און ציטערדיגע אותיות'ליך, וואָס

האָבען וואונדערליך דערמאָהנט אָן דער שרייבערינס קליינע און נערוועזע פיגור מיט שווארצע אונרוהיגע אויגען.

אין בריעף האָט זי זיך צו עפּעס געטשעפּעט, עפּעס געמאָהנט, איבער עפּעס מוסר געזאָגט און האָט געענדיגט מיט אַן אויסרויף, וואָס ער איז אַוועקגעפאָהרען נישט געזעגענטערהייד, אַזאַ גראָבקייט, וואָס זי וועט עס נישט פערגעסען, וואָס ער שרייבט קיין בריעף נישט, נאָך אַ גרעסערע עולה, און ווען ענדליך, רעכענט ער דאָך צו קומען. דערביי איז זי איהם מסרה, אַז מיט'ן בריעף איז זי קיין אנדער זאַך נישט אויסען, ווי נאָר גוטע פריינדשאַפט. זאָל ער נישט מיינען, אַז זי האָט פּרעטענזיעס אויף עפּעס אַזוינס, פון וואָס ער זאָל זיך דאַרפען פיהלען געבונדען און אַ ביסעל פערפליכטעט. זי איז פריי און ער איז פריי.

אַז ער האָט גענומען לייענען דעם בריעף, איז איהם שוין פון די ערשטע שורות בעפאַלען אַן'אונאַנגענעהמעס געפיהל צוזאַמען מיט אַ געדאַנק, אַז דער בריעף איז לחלוטין אַן'איבעריגער, און אויב עמיצען איז שוין יאָ נויטיג געווען צו שרייבען און אַוועקשיקען, טאָ פאַרוואָס פעלט דאָ אויפריכטיגקייט און פּשטות פאַרוואָס איז דאָ אָנגעוואָרפען אַזוי פיעל פּניעות, גראָבע און מאוס'ע. אונצופרידענערהייד האָט ליסער דאָך איבערגעלעזען דעם בריעף צוויי מאָל. דערנאָך האָט ער איהם אויפגעשטיקט אין האַנד, געהאַלטען איהם אַזוי אַ ווײַלע, אַרומגעקוקט זיך און אַריינגעוואָרפען אין דער ברענענדער הרובע. און באַלד איז איהם געוואָרען לייכט, פונקט ווי דאָס געלייענטע וואָלט מיט אַ מאָל אַראָבגעשווינקט געוואָרען פון זכרון.

דאָס צווייטע נייס — דער חתן, האָט ער אויך אַזוי פּלוצלינג געטראָפען ביי טאַמאַרקען, ווען ליסער איז, ווי געוועהנליך. געקומען צו איהר.

געזעסען איז דער חתן פאַר'ן טיש, פערוואָרפען אַ פוס אויף אַ פוס, אין אַ שענעם שווארצען קאָסטיום, מיט ווייסע וועש, גוט פערקעמט און גלאַט צוגעגאָלט. אין דעם, ווי טאַמאַרקע האָט זיי ביידען געמאַכט בעקאַנט, געבעטען ליסער'ן זיצען, זיך גערדעהט איבער'ן

שטוב זענען געלעגען נייע בעוועגונגען, עטוואס אונרוהיגקייט, און, ווי עס האט זיך געדאכט, עפעס א פערבארגענע שולד.

ליסער האט באלד פערשטאנען, אז דאס איז דער חתן, און דאס האט אויף איהם קיין איינדרוק נישט געמאכט. עס איז איהם דוקא געווען אינטערעסאנט צו זיין דער דריטער צווישען זיי ביידען, געדענקען די קושען, איהרע הייסע טרייע בליקען, איהר נאהענטקייט. און אין דערזעלבער צייט זיין א פרעמדער, א גאסט, וואס וועט דאך נישט אוועקגעהן אדער אוועקגעהן און איבערלאזען א צוקלעמט הארץ. נאר דערזעהענדיג איהרע נייע אונבעקאנטע בעוועגונגען, האט איהם אנגענומען א פערדרוס, פונקט ווי עמיצער וואלט איהם בעליידיגט. עס איז געווען קלאר, אז דאס מיידעל קען זיך נישט אריענטירען, אז עס איז איהר עפעס נישט הענדטיג, און דאס האט ארויפגעבראכט אויפ'ן געדאנק, אז קיין אמת'ע אריגינעלע מיידליך זענען אין גרונד גאר נישטא.

ווען עס טרעפט אזא לאנגע מיט א בחור, וואלט ער זיך זיכער אנדערש געהאלטען. ער וואלט זיך בשום אופן נישט פערלירען, אגב וואלט פון אנהויב אן דער בחור גישט דערלאזט דערצו, אז עס זאל זיך צווישען ביידען געפינען דער דריטער, מיט וועלכען מען האט אזוינע אינטימע גרויסע סודות.

פון אנהויב איז געווען מאדנע. מען האט לאנג געשוויגען טאמארקע פלעגט אפטער פערשווינדען און קומען מיט אנ'אונבעקאנטען שמייכעל אויף די ליפען אדער מיט גוזמא'דיגער פרעהליכקייט. דערנאך האט מען זיך פונאנדערגערעדט. עס האט זיך צוגעזעצט דער זיידע, די עלטערע שוועסטער מיט'ן מאן, וואס איז מיט א פאר וואכען צוריק געקומען פון אויסלאנד. מען האט גערעדט פון אויסלאנד, פון קארן און שוועמליך און יודישע צרות.

גערעדט האט איבערהויבט דער איידעם, א יונגערמאן מיט א קיילעכדיג שווארץ בערדעל, מיט א בלייכען פרומען קלויזניקשען פנים און מיט זעלטענע קלארע ציינער. דער זיידע האט געהאלטען די הענד אויפ'ן טיש, די פינגער צונויפגעפלאכטען או האט אפטער געשאקעלט מיט'ן קאפ און געזיפצט, פון אונטער

ארבעל, אויפ'ן האנר, האבען זיך ארויסגעזעהן לאנגע גרויע העהרעליך.

אין געשפרעך האט ליסער פון דער זייט נאכגעהיט טא־מארקען, געזוכט אין איהרע אויגען, בשעת זי האט געקוקט אויפן חתן, נאכגעהיט אויפמערקזאם דעם טאן אין איהר רײדען און געסטארעט זיך ארויסצוגעפינען אזוינס, וואס זאל פיעל עס איז קלאר מאכען איהר אינערליכע בעציהונג צו דעם דאזיגען פראנטישען בחור. אויסערליך האט ליסער גענומען אנ'אנטייל אין געשפרעך, און אז מען איז אריבער פון קארן אויף יודישע צרות, האט ער גוט, קלוג און לאנג גערעדט פון א גרויסען צעטעל גזירות, וועלכע ווערען טאג־טעגליך פאבריצירט אויף דעם אויס־געמאטערטען פאלק.

עס איז נעווען נישט שווער איינצוזעהן, אז איהרע בליקען אויפ'ן חתן זענען גאנץ וואכעדיגע, נישט מיט דעם גלאנץ, ווי זי פלעגט קוקען, לויט איהר טבע, אויף א יונגענמאן, וואס איז איהר אינטערע־סאנט און ליעב, אז איהר טאן איז א געוועהנליכער, און אז דאס, וואס זי איז ביי ליסער'ס אריינקומען געווען עטוואס מבולבול, דארף מען עס גיכער צושרייבען ליסער'ן און נישט דעם חתן. נאר עס האט זיך נאך געוואלט זוכען, אנטאפען דאס סאמע טיעפע, און פטור ווערען פון דעם בעליידיגונגס־געפיהל, וואס איז ערגעץ געלעגען אויף דער נשמה.

עס האט זיך ארויסגעשטעלט, אז דער חתן איז גארנישט אזא נאר, ווי טאמארקע האט איהם ליעב געהאט אנצורופען. צו דעם אלגעמיינעם שמועס האט ער אפטער געמאכט גאנץ גלייכע און פראקטישע בעמערקונגען, מיט א וויילען און רוהיגען בארי־טאן. אויף איהם איז אויך געוועען צו בעמערקען ערציהונג, דיס־ציפלין און טאקט, און עס האט זיך געפיהלט, אז ער געפינט זיך אונטערן איינפלוס דארט אין באנק, וואו ער דיענט, פון העכערע און רייכע בעאמטע, וועלכע האבען ליעב צו ריידען דייטליך, קורץ און מיט טאלק, און קורץ, דייטליך און מיט טאלק האבען זיי ליעב, אז מען זאל צו זיי אויך ריידען.

קוקענדיג אויף איהם, איז ליסער'ן געווען מאדנע און אונ־פערשטענדליך, וואס ער, דער חתן, א בחור מיט א חשבון,

וואַהרשיינליך אַ קאַריערִיסט, אַ טיפּישער אָנגעשטעלטער אין אַ באַנק, יאָגט זיך נאָך דער קאַפּריזנער טאַמאַרלען, וואָס וועט איהם קיינמאָל נישט זיין קיין טריי און איבערגעבען ווייב, ווי אַזוינער דאַרף זיך ווינשען צו האָבען. אויף וואָס פאַר אַ שטייגער פערשטעהט ער טאַמאַרקעס פּראַכטען און איהר בעזונדער קאָקעטישען חן, וואָס בעדאַרף אייגענטליך אַזאַ בחור זיין נישט געפעלען?

ליסער האָט אונבעמערקט און גוט בעטראַכט זיין פּנים. ער איז געווען שען. דער קאָפּ און די געזיכטסצינגע זענען געווען פון גרויסער מאָס: בּרייטע מאַנסבּילישע באַקען פון אַ העל־ברוינער פאַרב, אַ לאַנגע פעסטע, נאָר שען־געטאָקטע נאָז, אַ בּרייטער פער׳עקשנ׳טער מאַנסבּילישער שטערן, גרויסע רוהיגע שוואַרצע אויגען און אַ בּרייטער האַלז, וואָס איז פון אויבען אַראָב, צו דער מאַנישקע, געגאַנגען העלער. דעם אויסדרוק פון פּנים האָבען נאָר קאַליע געמאַכט די צוויי גראָבע, פעטע ליפּען, וואָס האָבען זיך אונאַנגענעהם נישט געלאָזט בעהאַלטען אונטער די קליינע, בּיי די עקען עטוואָס פערדרעהטע שוואַרצע וואָנסען. עפּעס ליידענשאַפט־ליכעס און דאָרשטיגעס איז געלעגען אין זייער גלאַנציגער רויט־קייט.

פון יודישע צרות איז מען איבערגעגאַנגען צו געוועהנליכע מעשיות, וואָס דער טאָן־געבער פון זיי איז געווען טאַמאַרקעס שוואָגער. ער האָט געמאַכט מיט די הענד, געשאָקעלט דעם קאָפּ אויף רעכטס און אויף לינקס, אַרויסגעשטעלט די ווייסע צייהנער, געשפּריצט מיט׳ן מויל און האָט זיך, קענטיג, בשום אופן נישט געקענט אָנזעטיגען מיט רייד.

— הערט זיך איין אַ מעשה...—האָט ער אָנגעחאַפּט ליסער׳ן פאַר אַ האַנד,—וואָס עס קען פּאַסירען. דאָרטען, אין שטעדטיל, וואו איך האָב געוואוינט וואַנעס, איז געקומען אַ יוד אַ דאָקטאָר פון רוסלאַנד. אויך אַ חולה. וואַנעס האָט ער בעדאַרפט. גאָר־נישט, אַ חולה — אַ חולה... פלעגען מיר זיך זעהן אַלע טאָג. עס איז דאָך נישט געווען וואָס צו טהאָן. אַ הויכער איזער געווען אַזאַ, אַ גראָבער, אַ געגאָלטער, ממש אַ פּאָניע. איז ער אָבער געווען פרום, ווי אַ שטעקען. שייך פרום! אָהן אַ ברכה האָט

ער א האהר נישט גענומען אין מויל, בענשען פלעגט ער הויך, אויפ'ן קול, און ריכטיג דריי מאל א טאג פלעגט ער דאווענען. איהר פערשטעהט? א דאקטאר ערגעץ אין א העק, אין א פערוואָרפען רוסיש שטעדטיל, און אזא יודיש פרום הארץ צו האבען! וואס רעדט איהר, נעבען איהם בין איך אויסגעקומען דער אויסגעלאסענער, דער אפיקורס, און ער — דער ערשטער ערליכער יוד, דער צדיק! מאכט זיך א מעשה און ער בעקומט א טעלעגראמע, אז זיין טאטע איז געשטארבען. איז וואס זאל איך אייך זאגען, פון דעם מענשען איז געווארען העלפט, ער האט אויפגעשניטען א שטיקעל זשילעט און פלעגט אומלויפען דריי מאל א טאג אהן קאמאשען, אין קאלאשען, צונויפשלאגען א מנין צו זאגען קדיש... און קדיש פלעגט ער זאגען מיט צוגעמאכטע אויגען און שאקלען זיך, ווי אנ'עכטער חסיד. נו, וואס וועט איהר זאגען דערויף? מיר האבען אלע געקוועטשעט מיט די פלייצעס פון וואונדער. איין זאך איז נאר געווען קשה, וואס ער גאלט זיך. נאר פרעגען ביי איהם מכח דעם האט עפעס נישט געפאסט...

און שוין האט ער דערצעהלט אנ'אנדער מעשה, גיך און חאפענדיג, מיט אלערליי תנועות, מאכענדיג מיט די קליינע ווייסע הענדטליך. אויפמערקזאם און צושמייכלענדיג, האט איהם נאר אויסגעהערט דער חתן. די שטובּיגע, אפנים, צוגעוועהנטע צו זיינע מעשיות, איז געווען לאנגווייליג. דער זיידע האט געקלאפט מיט די פינגער אן טיש און טאמארקע'ס עלטערע שוועסטער האט געגענעצט.

לאנגווייליג איז אויך געווען ליסער'ן. פון אלע זיינע מחשבות מכח טאמארקען האט ער זיך אויף עפעס בעשטימטעס נישט אבּגעשטעלט, און אין קאפ איז איהם נאר געבליבען דאס, אז צו דעם חתן מוז זיך זומער פאסטען העלע שיך אויף הויכע אבצאסען, א פינגעריל אויפ'ן האנד, א קייטעל אויפ'ן זשילעט און קומען דארף ער פון דייטשלאנד.

די שטימונג ליסער'ס האט זיך אינגאנצען געביטען, עס האט זיך פלוצלונג פערוואלט געפינען זיך אין זשילין, נעבען דער מוהמען, מיט א גוטען בוך אין האנד, וואס די איינדריקע פון

איהם זאָלען זיין אַזוי שטאַרק, אַז ער זאָל זיך פערגעסען אָן זשערמאַן מיט'ן חתן, וועלכען דער שווארציאָהר האָט אין אַזאַ פראָסט אָנגעטראָגען אַהער. צו וואָס האָט ער אייגענטליך בעדאַרפט איצט קומען? אַ פערנומענער בחור, איצט איז ווינטער, אין דרויסען איז אַ גרויסער פראָסט, זיצט מען אין באַנק און מען אַרבייט, און אַז מען וויל שרייבט מען אָן דער כלה אַ בריעף. ניט מעהר. שרייבט מען אָן אַ צווייטען בריעף — אַז מען קען שוין נישט אויסהאַלטען, און גענוג. ווי טהוט מען עס אַזוי? און וואָס איז, די כלה איז דאָס אַנ'אָבגעקויפטע זאַך, וואָס מען מוז קומען צופאָהרען אין אַ פראָסט געוואָהר ווערען, צי עמיצער האָט זי נישט ארויסגע'גנב'עט? און ליסער'ן הויבט זיך אָן פערדראָסיג צו דאַכטען, אַז אין דעם צופאַל קען מען אויך איינזעהן דאָס אייביגע געזעץ פון מניעות, פון עפּעס אַזוינס, וואָס דאַרף זיך אָנ־רוקען אין רעכטען מיטען גליק און פערשטערן, צוברעכען און איבעררהאַקען. דאָס דאָזיגע געפיהל האָט ער פון שטענדיג. בשעת ער קוקט אויף דער רייגער קיילעכדיגער לבנה, דאַכט זיך איהם, אַז באַלד וועט איהר'ס אַ ברעג פערשטעלען אַ וואָלקען, וואָס וועט מיט אַמאָל אָנשווימען. אַז ער הערט אַ גוטע מוזיקאַלישע פּיעסע אין אָרקעסטער, דאַכט זיך איהם, אַז אָט־אָט וועט עמיצער פון די מוזיקאַנטען נעהמען אַ פאַלשען טאָן, און אַז ער בלייבט אַליין מיט אַ מיידעל, וואָס איז איהם ליעב, אין איין צימער, האָט ער אַזאַ געפיהל, ווי עמיצער, אַ מענש, וועלכען ער האָט גראָד זעהר פיינט, האַלט אין געהן צו איהם און אַז באַלד וועט יענער אַריינקומען. און דאָס רוב פלעגט טאַקע אַזוי געשעהן, און דעמאָלט איז ער בייז, גראָב און אויפגערעגט און עס ווערט ביי איהם שטאַרקער דער גלויבען אין דעם פערשאָלטענעם געזעץ פון מניעות.

ארום אויער האָט געקנאַקט דער טרוקענער, פון אויבען־געהענדער קול פון טאַמאַרקעס שוואָגער. איצט האָט ער גערעדט פון דעם, ווי אין דייטשלאַנד זעגען ביליג בגדים און זייגערס. און ווי אויף צו להכעיס האָט ער געוועקט די אויפמערקזאַמקייט אין ליסער'ן, האָט איהם געצויגען פאַר'ן האַנד, געטרייסעלט פאַר'ן אַקסעל און אָנגעחאַפּט ביים קנעפעל. צום טיש האָט זיך

צוגעזעצט טאַמאַרקעס מוטער, אַ קורצע, אַ רויטע, מיט אַרויסגעשלאָגענע פּאַסען האָהר פון אונטער'ן פּאַריק און מיט וואָלעדיגע פערטהאָנענע אויגען. אַ קוק טהועדיג אויף איהר, האָט זיך ליסער מיט פערדרוס אויפגעהויבען און איז צוגעגאַנגען צום פענסטער. אין שטוב איז געווען וואַרים, נאָר ביים פענסטער האָט פון די שויבען געצויגען אַ קעלט, און עס איז געווען אַנגענעהם איינצואָטעמען די דאָזיגע לופט. באַלד איז צו איהם אונטערגעקומען טאַמאַרקעס עלטערע שוועסטער, האָט צוגערוקט אַ שטוהל און זיך אַנידערגעזעצט.

— נו, איהר וועט נאָך אַ סך פערברייִנגען אין דאָרף? האָט זי מיט אַ גוטען פריינדליכען שמייכעל געפרעגט.

— ביז דער שניי וועט אַראָב... — האָט ליסער לאַכענדיג געזאָגט.

— איהר האַלט אויך פון שניי? אבי איך מיין, אַז נאָר אונזער טאַמאַרקע האָט ליעב שניי.

— ניין, איך האָב שניי נישט אַזוי ליעב, טאַמאַרקע איז אין דעם פּרט שוין אַנ'אויסנאַהם.

ליסער האָט זיך אַנידערגעזעצט. טאַמאַרקעס שוועסטער האָט אויף איהם שטענדיג אַ גוטען איינדרוק געמאַכט, זי איז געווען נישט קיין שענע, אַ נידעריגע, ענהליך אין דער מאַמען און מיט גלייכע פּראָסטע האָהר. נאָר פון איהר האָט געוועהעט אַ האַרציגע וואַרימקייט, עפּעס אַ זעלטענע אויפריכטיגקייט און אַנ'אורזאַכלאָזע פריינדליכקייט. דאָס סאַמע ליעבסטע איז אין איהר געווען דאָס, וואָס זי האָט מאָדנע חנ'עוודיג און גוט געקענט קוקען יעדען אין די אויגען אַריין און ווייך און שטיל שמייכלען בעת מעשה. און יעדעס מאָל ביים רעדען מיט איהר אָדער זיצענדיג נעבען איהר, פלעגט זיך איהם קלערען, אַז זי דאַרף קענען געדולדיג און מיט מתירת־נפש אַרומגעהן אַרום אַ קראַנקען, אַז ביי איהר דאַרפען זיין אַ סך ליעבע און צולאָזענע קינדער און אַז איהר דאַרף זיין גוט צו פערטרויען אַ סוד.

קינדער האָט זי געהאַט דריי: צוויי יונגליך מיט אַ מיידעל. דאָס עלטסטע קינד — דאָס מיידעל איז נישט געווען אין שטוב,

און די צוויי יונגליך, טאַקע ליבע און צולאָזענע, זענען געזעסען בײַם טיש און זיך געקלאַפּט מיט די פיס און זיך געשטורכעט. אָפטער האָט דער טאַטע אין מיטען די רייד זיך געמוזט אָבהאַלטען און אָנשרײַען אויף איינעם פון זיי. נאָר די קינדער האָבען נישט געהערט און געטהאָן דאָס זייעריגע.

— איך געדענק נאָך אײַך מיט פופצעהן יאָהר צוריק... — האָט ליסער פלוצלונג געזאָגט, פיהלענדיג אויף זיך איהרע גוטע מוטערליכע אויגען, — איך פלעג זיך שפּיעלען מיט זשערמאָנער שקצים און פלעג הערען, ווי עמיצער רופט אײַך דורך די אָפענע פענסטער: חיענע, חיענע, אין שטוב געה! די מאַמע מסתמא... אייגענטליך געדענק איך אײַך בעסער, ווי אַלעמען.

בײַ חיענען איז דאָס שוין, אַפּנים, געווען אַ געשעהעניש. דער גוף איהרער האָט אַ ציטער געטהאָן, די אויגען זענען געוואָרען גרויס און נאַאיוו, ווי בײַ אַ קינד, און איבער'ן גאַנצען פּנים האָט זיך אויסגעגאָסען אַ ברייטער און אַ ליכטיגער שמייכעל.

— טאַקע איהר געדענקט מיך? טאַקע? — האָט זי זיך געוואונדערט, — איך בין שוין דעמאָלט געווען אַ גרויסע מויד. נו, און טאַמאַרלען האָט איהר געקענט? טאַמאַרלען זאָג איך, וויפיעל איז זי עס דעמאָלט איינגאַנצען אַלט געווען.

— טאַמאַרלען געדענקט איך גאָרנישט, — האָט ליסער געזאָגט און האָט דערפיהלט, אַז ווי ער דערמאָהנט דעם נאָמען, גיט איהם אַ ציה אין האַרצען און ער מוז אָנהויבען שמייכלען, — אייגענטליך האָב איך בעדאַרפט גוט קענען אַלעמען פון אײַער הויז, איך האָב זיך דאָך אויסגעהאָדעוועט נישט ווייט פון אײַך, אין זשילין. בין איך אָבער געווען מסתמא אַ יונגעל אַ שטיפער און האָב, ווי אַלע שטיפערישע קינדער, שלעכט אַרײַנגענומען אין זכרון דאָס, וואָס איך האָב געזעהן.

— אָבער מיך געדענקט איהר? חאַ, חאַ..., — האָט זי גוט און מיט הנאה געלאַכט.

ליסער האָט געפיהלט אַ שטיקעל דעמאָנסטראַציע דערין, וואָס ער איז אַוועק פון טיש, זיך געזעצט נעבען פענסטער און פערברענגט מיט דער עלטערער שוועסטער. צוליעב וואָס האָט ער

עס בעדארפט אזוי פיהלען, האט ער נישט געוואוסט, און ער האט עפעס ווי פון זיך אליין מגזם געווען די העפליכקייט צו חיענע׳ן. איצט איז איהם נישט אזוי ווילטיג געווען צו הערען וואס זי רעדט, ווי אליין אנצושטעלען א ליעבליך און פריינדליך פנים, לאכען געטריי פון איהרע ווערטער, געבען איהר אפטער גערעכט און זאגען איהר קאמפלימענטען. און דערביי האט ער ווילעוויי געקוקט צום טיש, זיך געסטארעט צוווארפען אויף טאמארלען א קוק אזוי, אז זי זאל נישט אנטרעפען זיין בליק, און יעדעס מאל פלעגט זיך איהם דאכטען, אז ער זעהט אין טאמארקעס אויגען פערדרוס און הארצוועהטאג.

— יא, מען דארף ביי אייך פרעגען אנ׳עצה, — האט זיך חיענע אנגעבויגען צו ליסער׳ן, — הערט איהר דאך, מיין מיידעל איז אלט ניין יאהר, ווייס איך נישט, וואס צו טהאי מיט איהר, איך קען איהר נעהמען א לעהרער אהער, ווילט זיך מיר אבער, אז פון איהר זאל ארויס א שטיקעל מענש, און דא, אין דארף, מיט א לעהרער, וועט גארנישט ארויס, איז פארהאן א פלאן אוועקצושיקען זי אין גובערניע אריין צו מיין מאנ׳ס א ברודער און יענער וועט זי ארייננעבען אין אגימנאזיע. ווי זאגט איהר, ס׳איז כדאי? מיין מאן ברעקעלט זיך אפילו...

— אודאי, אודאי, אין גימנאזיע... — האט ליסער ליעבליך געשאקעלט מיט׳ן קאפ, נאכקוקענדיג נאך טאמארקען און נישט אויסהערענדיג אינגאנצען דאס, וואס חיענע האט גערעדט,— נאר אין גימנאזיע... היינטיגע צייטען, פערשטעהט איהר מיך, קען גאר אנדערש נישט געמאלט זיין... נאר אין גימנאזיע... וואס וועט זי דא טהאן אין דארף...

— שווינער און חיענע! — האט אויסגעשריען דער איידעם מיט א שוהל-קול, — מען האט אייך געלאזט מעלדען, אז עס איז שוין צייט צו עסען. מיר, ווי מיר — די געסט ווילען אודאי שוין עסען. פערעדט זיך...

די מוטער מיט דער טאכטער האבען זיך אויפגעהויבען ווי אייך מענש, האבען זיך א שושקע געטהאן אוועלע אן א זייט און זענען אוועקגעגאנגען אין קיך. חיענעס מאן האט דערוויל דער

צעהלט א פרישען וויץ, די צוויי יונגליך האבען זיך געשטורכעט מיט די עלענבויגענס און אנגעשטעלט בייזע פנים'ליך איינע אויף די אנדערע, דער זיידע האט געגלעט די בארד און דער חתן האט העפליך אויסגעהערט דעם איידעם'ס וויץ. טאמארקע איז ארויס פון טיש, איז צוגעגאנגען צום אלמער, ווי זי וואלט דארט עפעס געזוכט, דערנאך האט זי געמאכט א פאר טריט צום קיך, איז איבערגעגאנגען אין א קרייז די גאנצע שטוב און האט זיך אנידערגעזעצט אויף חיענעס ארט, נעבען ליסער'ן. איצט איז ביי איהר ווידער געווען א פערשולדיגטע מינע, ווי צום ערשטען, בעת ליסער איז אריינגעקומען און עס איז געווען קענטיג, ווי זי וויל מיט קאקעטישע זארגלאזע בעוועגונגען פערבעהאלטען די פערשולדיגטע אונבעקוועמע מינע.

— נו, בערעלע, נו... — האט זי איהם אריינגעקוקט אין די אויגען, ווי זי וואלט וועלען טרעפען זיינע מחשבות. דערנאך האט זי צוגערוקט איהר קניה צו זיינע, און אנגעדריקט אויף איהר, און, פונקט ווי זי וואלט זיך איבערצייגען, אז דאס איז ווייניג, האט זי בפרהסיא אנגענומען זיין האנד און געשפיעלט מיט די פינגער. — וואס שווייגסטו, בערעלע, דיר איז עפעס נישט אנגענעהם?...

— וואס פרעגסטו מיר עפעס אזוינע זאכען? — האט ער קאלט ארויסגעזאגט, דערפיהלענדיג אין זיך א פערלאנג צו פייניגען זי. דער פערלאנג איז ביי איהם פריהער נישט געווען און דערפיהלט האט ער איהם, בעת זי האט אומישנע געדריקט איהר קניה צו זיינע.

— איז וואס, ביזטו אויף מיר ברוגז? — זי האט פערביסען די אונטערשטע ליפ, האט ארויסגעלאזט זיין האנד און שוין מיט אנ'אנדער טאן ארויסגעזאגט: — אויב דו וועסט זיך אזוי שפיעלען, וועל איך ברוגז ווערען, און דעמאלט וועלען מיר זיך קיינמאל, קיינמאל שוין נישט זעהן. איך וואלט גלאט וועלען וויסען און וואס האב איך זיך פערזינדיגט נעגען דיר? זאג מיר וואס?

די אונבעהאלפענע מינע איהרע איז אינגאנצען פערשוואונדען געווארען, פון די אויגען האט ארויסגעשפראצט ענטשלאסענ-

קײַט און ווילען. די דאָזיגע ניכע פערענדערונג האָט ליסער'ן עטוואָס איבערראַשט. נאָר ווײַכער ווערען, שוין אָבווישען דעם ברוגז האָט ער זיך געשעמט. דאָס וואָלט אויסגעקומען צו־שוואַך אַנטקעגען איהר פערענדערונג, און ער האָט איצט געפּרובט מיט זאַרגלאָזע תּנועות און בעוועגונגען אויפהאַלטען אויסערליך דיזעלבע קאַלטקײַט, אונטערזינגענדיג אונטערן נאָז.

— אײַגענטליך בין איך אויף דיר גאָר נישט ברוגז... פון וואַנען האָסטו עס גענומען? — האָט ער מיט דערזעלבער קאַלטקײַט געזאָגט, — נאָר מיר טהוט זעהר באַנג, וואָס איך בין הײַנט געקומען אַהער...

— טאָ זאָל דיר באַנג טהאָן! — האָט זי מיט נצחון אַרויסגעזאָגט.

— געה איך אַוועק...

— געהט!

— און דיר וועט עס גאָר נישט פערדריסען?

— וואָס אַרט עס אײַך?...

מען האָט גענומען גרײַטען צום טיש. חיענע האָט איבערגעצויגען איבער'ן טיש אַ ווײַסען סערוועט, ערגעץ אין קיך האָט די אַלטע געקלאַפּט מיט גאָפּלען און טעלער, און אַ הויכע שיקסע מיט אַ פערבונדענעם קאָפּ האָט פונאַנדערגעשטעלט שטוהלען.

שפּילענדיג אַ קנעפּעל פון זשילעט, האָט ליסער געטראַכט וואָס צו טהאָן. בלײַבען ווײַטער זיצען נאָך דעם איז עפּעס נישט גאָר אַנגענעהם, און אַוועקגעהן איז ווידער נישט בעקוועם. זיי, וועלכע זיצען בײַם טיש, וואָלטען נאָך זײַן פלעצליכען אַוועקגעהן געקענט מײַנען, אַז ער מיט טאַמאַרקען האָבען זיך צוקריגט און אַזוי צו לאָזען זיי מײַנען, בשעת עס איז דאָ אַזאַ גאַסט ווי דער חתן, איז העכסט נישט גלײַך. און בעזונדערס האָט וועה געטהאָן צו בעשליסען אַוועקצוגעהן איבערדעם, וואָס דער סכסוך צווישען איהם מיט איהר איז אַרויסגעקומען אײַגענטליך פאַר גאָרנישט, כמעט אָהן עפּעס אַ ווילכטיגען סמך. נאָר איהם האָט באַלד אַרויסגעראַטעוועט חיענע, וואָס האָט, אַפּנים, בעמערקט, אַז ער האָט בדעה נישט צו געהן צום טיש.

— איך מײן גאָר אַנדערש נישט, אַז איהר װעט הײנט עסען מיט אונז, — איז זי מיט פרײנדליכע אויגען צוגעגאַנגען צו ליסער'ן, — איהר זאָלט זיך גאָר נישט פּרובען אָבזאָגען.

פונדעסטװעגען האָט ער געמאַכט אַ בעװעגונג אויף אװעקצוגעהן, כדי צו זעהן, װאָס פאַר אַנ'אײַנדרוק װעט עס מאַכען אויף טאַמאַרקען. אויף טאַמאַרקען האָט עס, אַפּנים, קײן אײנדרוק נישט געמאַכט, זי האָט זיך אויפגעהויבען און איז אַ שװײַגענדיגע איבערגעגאַנגען אויף די אַנדערע העלפט צימער און האָט קײן אײן מאָל נישט אָבגעקעהרט דעם קאָפּ. און חיענע האָט נישט אָבגעלאָזען.

— איהר מוזט שוין געהן צום טיש. איהר טאָרט זיך נישט אָבזאָגען.

נאָר איצט האָט זיך געװאָלט זעהן, װאָס װעט װײַטער אַרויסקומען פון דעם שפּיעל, און ער איז אַװעק צום טיש. אַװעקזעצענדיג זיך, האָט זיך איהם מיט אַמאָל פערװאָלט חוזק'ן, קאָקעטירען, מיט עפּעס אינטערעסאַנטעס איבעראַשען אַלעמען און איהר אָנמהאָן פערדרוס. נאָר עס איז קײן אײן האָפנונג נישט געװען, אַז אײנס פון אַט די אַלע זאַכען, זאָל קענען דאָ פערװירקליכט װערען.

זיצט דער חתן מיט שטאָט שוין עטליכע שעה צײַט און האָט זיך נאָך קײן אײן מאָל נישט אויפגעהויבען. חוזק'ן איבער איהם איז כמעט אַ רחמנות און איבערקאָקעטירען איהם איז נישט שװער און בכלל נישט אינטערעסאַנט. װײַטער איז חיענעס מאַן — אויך גאָרנישט. איבער טאַמאַרקען גופא חוזק'ן איז גראָד גוט, דאָס איז אַ געפעהרליכער געגנער, קען מען אָבער װאָס אויסטײַטשען דערפון — און דאָס טאָר מען נישט.

פונקט געגענאיבער איהם האָט זיך טאַמאַרקע אַנידערגעזעצט. אָן די אַראָבגעלאָזטע אויגען, אָן דעם קנײטש העכער פון נאָז, װאָס האָט דערנעהנטערט בײדע ברעמען, האָט ער געזעהן, אַז זי איז אין כעס. און קוקענדיג אויף איהר, האָט זיך איהם געװאָלט רײדען הויך און אַ צופרידענער לאַכען.

656

— איז וואס האט איהר פארט געזעהן אין אויסלאנד ? — האט ער מיט איראניע געפרעגט דעם איידעם.

— ווער קען דאס משער זיין, וואס א מענשענס אויג קען זיך דארטען אנקוקען... — האט זיך דער איידעם באלד ארויסגעחאפט, נישט פערשטעהענדיג די איראניע, — אט איך וועל אייך דערצעהלען גאר א קלייניגקייט... א מעשה מיט א בילעט אויפ׳ן באהן, וואס איינער האט גענומען און אנגעוואהרען...

און ער האט מיט זיין טרוקענער שטים געשאטען און געשאטען. ליסער האט זיך געמאלט, אז ער הערט איהם מיט כונה, און ער האט איהם אפטער אונטערגעווארימט מיט אזוינע פראגען, פון וועלכע די מעשה זאל זיך קענען נאך מעהר צופלקערן. דערמיט האט ער געוואלט ערגערן טאמארקען, וועלכע האט שטענדיג פיינט געהאט צו הערען דעם שוואגער׳ס מעשיות:

— אברהם! — האט זי זיך בייז אנגערופען צום שוואגער, — זאל שוין זיין גענוג צו דערצעהלען. דער קאפ האט אנגעהויבען וועה טהאן!

— שא, וואס איז? — האט ער זיך געשווינד אנגעקעהרט צו טאמארקען, פונקט ווי עמיצער וואלט איהם און דער זייט א שטאך געטהאן, — דיר איז א היזק, אז איך רייד?

— ליעבעם פריילין, — האט ליסער הויך און אפיציעל ארויסגעזאגט, — אייער שוואגער מעג זיך איבערנעהמען. ער דערצעלט שען און אינטערעסאנט... איהר ווילט נישט הערען?..

טאמארקע האט פון אונטערן שטערען א ווארף געטהאן אויף איהם א בייזען בליק, האט פערקוועטשט די ליפען, און, שוויי־גענדיג א ווילע, האט זי זיך פלוצלונג פונאנדערגעלאכט, מיט אראבגעלאזטע אויגען. דאס לאכען האט זיך איבערגעגעבען ליסער׳ן און די צוויי יונגעליך. די יונגעליך האבען געלאכט דין, ליסער הויך און ברייט און טאמארקע סאפראניש־ווייך, מיט א קלאנג פון זילבער. דער חתן, קענטיג, פון יוצא וועגען, האט געשמייכעלט און אברהם האט מיט כעס געצופט דאס בערדעל.

— וואס לאכט איהר? — האט ליסער גניבי׳ש געפרעגט, לאכענדיג.

— משוגעים!... — האָט דער שוואָגער אַרויסגעברומט.

ליסער האָט געפֿיהלט, אַז דאָס לאַכען דערנעהנטערט ווידער איהם מיט טאַמאַרקען און עס ווערט פֿערגעסען דאָס פֿריהעריגע, און איהם האָט עס אַ ביסעל באַנג געטהאָן. ער איז געווען זיכער, אַז די דערנעהנטערונג וועט קומען, זי מוז קומען, און איצט, ווען עס זאָל אויף אַ ווײַלע פֿערבלייבען דאָס שלעכטע געפֿיהל צו איהר, דער ברוגז, וואָלט ער אפשר דאָך געפֿונען אַ געלעגענהייט צו קאָקעטירען, חוזק'ן און אָנטהאָן איהר פֿערדרוס, וואָס איז אין אַזאַ מינוט אַזוי אַנגענעהם.

מען האָט דערלאַנגט דאָס ערשטע געריכט — פֿיש, און דער שוואָגער האָט באַלד פֿערגעסען דערויף, וואָס טאַמאַרקע האָט איהם אין מיטען דערצעהלען איבערגעריסען. די אויגען, דאָס בערדעל, די באַקען, דאָס מויל האָבען אויסגעדריקט הנאה און צופֿרידענקייט. ער איז פֿלינק אויפֿגעשטאַנען פֿון טיש און האָט פֿון ערגעץ געבראַכט אַ גרויסע פֿלאַש קאַרשען־שנאַפּס.

— כדאי, כדאי צו טרינקען, — האָט ער צופֿרידען גע־רעדט, פֿונאַנדערשטעלענדיג די קעלישאָקעס, — לכבוד די געסט דאַרף מען טרינקען.

דער שנאַפּס איז געווען שטאַרק און געשמאַק. נאָך דעם דריטען קעלישאָק זענען ביי טאַמאַרלען רויטליך געוואָרען די באַ־קען און אין די אויגען האָט געלויכטען אַ בעזונדער גלאַנץ. איהר האָט זיך נאָר געוואָלט צוקושען זיך מיט'ן זיידען. דערויף האָט זי אָנגעמאַכט אַ גאַנצע בהלה: דער זיידע איז געזעסען ביים צווייטען עק טיש, און געהענדיג צו איהם, האָט זי אומגעוואָרפֿען איהר שטוהל, פֿערטשעפּעט דאָס טישטוך און שיער נישט אַראָבגעוואָר־פֿען דאָס געפֿעס, דעם שוואָגער האָט זי אָנגערוקט דעם הוט אויפֿ'ן נאָז, און דאָס אַלץ איז געטהאָן געוואָרען מיט ליאַרים און געקלאַפּעריי. נאָר זעהר חנ'עוודיג איז געווען די סצענע מיט'ן קושען זיך. זי האָט אַרומגענומען דעם זיידען ביים האַלז, ווי אַ רינג, אַזוי, אַז די לאַנגע ווייסע באָרד זיינע איז געווען אַרומגע־גאַרטעלט אַרום איהר האַנד, מיט דער צווייטער האַנד האָט זי איהם עטוואָס אָנגעבויגט דעם קאָפּ, געקוקט איהם אין די אויגען

ארײַן און הײם און לאנג א קוש געטהאָן איהם אונטער זײנע לאנגע וואָנסען.

— זעהט איהר, — האָט דערנאָך דער זײדע זיך בעריהמט, װישענדיג די וואָנסען, — זי האָט מיך העלטער פאר די יונגע...

מען האָט װײטער געטרונקען. און יעדעס מאָל, בעת עמיצער האָט פון דאָס נײ אָנגענאָסען די לעדיגע גלעזליך, האָט זיך געדאַכט, אז דאָס טהוט יענער אויף צו כלומר׳שט, אז דאָס שפּיעלט מען זיך מעהר נישט, גלאט אזוי זיך, פון פרעהליכקײט װעגען. נאָר בײ אברהם׳ן זענען שוין געװען גלעזערנע אויגען, ארויסגעשפּארטע ליפּען, א נארישער גלאטער שמײכל. אויף װעלכען ער האָט געװאָלט ארויפציהען א קנײטש און האָט בשום אופן נישט געקענט. געהאַלטען האָט ער זיך אָבער לפי ערך גוט און רוהיג.

דער חתן איז געװען ניכטער, כאָטש ער האָט געטרונקען װיפיעל אלע, נאָר אזוי װי געצוואונגענערהײד. געקומען א גלעזעל, געמאַכט א קאלטע, אזוי װי א געצוואונגענע מינע און אויסגעטרונקען. ליבער האָט נאָך בעדארפט געװעג טרינקען, ביז ער זאָל שכור װערען, נאָר דאָך איז איהם געװען א סך גערוימער אין קאָפּ, אין הארצען, אין די הענד און אין די פיס. נאָר אין אײן פּונקט איז ער געװען מיט זיך נישט צופרידען. יעדע רגע האָט ער זיך געכאַפּט קוקענדיג אויף טאמארקען. קוקען האָט מען געמעגט, נאָר דאָס איז שוין געװען א צו־אָנגעשטרענגטעס קוקען, וואָס האָט איהם נעערגערט. גענען דעם האָט ער פערבראָכט װיפיעל װילען ער האָט געהאַט, און עס האָט אלץ נישט געהאָלפען. אָט האָט ער זיך בכיון פערדרעדט מיט׳ן אײדעם, אפילו מיט׳ן חתן, פערדרעדט זיך און מיט עקשנות געקוקט זײ אין די אויגען ארײן, נאָר באלד האָט זיך דער קאָפּ, װי נישט זײנער, אָבגעקעהרט, און רײדענדיג מיט יענע, האָט ער געקוקט אויף טאמארקען. און קוקענדיג אויף טאמארקען האָט זיך איהם געדאַכט, אז זי איז אײנגעפאסט אין העלער לופט, גאר א בעזונדערער, אז די אויגען איהרע האָבען א נײעם פארב, א װאונדערליכען, וואָס מען מוז כסדר קוקען אויף זײ.

פון טרינקען האָט זיך טאַמאַרקע נישט אָבגעזאָגט, און עס איז געווען קענטיג, אַז זי וועט זיין סאַמע שכור. נאָך פריהער האָבען זי די מאַמע און חיענע געוואָרענט, אַז זי זאָל נישט טרינקען, נאָר זי האָט זיי קיינעם נישט געהערט. פון הינטען, ביים האַלז, זענען ביי איהר צופאַלען די האָהר און העלער זענען זיי געלעגען אין אָרדנונג, און דאָס האָט עפּעס דייטליך געטייטעלט אויף איהר שכרות. אַ פּאָר מאָל האָט זי זיך גענומען אויסזינגען אַ חסידי׳שען נגון און האָט נישט געקענט אויספיהרען.

ליסער האָט פון דאָס ניי אָנגעגאָסען די גלעזליך. ביי איהר קעלישאָק האָט ער זיך אָבגעשטעלט.

— גיסט! — האָט זי בעפוילען.

— ניין, טאַמאַרעלע, גענוג... — האָט ער ווייך אַרויסגעזאָגט.

— גיסט!

— טאַקע גענוג, טאַמאַרקע, — האָט זיך דאָס ערשטע מאָל אָבגערופען דער חתן.

— וואָס? — האָט זי בייז אָנגעקעהרט דאָס פּנים אין זיין זייט מיט אַזאַ אויסדרוק, ווי מען דערהערט נישט עפּעס אַזוינס, וואָס אַן׳אומאָנגענעהמער מענש האָט אַרויסגעזאָגט און מען מוז עס מיט פערדרוס נאָכאַמאָל איבערפרעגען.

איצט האָט ליסער דוקא געוואָלט איהר געבען בראָנפען. נאָר איהר מינע צום חתן, וואָס האָט איהם בעדאַרפט טיעף בעליידיגען, האָט ליסער׳ן אָבגעהאַלטען און געמאַכט איהם גלייכגילטיג.

— איך וועל אייך זאָגען, טאַמאַרעלע, — האָט ער זיך ווייך אַריינגעמישט, — איך האָב מורא, אַז איהר וועט איבערחאַפּען די מאָס... אגב בין איך מיך מודה, אַז איך האָב פיינט שכור׳ע מיידליך... צו זיי קליידט עס עפּעס נישט. און עפּיס די קליידער זייערע פּאַסען זיך נישט דערצו. אַ וואונדערליכע זאַך. אַ יונגעמאַן, אָנגעטהאָ׳ אין מאָדערנע קליידער, אַז איהר זאָלט אָנבענגענען טוידט־שכור, איז גאָרנישט... נו, האָט זיך אָנגעטרונקען אַ מענש, וועט איהר אַ טראַכט טהאָן, אפילו נישט אַזוי

שען, נאָר מיט חסד. עס שאַדט נישט. אָבער אַ פרוי קען איהר זיך פאָרשטעלען אין העכסט מאָדערנע קליידער אַ טוידט־שכור'ע? אַז איהר זאָלט אַזא אַמאָל אָנבעגעגענען, בין איך זיכער, אַז אייך וואָלט מאָרגע אַנ'עקעל געטהאָן... איהר וואָלט עס גאָר נישט געקענט איבערקאָכען...

— אמת, אמת, — האָט צוגעבראָמט דער שוואָגער.

— גיס!... — האָט טאַמאַרקע קאַפּריזנע אַרויסגעזאָגט און גנביש פערבויגען דעם ט, — גיס!...

— נו, איין גלעזעל נאָר, און מעהר נישט... — האָט זיך ליסער אונטערגעגעבען.

— מען דאַרף זינגען, — האָט דער שוואָגער געפינטעלט מיט די גלעזערנע אויגען, — טאַ—דע—רי—דע—ריי—דיי, ריי—דיי, ריי—דיי...

— אָנגעטרונקען זיך... — האָט טאַמאַרקעס מאַמע גע־מורמעלט אַ ביזע, — גלאַט אין אַ מיטען מיטוואָך... זאָל מיר גאָט נישט שטראָפען פאַר די רייד...

און איז אַרויסגעגאַנגען פון צימער. דעם זיידען האָט עס, אפנים, נישט געאַרט, און עס האָט זיך געפיהלט, אַז אַ חוץ דעם, וואָס ער האָט דאָ אַ ביסעל הנאה, עס איז איהם פרעהלי־כער, איינטערעסירט איהם אויך דער אופן, ווי אַזוי עס האַלטען זיך היינטיגע צייטען די יונגע, אַז זיי נעהמען אַ טרונק בראָנפען. עס איז געווען קענטיג, ווי ער הערט זיך צו צו די ווערטער און קוקט זיך צו צו דעם אויסערליכען האַלטען זיך.

— טאַ—דע—רי—דע ריי—דיי, ריי—דיי, ריי—דיי, — האָט אברהם האַלב־וויינענדיג געזונגען און געמאַכט מיט די הענד. אויף איהם האָבען געקוקט די יונגליך פערוואונדערטע און שטי־לע. זיי האָבען, אפנים, נישט געוואוסט, צי דאָס איז שען, וואָס דער טאַטע טהוט, צי דאָס איז מאוס, נאָר זיי האָבען זיך בע־רוהיגט און אָנגעהויבען לאַכען, ווען די מאַמע זייערע האָט גע־חוזק'ט איבער איהם:

— אַ פיינער שכור, נישטאָ וואָס צו ריידען... אויף גוים געזאָגט געוואָרען, רבונו־של־עולם...

— וער, איך בין שכור?... — האט ער אין מיטען זינגען איבערגעריסען און געסטארעט זיך א קנייטש טהאן דעם שטערן, — דאס דאכט זיך דיר... א האהר נישט...

און מען האט נאך ווייטער געטרונקען, אויסער טאמארקען, וועלכער מען האט נישט געגעבען קיין שנאפס. פון די לעצטע צוויי גלעזליך האט זיך אויך געוואלט אבזאגען דער חתן. נאר ליסער האט זיך איינגעשטעלט און ער האט געמוזט אויסטרינקען. לויט דער צאהל גלעזליך האט ליסער אויסגעטרונקען מעהר פאר אלעמען, נאר שכור האט ער זיך נישט געפיהלט, ווי ער האט שוין געפרובט אמאל זיין אין זיין לעבען. ער האט געפיהלט, אז ער געפינט זיך איצט אויף דער גרענעץ פון וואגען, פון קענען עפעס ארויסווייזען אנ'אונגעוועהנליכע זאך, אז עמיצער האט אין איהם אריינגעגאסען א גרויסען שטראם ענערגיע, נאר אז דא, איז דער שטוב, נעבען דעם שוואגער-מיט'ן חתן, צווישען אזוינע טוידטע מענשען, וועט גארנישט ארויסקומען. שוין א קוק טהאענדיג אויף זייערע פנים'ער, איז גענוג, אז מען זאל איינגאנצען אבגעקיהלט ווערען.

אונטער'ן טיש האט טאמארקע מיט'ן שוך אנגעדריקט זיין שוך. אנגעדריקט און אויפגעהערט. און דערנאך ווידער אנגעדריקט. און כדי צו פערמאסקירען עס, האט זי נישט געקוקט אין זיין זייט. דאס האט ארויסגערופען א מאדנע שפירונג אין איהם, א הייסע און א שארפע, וואס האט געמאכט פערגעסען דעם פריהערדיגען סכסוך, און איהם האט זיך זעהר געוואלט עפעס פרעגען ביי איהר. פרעגען האט מען אייגענטליך געקענט, נאר דערצו האט מען זיך בעדארפט שושקען, וואס עס איז געווען נישט גאר העגדטיג. נאר דער שוואגער, וואס האט ווידער אנגעהויבען זיין מאנאטאנעם נגון, האט דערמיט געגעבען א מעגליכקייט. ליסער האט זיך פארזיכטיג אנגעבויגען, און מיט א מינע, וואס זאל נישט ארויסגעבען, אז ער רעדט א סוד, האט ער געפרעגט:

— טאמארעלע, נאך וואס איז ער געקומען?...

— זעהסט דאך... עמיצער האט איהם אנגעשראקען...

אָנגעדערצעהלט ..., — האָט טאַמארקע כמעט הויך אַרויסגעזאָגט, קוקענדיג מיט אַ סך גלאַנץ אויף ליסער'ן און אָטעמענדיג אויף איהם מיט בראָנפּען, — נאָר ער וועט מאָרגען אוועקפאָהרען...

איך האָב פיינט אַזוינע זאַכען.

— טאַמאַרעלע..

— יאָ, יאָ... — האָט זי געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ.

די לעצטע בראָנפען האָבען אויסגעטרונקען עטליכע גוים, וואָס זענען אַריינגעקומען. דערנאָך האָבען זיי זיך אַנידערגעזעצט אויף דער לאַנגער באַנק, ביים וואַנד, אָהן היטלען, האַלטענדיג די רויטע גראָבע הענד אויף די קניה און קוקענדיג מיט דרך-ארצ'-דיגער נייגעריגקייט צום טיש. עס האָט זיך בּיסלעכווייז גענומען, אויסלעשען די געהויבענע שטימונג.

דער שוואָגער האָט אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויפ'ן האַנד ווי מען זאָגט תחנון, נאָר חיענע האָט איהם באַלד אוועקגעפיהרט שלאָפען. די יונגליך זענען עפּעס אויך פערשוואונדען געוואָרען. ליסער האָט זיך אויפגעהויבען און גענומען געהן אויף און אָב מיט גלייכע, ברייטע זיכערע טריט, פיהלענדיג נאָר אַ לייכטען ווער-טאָג אין קאָפּ.

— איך וועל אייך פערצעהלען אַ מעשה'לע... — האָט ער פלוצלונג אַרויסגעזאָגט, אָהן געדאַנקען אין קאָפּ, גלאַט אַזוי זיך, קוקענדיג אויף זיינע פּנים און הנאה האָבענדיג פון די ברייטע טריט. ער האָט גאָר קיין געדאַנקען נישט געהאַט און האָט גערעדט דאָס, וואָס איז אַרויף אויפ'ן מח, שניר-לעכווייז גע-דאַנקען.

— אַמאָל איז געווען אַ ציגיינערין... אַ יונגע, אַ געוויק-סיגע, אַ שענע... מיט שוואַרצע, ווי די מאָדע איז ביי ציגיינער, פּעך-שוואַרצע האָהר און אַזוינע אויגען. איז זי איינמאָל מיט איהר טאַבאָר געקומען אין אַ יודישען שטעדטיל אַריין... פאַרנאַכט, שבת... אין אַ הייסען טאָג... געווען איז זייער לאַנגער אין אַנ-הויב שטעדטיל, אונטער'ן פרייען הימעל, נעבען דער מיהל און דעם בית-עולם... איין זייט פון טאַבאָר איז וואַלד, סאָסנע-וואַלד, איין זייט איז קאָרן-פעלד... גאָלדענע, פאַרטיגע זאַנגען

שוין ... זיצען די ציגיינער און עסען, מידע, שווארצע, פערשוויצטע... און זי אין מיטען... האט מען אבגעגעסען און אנגעהויבען זינגען. געהען יורישע יונגע לייטליך שפאצירען ... פאות'ן, בלייכע פנים'ליך, בלישטשענדיגע אויגען ... דערזעהען זיי די ציגיינער און בלייבען קוקען, קוקען, קוקען ... איז דער סאמע פרומסטערען יונגסטער פון זיי, צדוק האט ער געהייסען, פלוצלונג בלייך געווארען ... זיינע אויגען זענען געבליבען שטעהן אויף דער יונגער ציגיינערין און איהרע אויגען האבען זיך אריינגעזויגט אין זיין פרומען פנים'על אריין. האט איהם א פחד אנגענומען, און געחאפט האט ער זיך אויף א מאדנער אונבעקאנטער מחשבה... צו דער ערד זענען איהם צוגעשמידט געווארען די פיס זיינע, און קיין איין טריט ווייטער האט ער נישט געקענט מאכען.

ליסער האט זיך צוגעשטעלט און האט זיך צולאכט, האלטענדיג מיט גרויס רחבות די הענד אין די הויזען-קעשענעס. די שווארצע האהר זענען איהם צופאלען אויף ביידע זייטען שטערן און געגרינדעט פון זיך אליין א שייטעל.

— און מעהר נישט ... — האט ער געשמייכעלט, קוקענדיג אויף אלעמען, — צו וואס נאך ...

— דערצעהלט, דערצעהלט! — האט חיענע געבעטען זי האט נישט לאנג איינגעלעגט דעם מאן שלאפען און איצט האט זי געהערט מיט גרויס אויפמערקזאמקייט. — איהר דערצעהלט אזוי שען ...

ליסער האט א קוק געטהאן אויף אלעמען און געפיהלט, אז דער קארשען-שנאפס הויבט זיך אן אויסוועבען ביי זיי. עס זענען געווארען בלייכער די פנים'ער, ווי נאך א חתונה, און אין די בעוועגונגען האט זיך ארויסגעזעהן א פוילע פערגליווערטקייט.

איבערהויפט איז געוועזען בלייך טאמארקע און אונטער די אויגען איז ביי איהר געוועזען דונקעל, פונקט ווי שאטענס וואלטען זיך דארטען צולעגט. ארויסגעפינענדיג אין דעם זיידענס אויגען א הסכמה צו דעם, אז ער זאל ווייטער דערצעהלען, פונקט ווי דאס וואלט אויך איהם, דעם אלטען, אינטערעסירען און געפעלען

האָט ליסער גענומען ווידער שפּרייזען מיט ברייטע און פעסטע טריט איבער'ן צימער, צוגרייטענדיג זיך ווייטער צו דערצעהלען. אין קאָפּ זענען, ווי פריהער, קיין געדאַנקען נישט געווען, נאָר איצט איז געווען אויפ'ן האַרצען עפּעס האַלב-אומעטיג און שטיל, און עס האָט זיך מיט אַנ'אמת געוואָלט עפּעס דערציהלען.

— נו, טאָ הערט-זשע אויס... — האָט ער אָנגעהויבען, אָבוואַרטענדיג אַ שניר'עלע געדאַנקען אין קאָפּ, — איז געשטאַנען דאָס בחור'ל אַ צוגעשמידטער און האָט כסדר געקוקט אויף די ציגײַנערין... דאָרטען איז געווען: פּעך-שוואַרצע האָהר, פּעך-שוואַרצע אויגען, אַ דין-לענגליך נעזיל, רויט-פרישע, האַלב-אָפענע ליפּען אויף בלענדענד-ווייַסע צייהנער... האָט אָבער יעדער שטריך פון פנים גערעדט: די נאָז, דאָס אויג, די דונקעל-בלויע, ברוינע באַק, די האָהר... גערעדט — איז גראָב געזאָגט: געשפּיעלט! געשפּיעלט עפּעס אַ זיסע, אַ ליידענשאַפטליכע מעלאָדיע, וואָס האָט זיך געפלאָכטען אַרום צדוק'ס האַרץ, ווי פריהלינגס-שטראַהלען, האָט עס וואונדערליך צוצויגען און געמאַכט דעם יונגעל איבערלעבען אַזאַ אונבעקאַנטע הייסקייט, פון וועלכער עס איז איהם דורכגעגאַנגען אַ זיסער שוידער דורך די נערווען... איז דערווײַלע צוגעפאַלען די זומער-נאַכט. די גאָלדענע קאָרן זענען פערפאַלען געוואָרען אין שמעקעדיגען שאָטען, אַ בלײַכער הימעל האָט זיך מיט אַ ברעג אָנגעשפּאַרט אָן די שפּיצען בוימער פון וואַלד, דער יודישער בית-עולם האָט געדרעמעלט, די מיהל האָט געשוויגען. זענען די ציגײַנער אַנטשלאָפען געוואָרען מיט אַזאַ מידקייט, פּונקט ווי זיי וואָלטען פריהער אַ גרויסע שלאַכט דורכגעמאַכט. איז אַרוים די יונגע ציגײַנערין פון די שלאָפענדיגע און האָט זיך געשטעלט פנים צו פנים צו צדוק'ן... האָט זי גענומען וואַקסען אין זײַנע אויגען... הויך — ביז'ן בלויען הימעל, אויגען — שוואַרצע נאַכט-וועלדער, צייהנער — ווייַסע פאַסען שנייען, אַ שמייכעל — אַ פייער, די לענג פון איין האָריזאָנט ביז אַ צווייטען... שטעהט זי, און איהר אָטעם, שמעקעדיגער און פרישער פון די קאָרן-פעלדער, וויעגט אום די דינע בויגעליך פון זײַנע פאות'ן... איהר האַרץ-קלאַפּען הערט ער אויך, ווי אַ

סוד, וואס קען ארויסגעזאגט ווערען נאר אין א מיטען זומער־גאכט... נאר אט טרעט נאך נעהענטער צו די ציגיינערין, און מיט איהר צוזאמען גערט דער הימעל, די שלאפענדיגע פעלדער, די נאכט, דער וואלד... דא איז נישט נאר דאס מיידעל—דא איז אויך א מחותן דער זומער־הימעל, די בלייכע שטערען, די אלטע מיהל, די נאכט, די ווידעגע זומער־נאכט... זיי קוקען צוזאמען מיט איהר — ווער הינטער איהר פלייצע, ווער ביי דער זייט, ווער פון פארענט... קוקען און ווינקען זיך איבער און פרעגען און בעטען און ווארטען און גיבען עצות... לעגען זייערע דורכזיכטיגע הענד אויף זיינע אקסלען און טראגען זייערע ליפען צו זיינע אויערן און רוימען עפעס דורך די אויערן צום הארצען... און א וואונדערליכע זאך: די נאכט האט הענד און פים און אויגען, דער הימעל האט הענד און פים אויגען, דער וואלד האט הענד און פים און אויגען... און די אויגען זענען גוטע, ליעבהארציגע, ווי ביי א טייערסטער יונגער שוועסטער, ווען מען דערצעהלט איהר דעם ערשטען סוד... האט אבער פלוצלונג די ציגיינערין געפרעגט מיט א העלען שטראהלענדיגען קול, אנ'עכטען מיידעל־קול, וואס די היינטיגע מיידליך האבען פערלאהרען און וואס אז מען הערט איהם אמאל, דאכט זיך, נעהמען זיך שיטען פאר די אויגען פארביגע שטערענדליך: רויטע, גרינע, בלויע, וויסע, גאלדענע... אהן א צאהל און אהן א סוף. פאלען, פאלען... אט וואס זי האט איהם געזאגט: נעהם מיך. יונג בחור'ל. האסטו אזוי פיעל מוטה און ליעבע? נאר לאנג וועל איך דיך נישט לאזען ווארטען. אויב די ווילסט זיך א רגע בעדאכטען—טא טראכט וועגען מוטה, ליעבע, ווייס איך, האסטו גענוג. האט געקלעקט צייט דעם בחור'ל אויסצוהערען אין זיך צוויי שטימען... איין שטים האט געזאגט: נעהם ווארף ארויף די הענד אויף די אויגען און לויף אין בית־המדרש אריין. דארטען זיצט איצט תנחום דער פרוש, וואס דארף אלע ווילע האבען רפואות צו די לונגען, אין לערנט, וועט ער מיט זיין לערנען דיך אויך מאכען לערנען, און גאט וועט דיר אלץ מוחל זיין. ווען נישט, חס ושלום, ווען דו וועסט מיך נישט הערען, וועסטו פערפאלען ווערען, וועסט טויזענדער מאל

אין א רגע חרטה האבען אויף דיינע מעשים , און וועסט שטארבען צו פינף-און-צוואנציג יאהר ערגעץ אין א גויעשען וואלד , נעבען מכשפים און שרים און וועסט קיינמאל צו קבר-ישראל נישט קומען . דיין טאטע מיט דיין מאמען וועלען נפטר ווערען אין איין טאג , אין איין שעה , פון גרויסער שאנד און וועהטאג , און דאס גאנצע שטעדטיל וועט שילטען דיין געדעכעניש ... דאס איז געווען איין שטים . די צווייטע שטים האט גערעדט קורץ און גיך ערגעץ טיעף אין דער נשמה : נעהם זי , בלייב ביי איהר , ביי איהר , ביי איהר ... זי , זי , זי ...

— נו , — האט ליסער , א בלייכער , זיך געשטעלט פאר׳ן טיש און געפרעגט גאר מיט אנ׳אנדער קול , ווי מען פרעגט , א רעטעניש , — וועלכע שטים , נאך אייך נאך , דארף ער פאלגען : די ערשטע , צי די צווייטע ? ...

קיינער האט דערווייל נישט געענטפערט. חיענע איז געזעסען א בעצויבערטע און איהר האט , קענטיג , באנג געטהאן , וואס דער סוף איז ארויסגעקומען א רעטעניש-סוף . דער זיידע האט געקלאפט מיט די פינגער אן טיש , דער חתן האט געקוקט א פערטראכטער , אפנים , נישט פון דעם מעשה׳לע , און טאמארקע האט לייכטזיניג געשפיעלט מיט די הענד .

— אודאי האט ער זיך בעדארפט צוהערען דעם יוצר-טוב , וואס האט איהם געהייסען לויפען אין שוהל אריין , — האט דער זיידע אונצופרידען ארויסגעברומט .

אלע האבען זיך צולאכט , טאמארקע העכער פאר אלעמען .

— און איך וויים נישט , וואס ער האט בעדארפט טהאן , — האט חיענע ווייך געשמייכעלט , — ווער וויים ? נאר איהר דערצעהלט עפעס אזוי שען , אז איך וואלט געהערט און געהערט ... א , ווי שען ! ...

— די גאנצע פראגע איז א נארישע ... , — האט טאמארקע , שפיעלענדיג , זיך אנגערופען , — דא איז נישט די פראגע וויכטיג , נאר דער מענש ... פארהאן מענשען , וואס לויט זייער כאראקטער , וועלען זיי אין זיך קיינמאל אזוינע שטימען נישט הערען און פארהאן אזוינע , וואס וועלען יא הערען . אט פאר די

וואָס וועלען יאָ הערען, נעהם איך זיך אָן צו טרעפען, וואָס זיי וואָלטען געטהאָן אין אַזאַ לאַגע... וואָס, אפשר נישט ריכ־טיג? — האָט זי לייכטזיניג און קאָקעטיש גענומען שמייכלען, פערוואונדערענדיג ליסער'ן מיט איהר אָקאָרשטדיגען ערנסט און פ"ונצלוינגדיגער לייכטזיניגקייט.

— איך בין מיט אייך מסכים, טאַמאַרעלע... — האָט ליסער מיט גרויס צערטליכקייט אָנגעבויגען דעם קאָפּ צו איהר, נישט ווילענדיג און נישט קענענדיג בעהאַלטען זיין געפיהל, — נאָר מיך אינטערעסירט דאָ אַנ'אַנדער זאַך, בשעת איהר רעדט ערנסט, איז דער זאַץ אייערער אַ מאַנסבילישער, אַ לאָגישער, אַ קרעפטי־גער... פון וואַנען קומט עס צו אייך? איך קען עס בשום אופן נישט פערשטעהן... מיידליך ריידען נישט אַזוי...

— אייך דאַכט זיך דאָס... — האָט טאַמאַרקע אַ פּאַטש געטהאָן איבער זיין אָנגעבויגטען נאָהענטען פנים.

— ציי איז טאַמאַרקע אַ געראָטענע! — האָט די שוועס־טער אויסגערופען.

מען האָט זיך אויפגעהויבען פון טיש און גענומען אַרומגעהן, פּלאָנטערענדיג זיך איבער'ן שטוב. עס האָט זיך גע־דאַכט, אַז יעדער האָט געמאָסטען זיינע טריט און געוואָלט זיך איבערצייגען, ציי איז ער נאָך שכור. דער זיידע האָט גענומען אַ ספר, און אין דעם בלאַט, אויף וועלכען דער ספר איז אויסגע־עפענט געוואָרען, האָט ער אַריינגעטהאָן דאָס פנים. דער חתן האָט אויפגעהויבען די הענד און האָט אַ טיעפען געגעץ געטהאָן, מיט צוויי טרעהרען אויף די אויגען. קענטיג, אַז דאָס לאַנגע זיצען און דאָס טרינקען האָט איהם אינגאַנצען פערגליווערט און ער האָט געוואָלט שלאָפען. שטעהענדיג, האָט זיך אַרויסגעזעהן זיין גאַנצע וואוקס און ער איז געווען אַ סך העכער, ווי עס האָט זיך געדאַכט, בעת ער איז געזעסען.

— איהר וועט מיר ענטשולדיגען, איך וועל זיך צו לע־גען... — האָט ער זיך שעמעדיג און איידעל אַ נויג געטהאָן, אַרויסגעהענדיג אין אַנ'אַנדער צימער.

— און איך קען נאָך אַלץ נישט פערגעסען דאָס מעשה'לע...—

האָט היענע אויפריכטיג נישט געקענט איינהאַלטען די התפעלות, איבערראַשענדיג מיט איהר קול די שטילקייט, וואָס האָט אַריינגע־טראָטען נאָך דעם התנ״ס אַוועקגעהן. — אַ, ווי שען איהר דערצעהלט, אַ!...

ארום די פענסטער האָט זיך געשאָטענט דער פאַרנאַכט. אונבעמערקט און שטיל איז ער געקומען און האָט אַריינגעקוקט אין שטוב אַ שווייגענדיגער און אַ פערטראַכטער, ווי ער וואָלט געוואָלט געוואָהר ווערען, וואָס עס מאַכען די בעקאַנטע שטובינגע. קיין נייעס, וואָס זאָל אויף איהם מאַכען אַ רושם, האָט ער, אפנים, נישט געפונען, און ער איז געבליבען שטעהן דונקעלער און דונ־קעלער, שווייגענדיג און פערטראַכט ביים פענסטער. נאָר ער האָט זיך שוין מכין געווען אַוועקצוגעהן. ער האָט געוואוסט, אַז די ראָל זיינע איז אַ קורצע, אַז באַלד דאַרף אָנקומען די בייזע רייכע שוועסטער זיינע, די נאַכט, וואָס האָט אַ טבע נישט צו־רעכענען זיך מיט איהם, צו בעפעהלען איהם ווינטער פּלוצלונג, מיט אַמאָל, ווי אַ פרעמדע און אַ שטאָלצע, פונקט ווי ער וואָלט איהר קיין ברודער נישט געווען, און פערטרייבען איהם מיט אַ מאָדנעם רשעות. און כדי זי אויסצומיידען, האָט ער זיך שטיל גערוקט פאַרביי פענסטער און האָט בעהאַלטענערהייד גענומע פערשווינדען.

שטעלענדיג זיך אויף אַ שטוהל, האָט די דינסט מיט רוי־טע פערקאַשערטע הענד אָנגעצונדען דעם גרויסען הענג־לאָמפּ:

— נו, איך געה אַ היים, — האָט ליסער זיכער אַרויסגעזאָגט, שפּיעלענדיג די קנעפּליך פון רעקעל.

— און איך וועל אייך עטוואָס בעגלייטען... — האָט טאַ־טאַמאַרקע באַלד דערויף געזאָגט, — דער קאָפּ טהוט מיר עפּעס וועה...

פריהער האָט דער זיידע געגעבען די האַנד, אַ ברייטע, אַ ביינערדיגע און אַ קאַלטע, דערנאָך האָט היענע דערלאַנגט אַ ווייכע, אַ וואַרעמע און אַ דאַנקבאַרע. פרום, גוט און שוועסטער־ליך האָט זי אַריינגעקוקט ליסער׳ן אין די אויגען אַריין.

— שטעלט אָן דעם קאַלנער ,—האָט זי טריי געראַטען ,— דרויסען איז זעהר קאַלט.

אין דרויסען איז טאַקע געווען זעהר קאַלט. אונטער די פיס האָט בייז און הארט געסקריפּעט דער שניי, פון מויל און פון נאָז איז געגאַנגען אַ פּאַרע. פון אויג ביז'ן האָריזאָנט איז געווען מאָדנע ריין און דורכזיכטיג די לופט, פונקט ווי עס וואָלט גאָר קיין לופט נישט געווען. אַ בּרעג לבנה, ווי אַן'אָקאָרשט אויסגעפּיילטעס שטיקעל מעש, געמאָלט אַזוי ווי אַ ברילליק פון אַ הימעל, האָט ארויסגעבלישטשעט פון אַ ווינקעל הימעל און אָבגעשלאָגען פון זיך נאָך אַ בּרעג, נאָר אַ בלייכען און אַ דינעם. אַרום דער גלאַנצענדיגער ליכטיגקייט פונ'ם מעשענעם בּריליק האָט זיך עטוואָס געוויקלערט אַ נעבעל, און קוי- קענדיג אויפ'ן בּרעג לבנה, האָט זיך געדאַכט, אַז פון איהם נעהמט זיך די גאַנצע קעלט.

אַרויסגעהענדיג פון דער וואַרימער שטוב, האָט מען באַלד בּעדאַרפט בּעהאַלטען די הענד און די אויערן, און ליסער האָט פערשטאַנען, אַז טאַמאַרקע טאָר נישט געהן ווייט איהם בּעגליי- טען. זאָל זי מאַכען נאָך אַ הונדערט טריט, און ער וועט זי אומ- קעהרען.

די איינדריקע פונ'ם מיטאָג, פונ'ם קאָרשען-שנאַפּס האָבּען זיך אין אַנ'אונאָרדנונג געבּאָמבּלעט אין קאָפּ. אַ רגע—דער חתן, אַ רגע—ווי ער דערצעהלט דאָס מעשה'לע און אַלע הערען, אַ רגע—טאַמאַרקעס עטוואָס פער'שכור'טע אויגען, אַ רגע—ווי ער גיסט אָן אַלעמען די קעלישאָקעס. נאָר פון די אַלע איינדריקע איז געווען עפּעס אַ געפיהל, אַז ער דאַרף זיין בּייז אויף טאַמאַרקען, און עס וואָלט געווען גאַנץ גוט, ווען עס וואָלט זיך אונטערגע- רוקט אַזאַ געלעגענהייט, וואָס זאָל איהם געבּען די מעגליכקייט צו מאַכען זי ליידען און פערשאַפען איהר צער. נישט אויף לאַנג און נישט קיין גרויסען צער, אַזוי, אַ בּיסעלע, פיעל עס וועט זיך פּאַסען.

נאָר אין דערזעלבּער מינוט האָט ער זי שוין געזשאַלעוועט, וואָס זי געהט אין אַזאַ קעלט, און יעדער טריט, וואָס זי האָט געגעבּען פאָראויס, האָט איהם בּעאונרוהיגט. מיט יעדען טריט

פאָראויס, האָט זיך געדאַכט, אַז דער פראָסט ווערט שטאַרקער און בייזער, און אַז מען זאָל גיין אַזוי אַ שעה, וועט ווערן אַזאַ קעלט, אַז עס וועט אוממעגליך זיין צו אָטעמען. און עס האָט זיך געקוקט פון דער זייט אויף דעם אויסגעשייערטען גלאַנציגען ברעג לבנה, וואָס פון איהם, האָט זיך געדאַכט, נעהמט זיך די קעלט.

— אָהאָ! ס'אַראַ פראָסט! — איז טאַמאַרקע לייכט אונ־טערגעשפרונגען, פערשטעלענדיג בעסער די הענד אין דער גרוי־סער וואַרימער מוף.

ליסער האָט זיך אָבגעשטעלט און אָבגעשטעלט טאַמאַרקען מיט זיין בליק. ווי זיהם פלעגט זיך אַמאָל נישט וועלען זיין בייז אויף איהר, נאָר אַז ער האָט איהר אַריינגעקוקט אין פנים, איז איהם אין האַרצען באַלד געוואָרען העל, פרעהליך, לייכט, עס פלעגט זיך באַלד וועלען פערגעסען אָן דעם, אַז ער האָט בײַ זיך אָבגעמאַכט צו זיין בייז אויף איהר און די ליפען פלעגען זיך מיט שטאַרקער קראַפט בעטען צו איהרע ליפען.

— טאַמאַרעלע, גיי צוריק, טאַמאַרעלע... — האָט ער זי געקושט, אָהן די הענד, פערגעסענדיג דערויף, אַז ער דאַרף זיין בייז אויף איהר, אָנריהרענדיג מיט די באַקען איהר פרישע, מיט פראָסט שמעקענדיגע באַקען, —גיי צוריק... גיי, ס'איז שרעקליך קאַלט... ער פאָהרט, ער פאָהרט מאָרגען אַוועק?... געקומען. מען בעדאַרף איהם דאָ... אַ שוטה...

— וואָס? — האָבען זיך ביי איהר קאַלט און פרעמד אָנ־גערוקט די אויגען, — איך וועגען איהם מעג דאָס זאָגען, נאָר דו נישט...

— פאַרוואָס?

— אָט אַזוי וויל איך...

און פלוצלונג האָט זי זיך עטוואָס אַנגעבויגען, האָט איהם אַ קוש געטהאָן, און, קוקענדיג אויף איהם מיט גוטע און שלום־געוואָרענע אויגען, האָט זי אויף דער־גיך אַרויסגעמורמעלט:

— מאָרגען. יאָ, פאָהרט ער. גיי בערעלע, ס'איז קאַלט. פאַרנאַכט, מאָרגען וועל איך קומען צו דיר.

זי האָט זיך געשווינד איבערגעדרעהט און איז אַוועקגעגאַנ־

גען , טרעטענדיג לייכט איבער דעם סקריפענדיגען שניי . ליסער האט זי נאכגעקוקט און איז אוועקגעגאנגען זיין וועג . עס איז געוועזן משונה׳דיג קאלט . דער האלב-קיילעכיגער בּרעג לבנה מיט די צוויי שארפע שפּיצען האט פון אויבען געשטאכען אין די באקען און איז כסדר נאכגעגאנגען נאכ׳ן אויג , פונקט ווי ער וואלט זיך וועלען רייצען .

פונ׳ם שניי האט א גליהענדע קעלט געזוכט די הענד און די אויערן , און עס האבען כמעט נישט געהאלפען די גיכע רוישענדע טריט , וואס ליסער האט מיט א כיון געמאכט . נאר די קעלט האט דאך נישט געשטערט צו פיהלען עפעס א מאדנעם אומעט , א טיפען און א נאגענדען , וואס איז איבערגעגאנגען דערנאך אין אנ׳אונרוהיגקייט נישט פאר׳ן היינט און נישט פאר׳ן מארגען , אן אונרוהיגקייט , וואס האט געשראקען פאר דאס אבגעלעבטע און פאר דאס גאנצע קומענדע לעבען .

אז ער איז ארויף אויפ׳ן בּרייטען זשילינער וועג , איז דורכגעפאהרען א גוי אויף א נידעריגען שליטען , מיט א ברענענדיגען פאפּיראס אין מויל . די צוויי פאסען , וואס די שינעס פון שליטען האבען איבערגעלאזט אויפ׳ן שניי , האבען קאלט געגלאנצט און ערטערווייז אבגעשפּיגעלט דעם מעשענעם שיין פון דעם בּרעג לבנה .

VIII.

אז די מוהמע האט געזאגט , אז היינטיגע וואך איז פורים , האט זיך ליסער׳ן כמעט ווי נישט געגלויבט . א שטיק ווינטער איז אזוי גיך איבערגעלאפען , אז עס האט זיך נישט ארויסגעזעהן קיין בעזונדער טאג , פונקט ווי אלע טעג וואלטען זיך צונויפגעגאסען צוזאמען . און אין דעם דאזיגען שטיק פון צונויפגעקלעבטע טעג האט ליסער געזעהן נאר איין פינטעלע — טאמארקען .

דאס מיידעל האט יעדען טאג אויסגעפילט . אז זי איז נישט געקומען קיין זשילין , איז ער געגאנגען צו איהר , און אז ער האט אמאל פערשפעטיגט , איז זי שוין געקומען נאך איידער ער האט זיך צוגעקליבען צו געהן .

לויט דעם אימפעט און דעם האסט , מיט וועלכען זי האט זיך די לעצטע צייט איבערגעגעבען ליסער'ן , איז דאס שעמען זיך פאר זייטיגע געווארען אונמעגליך , דאס געפיהל פון בעהאלטען זיך האט געפלאצט אונטער דער מאסע פון איהר ענערגיע און אימפעט און , ווי דאס איז נישט געווען אונאנגענעהם , איז ער פיעל מאל געצוואונגען געווען געקושט צו ווערען אדער ענטפער'ן אויף קושען פאר דער מוהמען און דעם פעטער אין די אויגען .

די מוהמע און דער פעטער זענען , א פנים , דערצו געוועהנט געווארען , און אין אזא פאל פלעגען זיי אויסבריינגען אמאל א וויץ אדער רוהיג שווייגען . א סך ערגער איז אבער געווען , וואס טאמארקע פלעגט אמאל נישט וועלען פארזיכטיג זיין אין דער געזעלשאפט פון איהר זיידען , און דעמאלט פלעגט איהר ליסער שטיל און כמעט ווי טרוקען אריינרוימען :

— האלט זיך בעסער , טאמארעלע , דער זיידע . . .

— אט איצט האב איך דיך פיינט ...—פלעגען ביי איהר אויסדריקליך נעהמען כעס'ן די ווייסלען פון די אויגען , — ביזט א בעגרענצטער מענש און א טרוס . . .

די אונטערשטע ליפ איהרע פלעגט ציטערן פון פערדרוס , און כדי זי צו בערוהיגען , פלעגט ער זי לאסקען פאר דעם זיידען אין די אויגען , און זי פלעגט צולאזען און נצחונ'דיג לאכען . איצט איז זי איבגאנצען געווען זיינע . און דערפאר , וואס זי איז איבגאנצען געווען זיינע , וואס זי האט נישט דורכגעלאזט א טאג איהם צו זעהן , וואס זי פלעגט זיך פאר קיינעם נישט שעמען און איהם קושען פריי און אפען , וואס זי פלעגט איהם אמאל חושד זיין אין קאלקייט און וואס די עלטערע שוועסטער איהרע , ווי א דריטע פערזאן , וואס ווייסט זייערע סודות און בעציהונגען , האט זיך געסטארעט פאר זיי און געהאלפען זיי זוכען , אז זיי זאלען עס נישט בעמערקען , בעקוועמע מינוטען און בעקוועמע ערטער —

האט ער נישט דייטליך געפיהלט עפעס א מידקייט און א פערלאנג צו האבען אין טאג אזוינע שעה'ן, וואס זאלען זיין אויסער טאמארקען.

עס איז מאדנע אנגענעהם געווען איצט צו זיצען געבען דער מוהמען און דעם פעטער, צו טענטלען זיך ארום די פויערים, טהאן עפעס א נ'ארבייט, שפאנען אליין איבער'ן דארף און קוקען דורך די קליינע פענסטערליך אין די קליינע הייזליך אריין, לייזען א בוך און פיהלען פון ווייטען טאמארקען און פון דערווייטען זיין זיכער אין איהר.

אין די שעה'ן, בעת טאמארקע איז נישט געווען, האט זיך געוואלט זינגען און לוסטיג זיין, און דאס האט איהם ארויסגעבראכט אויפ'ן געדאנק, אז אויך טאמארקע, אזא גלענצענד מיידעל, קען ארויסרופען א מידקייט, און וועלכער עס איז ווירקליך פארהאן, אויב מען זאל זוכען, טראפעליך קאלטקייט, פונקט ווי אלע מיידליך. און דאס האט איהם אייגענטליך הנאה געטהאן.

מיט א מאדנער געשיקטקייט האט איהם דאס מיידעל באלד אין אנהויב מנצח געווען. שוין ביי די ערשטע בעגעגענישען האט ער זיך געפיהלט בעהערשט פון איהר, און חאטש עס איז געווען זעהר אנגענעהם צו זיין בעהערשט פון איהר, אזוי, אז יעדער געדאנק און שפירונג זאלען זיך דרעהען ארום דעם מיידעל, דא האט ער געפיהלט צו דעם א צומישונג פון פערדרוס. דעם פערדרוס האט ער קוים געקענט אין זיך שפירען, נאר דאס איז געווען גענוג, אז עס זאל איהם אמאל פער'סמ'ט ווערען א גוטע מינוט מיט טאמארקען. איצט איז עס אלץ אונבעמערקטערהייד אנדערש געווארען, און איהם איז געווען קלאר, אז ער האט געפונען דאס אינערליכע גלייכגעוויכט און דעם נויטיגען שטאלץ אין דער בעציהונג צו טאמארקען.

— ביז. דער שניי וועט אראב... בערעלע... ביז דער שניי וועט אראב... — האט זי גערעדט, לעגענדיג דעם קאפ צו איהם אויפ'ן הארצען, — דערנאך — היידא! צוריק אין פעטערבורג אויף די טרוקענע קורסען.

— און ווי איז, אז איך וועל נישט וועלען, דו זאלסט פאהרען? — האט ער רוהיג געפרעגט, — זומער איז דאך גלאט קיין ארט נישט פעטערבורג. און אגב לערנט מען דאך נישט...

— מיך ארט עס נישט. ביז דער ערטער שניי וועט אראב...

— איך וועל דיך נישט לאזען פאהרען, — האט ער זארגלאז ארויסגערעדט, שפיעלענדיג מיט איהרע לאקען, — וועסט נישט פאהרען. נאך פסח, אין רעכטען פריהלינג, וועלען מיר שטעלען א חתונה ביים פעטער אין שטוב... עס וועלען זיין אלע גוטע זאכען אויף דער חתונה... און קלעזמער וועלען שפיעלען... דו וועסט זיין אנגעטהאן אין ווייסען, און אויפ'ן קאפ וועסטו טראגען א קראנץ בלומען. איך וועל דיך האלטען אונטער'ן האנד, און מיר ביידע וועלען געהן טריט-ביי-טריט אונטער דער חופה... דער זיידע דיינער וועט זיצען אויבענאן. ער וועט מיך האלט האבען און מיר זאגען דו. עטליכע חדשים נאך דער חתונה וועלע מיר וואוינען אין דארף און דערנאך וועלען מיר פאהרען קיין איטאליען... דארט וועלען מיר דינגען א ווילע, דער ברעג ים וועט זיין נישט וויים פון טהיר, דורך די אפענע פענסטער וועלע זיך זעהן די פלאטערענדע זעגעל פון די שיפליך און אלע אוונד וועט זיך הערען מוזיק אין די בערג... א העלפט מאנסביל פונ'ם שטעדטיל, וואו מיר וועלען וואוינען, וועט זיין פערליעבט אין דיר... זיי וועלען אוועקווארפען זייערע געשעפטען און וועלען דיר נאכגעהן, ווי די שאטענס... דיין נאמען וועלען זיי הונדערט מאל א טאג האלטען אויף די ליפען, און זיי וועלען זיין אזוי פערליעבט, בלייך און פערבענקט, אז זיי וועלען אויפהערען צו ריידען און צו לעזען, צו עסען און צו שלאפען... נאר דו, דער שטאלצער ליעבע-אדלער, וועסט איין מענשען ליעבען, פאר איין מענשען וועט שטראהלען דיין אויג מיט א ליעבע-שטראהל, די ליפ מיט א ליעבע-שמייכעל, דאס הארץ וועט קאכען מיט ליעבע-בלוט... נאר איין מענשען וועסטו קושען אין די שענע איטאליען-

נעכט, א הייסע, א גליקליכע און א ליידענשאפטליכע, און דער מענש וועט זיין — איך!...; יא, טאמארעלע?...

— גיב מיר דריי קושען אין די באקען, דריי קושען אין שטערן, צוויי קושען אין די אויגען, פינף קושען אין די ליפען און א קוש אין די האהר... גיכער, נו!

— און ביי־נאכט וועל איך ארומרייטען אויף די שמאלע איטאליענישע שטעגעליך, אין די בערג, אויף א ווייסען פערד, מיט א קורצער העל־בלויער פעלערינע אויף די אקסלען, וועלכע עס טראגען די אקטיארען אין די איטאליענישע אפערען... און איך וועל...

— גענוג! גענוג! — האט זי איהם איבערגעשלאגען, פערשטעלענדיג איהם מיט'ן האנד דאס מויל, — א זעלכע זאכען רייד פאר מיין שוועסטער חיענען. זי ווערט ענטציקט דערפון. איך האב עס פיינט... דאס איז קאקעטעריי... און איך האב פיינט, אז א מאנסביל קאקעטירט, ער איז דעמאלט נאריש און נישט סימפאטיש.

— ער, טאמארקע, כאטארעלע, מיר וועלען זיך שיידען?

— יא...

— טאקע? ווען?

— צו פריהלינג. אז דער שניי וועט אראב...

— משוגענע... — האט ער פשוט און זארגלאז ארויסגעזאגט, מיט זעהר א נאהענטען קול, דריקענדיג זי צום הארצען.

— אט זעהסטו, — האט זי אין א ווײַלע ארום א פערטראכטע געזאגט, — דעם בחור, וואס איך ליעב מיט אנ'אמת, טאר איך לאנג נישט האלטען נעבען זיך — איך ווער צופיעל אריינגעצויגען, צופיעל ווער איך איהם איבערגעגעבען און בין שוין — נישט איך... און איך זעה, מיינסט, איך זעה נישט, אז ביי דיר איז א צופרידענע צורה, א זיכערער קעהר, ווי ביי א מענשען, וואס האט אויפ'ן לעבען געטראפען א שען מיידעל און האט זי פערליעבט אין זיך... און וואס מעהר איך זעה, אלץ גיכער וועלען מיר זיך שיידען...

— דו ווייסט שוין גארנישט, וואס דו רעדטסט, מיין גאלדען

קינד . . . — האט ליפּער זיך צוגעהערט צו זיינע אייגענע געדאנקען און געפּיהלט, אז דער שרעק פון שיידען זיך, איז פאר איהם שוין גארנישט אזוי גרויס. דאס סאמע הייסעסטע, טיעפסטע און ליעבסטע איז פאר די עטליכע חדשים, ווען מען האט זיך געזעהן טאג־טעגליך, כמעט ווי אויסגעלייזגט געוואָרען, אז זיי זאָלען זיך צושיידען, וועט איהם אודאי באנק טהאָן, ער וועט בענקען, דאס הארץ וועט איהם זיין פערנומען מיט איהר. נאר דערפאר אבער וועלען זיין אזוינע זיסע ליעבע ערינערונגען, טייערע און שענע, וואס וועלען א צייט לאנג פול מאכען זיין לעבען. דער ריח, וואס וועט בלייבען פון איהר אויף דער נשמה, אט דער בעזונדערער ווארימער טאמארקע־ריח, וועט איהם בעהעלען די ווירקליכקייט און פער׳חלומ׳ען די וואכעדיגקייט.

נאך מיט א פּאָר טעג פריהער האט זיך ביי־טאג בעוויזען די זון, אזוי זיך, אויף צו כלומר׳שט, פארביינעהענדיג, א קוק געטהאן, געשטאנען א ווײַלע און אוועק. באלד נאך איהר זענען פון די זייטען ארויסגעקראכען נעבלען, גרויע, ווארימע און געדיכטע, האבען ווי בלינדע חיות, געפּויזעט, טאפּענדיג, איינע צו די אנדערע, און, אנטרעפּענדיג זיך בלינדערהייד, האבען זיי געשלאָסען אנ׳אחדות אויף דער גאנצער ווייסער שטרעקע.

זיי זענען געבליבען הענגען איבער׳ן שניי און דער שניי איז וויי כער געוואָרען. אויף זיין ווייסער אויבערפלעכע, וואס איז געווען געדיכט געוועבט, ווי א ליילעך, האבען זיך בעוויזען קליינעטשקע גריבעליך, פּונקט ווי עמיצער וואלט דאָרט א פּיק געטהאָן. ערטערווייז האט זיך די ליילעך געריסען אויף העלפט און פון אונטען האט זיך ארויסגעזעהן א שווארצער פּאס.

די געבלען האבען זיך צונויפגעשלאָסען שטארקער, האבען א וויש געטהאָן דעם הימעל אויף גרוי און, אפּנים, געפּיהרט צווישען זיך א ישוב־הדעת, וואס ווייטער צו טהאָן. וואס צו טהאָן ווייטער איז, אפּנים, נישט געווען, אדער עס איז געווען, נאר נישט נאך זייער כח נאך, זענען זיי געשטאנען און געווארט און געקוקט און געפּאָרשט, און אז עס איז געקומען

דער פארנאכט, האבען זיי איהם אריינגענומען אין די ווארימע האהריגע ארעמס און געגלעט.

דער פארנאכט איז, קענטיג, געווארען אויך א שותף זייערער. פון די דעלער שניי האט גענומען קאפען און פון ברייטען גלייכען ווייסען פעלד, וואס ביים וועג, איז ארויסגעלאפען א שמאל ציטריג פאסיקעל וואסער. נאך איהם איז ארויסגעלאפען א צווייטעס, א דריטעס, א פירטעס, אלע ציטריגע און דערשראקענע, פונקט ווי פון שלאף אויפגעשטאנען, און צוטומעלטע זענען זיי געבליבען שטעהן אויפ'ן מיטען וועג, נישט וויסענדיג וואוהין ווייטער צו לויפען. עמיצער האט דערנאך איבער זיי רחמנות געהאט און זיי פון אויבען בעצויגען מיט א לייכטען אייז-היטעל.

די נאכט האבען די געצלין אויפגענומען מיט דערזעלבער צערטליכקייט, וואס דעם פארנאכט, זיי האבען זי געהאלטען אין די ארעמס און געגלעט, און עס איז געווען שטיל אונטער זיי, ארום זיי און אין זיי, פונקט ווי זיי וואלטען מורא געהאט, אז א בייזער שארך זאל זיי נישט פונאנדערטרייבען און נישט אויפוועקען די נאכט.

אויף מארגען איז די זון לענגער געשטאנען אויפ'ן הימעל. כמעט דעם שטראהלען האבען זיך געפיטערט אויפ'ן שניי, און, שטיפערישע און כרעהליכע, האבען זיי איהם געגעסען און געטאנצט איבער איהם, זיך לוסטיג געמאכט און פעררעטעריש אנגערעדט די קליינע און יונגע וואסערליך אונטער'ן שניי צו זיין פרעהליך, זיך נישט בעהאלטען און ארויסלויפען זינגענדיגע מיט אמאל אויפ'ן וועג. און כדי די וואסערליך זאלען מיט אנ'אמת גלויבען די שטראהלען, האבען זיך די שטראהלען סטאדעסווייז אריינגעזועצט אין די וואסערליך און געלאפען מיט זיי פון פעלד אויפ'ן ברייטען זשילינער וועג, לייכטענדיג קאקעטיש מיט גאלד און געשמיידיג שלעפענדיג אלץ, וואס עס האט זיך אנגעבעגענט: שטרויעליך, שפענדליך און צווייגליך.

און אז די וואסערליך האבען זיך אזוי צוהוליעט און צושטיפט, אז זיי האבען זיך צונויפגעפארט צוזאמען און האבען

אײַנגאַנצען פערגעסען אָן די נעסטען, פון װאַנען זײ זענען אַרױס און װאָס מיט זײ װעט פּאַסירען, און די טראַפּעליך פון די דרעבער־ראַנדען, װאָס האָבען זיך מתקנא געװען אָן דער שמחה, האָבען גענומען שפּרינגען אײנע נאָך די אַנדערע אױף דער ערד, אױך צו האַפּען אַ טאַנץ מיט די װאַסערליך—זענען די שטראַהלען צולאָפען געװאָרען, איבערלאָזענדיג די װאַסערליך אונטער דער השגחה פון די װאַרימע נעבלען, אַט די טױבע גרױע בלינדע זײדעס, װאָס האָבען כסדר געהאַט סודות צװישען זיך און מען האָט זײ בשום אופן נישט געקענט פערשטעהן.

אין דעם טאָג האָבען אַ סך פױערים געבלאָנקעט איבערן דאָרף, אָהן פערדליך און אָהן אַרבײט און אַנדערע פון זײ האָבען געמאַכט מיט'ן האַנד אַ דעכעלע איבער'ן אױג און טיעף און אָנגעשטרענגט געקוקט פון אונטער'ן דעכעלע אין די װײַטקײַט אַרײַן.

פּורים איז די זון געקומען אין דער־פריה, אַ נאָהענטע און אַ פרעהליכע. עס איז געװען רײַן און יונג דער הימעל, פּונקט װי עמיצער װאָלט איהם לכבוד דער זון אױסגעפּוצט, און די שטראַהלען זענען אװעק זיך רײַצען מיט'ן שנײ. אױף גלאַטע ערטער זענען זײ איהם בעפאַלען גאַנצע מחנות מיט אַמאָל און פלעגען דאָרט אָננײַהען אַ שװאַרצע לאַטע.

עס איז געװען מאָדנע, װאָס דער שנײ איז דורכאױס געזען אַרומגערינגעלט פון שונאים און חוזק־מאַכער, און אפילו טװאַכע פײַגעליך האָבען זיך אױך לוסטיג געמאַכט איבער איהם. שכור'ע פון שײַן און ליכט, זענען זײ נאַכגעלאָפען נאָך די שטראַהלען, האָבען זיך געטוליעט צו זײ, געטשװיטשערט און אָנגעבלאָזען די פעדערליך. מיטגעפיהלט דעם שנײ האָבען נאָר די קראָהען, װאָס האָבען אײַנגעצױגען, פערקומערט, טריב און שװײַגענדיג דורכגעשניטען די לופט, װי זײ װאָלטען נישט װעלען זעהן די צרות מיט די אײגענע אױגען.

אױפ'ן ברײַטען װעג האָבען זיך אָנגעבעגענט אַ סך װאַסערליך, װאָס זענען געקומען אַהער פון װײַטע ערטער. איצט האָבען זײ, קענטיג, בעשלאָסען, אַז עס איז גלײַכער צו זײַן אין אחדות מיט די שטראַהלען, און, אָבנעהמענדיג אַ גרױס אײנע בײַ די

אנדערע, זיינען זיי אוועקגעלאָפען מיט'ן וועג, לאַכענדיגע און צולאָזענע, אַנהאַפּענדיג שטיקליך שטראַהלען און שלעפּענדיג זיי מיט זיך. זיי האָבען נישט געוואָלט זיין פאַרזיכטיג און פלעגען שפּרינגען פון אַ הויכען אָרט, און חאָטש זיי פלעגען זיך דערנאָך צושיטען, פלעגען זיי זיך אָבער באַלד אויפנעהמען צוזאַמען און לויפען שטיפעריש ווייטער.

אַ בענאַסענער מיט שטראַהלען, שמייכלענדיג ברייטע טריט און וואַרפענדיג יונגעלש מיט די הענד, איז דער פעטער געגאַנגען פון זשערמאַן. אין זשערמאַן איז געווען אַ מנין, מחמת פורים, וואו עס האָבען זיך צונויפגעקליבען די איינציגע יודען פון די דערביי־איגע דערפליך. נאָכ'ן דאַווענען האָט מען דאָרט אַ ביסעל אויסגעטרונקען, און דעם פעטער'ס אויגען האָבען געהאַט איין גלאַנץ מיט דעם גלאַנץ פון די וואַסערליך.

ביז ער איז געקומען צום שטוב האָט ער אָבגעשטעלט עטליכע גוים. איינעם פון זיי האָט ער געזאָגט אַ וויץ, דעם אנדערן האָט ער איבערגעשראָקען און דעם דריטען האָט ער צוגעזאָגט שנאַפּס און אַ שטיקעל געטהאָן אין נאָז. אַריינגעהענדיג אין שטוב, האָט ער זיך מיט געטוויש, ווי מען טהוט עפּעס אַ וואָרף, און עס האָט געשמעקט פון איהם זין און צוגעאַנידערגעזעצט, די הויכע טיעפע קאָלאָשען, וואָס ער האָט נאָר־הענדער שניי. וואָס אויסגעטהאָן אין פאָדער־צימער, האָבען ביי זיין יונגעלשער לייכטזיניגער גאַנג, נישט פערהיט די שטיהעל זיינע פון נאַסקייט.

אין שטוב זענען געווען עטליכע אַנגעפּאַדערנע מענשען. דער מוהמעס אַ שוועסטער, אַ יונגערע, מיט'ן מאַן און עפּעס אַנ־דער מוהמעס שוועסטער איז געווען אַ אַלטע יודענע, אַ קרובה. דער מוהמעס שוועסטער איז געווען אַ הויכע, אַ ברייטע שענע פרוי, מיט געדיכטע בלאָנדע האָהר. נאָר דער אויסדרוק פון פּנים איז ביי איהר געווען אַ בעל־הבית'שער און אַ קליינליכער. פון פון אין דער פריה אָן האָט זי זיך געטענטעלט מיט דער דינסט אין קיך, האָט דאָרטען עפּעס געבראָקט, געהאַקט און געשאָבען, און ליסער'ן האָט זיך געדאַכט, אַז דער־מיט וויל זי אונטערשטרייכען אַ סך זאַכען: אַז זי איז נישט קיין פוילערקע אפילו אין געסט, אַז זי איז אַ זעלטענע בעל־הבית'טע,

אַז זי וויל פערשאַנעווען די שוועסטער און אַז אָהן איהר גערעטענער האַנד וועלען גלאַט נישט אַרויסקומען די מאכלים אַזוי בע'טעמ'ט. עס איז געווען אַ שאַד, וואָס דאָס אַלץ האָט זיך פערקליבען צו אַזאַ שענער געשיקטער פרוי, וואָס וואָלט זיך אַזוי געפּאַסט פאַר סאָלאָ־אַרויסטרעטונגען אין אַנ'אָפּערע. דער מאַן איהרער איז געווען אַ פאַרבלאָזער און אַ שטילער, מיט קליינע אַריינגעגראָבענע אויגען, און לויט די ידיעות, וואָס ליסער האָט וועגען איהם געהאַט, האָט ער פערמעגט אַ היבשען קאַפּיטאַל און זיך פערנומען מיט פּראָצענט,

דאָס עסען וואַרמעס מיט קרעפּלעך איז צוליעב די דאָזיגע געסט אַראָב נישט אינטערעסאַנט. די מאכלים זענען טאַקע געווען וואונדערליך געשמאַק, נאָר דער שמועס ביים עסען איז געווען פאַרבלאָז און עס האָט זיך נישט געווינצעלט ווי אַלעמאָל. שוין ביי דאָס ערשטע געריכט איז ביים פעטער אַראָב דער מוטה, ער האָט געשעפּטליך, נישט ווי זיין שטייגער, אָנגעגאָסען די גלעזליך בראָנפען און געשעפּטליך געוואונשען, געטרונקען און געגעסען. און יעדעס מאָל, ביי אַ ניי געריכט, האָט דער מוהטעס שוועסטער מיט אַ צופרידענעם שמייכעל אין כלל געפרעגט:

— נו, וואָס זאָגט איהר? נישט קאַליע געמאַכט... מיין מאַן זאָגט נאָר, אַז איך בין אַ בריה. אין דער'אמת'ן מוז דאָס זיין אַקוראַט פערקעהרט...

— אַ בריה, אַ בריה... — האָט דער פעטער פערבאָרגען איראָניזירט, — שפּיעלט זיך אַ ראָליע מיט דיר. אַ קלייניגקייט.

אַז ער איז אַרויס פון טיש, איז איהם געוואָרען אַ סך פרייער. ער האָט אַריינגעלעגט די הענד אין די הויזען־קעשענעס, האָט פערוואָרפען דעם קאָפּ אַ הינטער און אונטערגעזונגען אונטער'ן נאָז:

— ויהי בימי אחשורוש, הוא אחשורוש, המלך מהדו ועד כוש...

אין דרויסען איז געווען אַזוי פיעל ליכט און זון, איבער די ווייסע לייליכער שניי האָבען זיך, פּונקט ווי לעבעדיגע שלאַנגען, אַזוי פיעל רינגע דונקעלע פאַסיקליך וואַסער געדרעהט, אַז עס האָט זיך נישט געוואָלט זיצען שטוב, און אַלע האָבען זיך אַרויס־

געשאָטען אויפ'ן גאַניק. אפילו די אַלטע, די קרובה, אין אַ רויט טיכעל, יודישליך פערדרוקט אַ הינטער די אויערן, איז אויך אַרויסגעגאַנגען, פערלעגט אויפ'ן בויך אַ האַנד אויף אַ האַנד און געקוקט אין איין פינטעל פאַר זיך.

פון אָנהויב איז ליסער געשטאַנען צוזאַמען מיט אַלעמען. נאָר איהם האָט זיך אויף צו להכעיס געקוקט אויף אַ שטיקעל ווײַסען האַלז בײַ דער יונגער פרוי, וואָס איז געשטאַנען צו איהם מיט'ן פלײַצע. אויפ'ן שטיקעל האַלז האָבען זיך וואונדערליך שען געלינייעט די האָהר, זײַ האָבען זיך פערענדיגט אין אַ געטאָקטער לײַכער שורה, פונקט ווי עמיצער וואָלט זײַ אָנגעצייכענט, וואו זײַ מעגען וואַקסען און וואו נישט. און איהם איז געווען עפּעס אומבעוואוסטזיניג פערדראָסיג אויף דער דאָזיגער שענקייט און עס האָט זיך געדאַכט, אַז זי פיהלט עס און האָט הנאה.

ער איז אַראָב פון גאַניק און איז לאַנגזאַם, ווי מען געהט אַליין אויף אַ ווײַלע שפּאַצירען, אַוועק אַרויף מיט'ן וועג. די זון האָט געשפּילט אין די אויגען, געגלעט די באַקען און צוגעזאָגט עפּעס גרויסעס, יונגעס און דוידערעגדעס.

איבער'ן וועג איז געווען שווער צו געהן, דער פוס האָט אַרײַנגעזונקען אין צוגעהענדען שניי און דאָס גערײַצטע וואַסער פלעגט אַנלויפען ביז'ן ראַנד קאַלאָש און וועלען לויפען העכער, אָנטרעפענדיג אַמאָל מיט אײַנציגע טראָפּעליך אין נאָז אָדער אין באַק אַרײַן. נאָר עס האָט נישט געאַרט צו זײַן בעשפּריצט, צו דערשפּירען אין אויער אַ רושיגען פײַף פון אַ פּלעצליכען פעלדווינד, אַזוי, אַז מען זאָל דאַרפען יעדע רגע אַ חאַפּ טהאָן זיך פאַר'ן הוט, פונקט ווי איהם וואָלט זיך אויך געוואָלט בעוועגען, ווי אַלץ, וואָס דאָס אויג האָט נאָר געזעהן: די וואַסערליך, דער שניי, וואָס האָט בעוועגענד געגלאַנצט געגען דער זון און געבינטען ווײַלעווײַז דעם פאַרב, דער סגל וואָלקענדליך אויפ'ן ווינקעלהימעל, די שטרויעליך, וואָס אויפ'ן וועג, און אפילו די אײַנציגע אַלטע בעראָזעס האָבען געבויגען דעם קאָפּ און געפײַפט מיט די לאַנגע דאַרע נאַקעטע ריטליך. וואָס ווילען זײַ אַלץ? וואָס בעגעהרען זיי?

וויט אין פעלד, צו זשערמאן, האט ליסער בעמערקט גיי־דעריג אויפ'ן האריזאנט א שווארץ קייקעלע. דאס קייקעלע איז נישט געשטאנען אויף איין ארט, האט זיך בעוועגט, און חאטש ליסער האט גארנישט ערווארט פון דעם דאזיגען קייקעלע, דאך האט עס איין אויג זיינס נישט שפירענדיג נאכגעהיט. מינוט צו מינוט האט עס געוואקסען און זיך דערנעהנטערט, דערנאך זענען אויסגעוואקסען אקסלען מיט א ביוסט, און, לויט דער בעוועגונג פון קאפ, וואס האט זיך כסדר געהאלטען פערריסען ארויף און נישט עטוואס אנגעבויגען פאראויס, ווי עס האט, קענטיג, געפאדערט דער גאנג, האט ער פערשטאנען, אז דאס געהט טאמארקע.

קוים האט ער נאר געקענט בעמערקען איהר פנים — האט ער שוין דערזעהן איהר שמייכעל און צוויי פערזשמורעטע שווארצע פינטעליך אונטער'ן שטערן. און געגאנגען איז זי לייכט אין נאסען שניי, פונקט ווי דאס וואלט געווען א גלאטער וועג. מיט איין האנד נאר האט זי צוגעהאלטען דעם הינטערשטען ברעג פון קלייד, אויפ'ן קאפ האט זי געטראגען א שווארץ טיכעל פון זעהר גיטער מאטעריע, וואס האט זיך קאקעטיש געפאלבט ביי די באקען.

איהר גאנג מיט דעם פערריסענעם קאפ, די אנגערויטעלטע באקען, די צוויי פערזשמורעטע לאכענדיגע אויגען, דער דינער לאק, וואס דער ווינד האט ארויסגעחאפט פון טיכעל און געהאלטען אין דער-לופטען, דער גלאנץ פון די דריי אויבערשטע קלארע ציינער, וואס די שמייכלענדע אויבערשטע ליפ האט אויפגעדעקט — דאס אלץ איז געווען אזוי אונערווארטעט און שען, אז ליסער האט אויף א רגע אן זיך פערגעסען און פאר דער צייט פון זייער בעקאנטשאפט האט ער קיינמאל נישט ארייגעלעגט אין ווערטער אזוי פיעל פרישקייט, צערטליכקייט און גערוועז, ווי אין דעם דאזיגען פשוט'ען אויסגעשריי:

— טאמארקע! טאמארעלע...

— וואס?...

און דער אויסגעשריי, אין וועלכען עס איז אזוי אונערווארטעט ארייגעלעגט געווארען אזוי פיעל אינהאלט, האט איהם

נעגעבען אַן׳אינערליכען טאָן, פון װעלכען ער האָט שױן ניט געקענט אַראָבגעהן. עס האָט זיך געװאָלט זי טראָגען אױף די הענד, אַ גרױסע מױד, אַ לאַכענדיגע, מיט אַ שװאַרץ טיכעל אױפ׳ן קאָפּ, — נעהמען אױף די הענד און טראָגען איבער׳ן נאַסען שנײ און אױפרײַצען, טראָגענדיג, די יאָגענדיגע װאַסערליך, זײ זאָלען שפּריצען אין פּנים אַרײַן; עס האָט זיך געװאָלט עפּעס מקריב זײַן פאַר איהר אַ גרױסע זאַך, דערצעהלען איהר דאָס סאַמע אינטימסטע, דעם שרעקליכסטען אמת פון זיך, דערצעהלען ביז װעהטאָג, ביז משוגעת, ביז שכרות, אַז אַלץ אַרום זאָל טאַנצען אין משוגעת און שכרות. עס האָט זיך געװאָלט מיט אײנעם שלאָגען זיך פאַר איהר. יענער, דער אײנער, זאָל זײַן אַ געזונדטער, אַ רױטער, אַ װילדער, מיט אַן׳אונסימפּאַטישען פּנים; יענער זאָל טיעף בעלײדיגען, דעם גאַנצען גוף זאָל ער צוטרײסלען און מען זאָל זיך דאַרפען שלאָגען אױף טױדט און אױף לעבען.

מען איז געגאַנגען אַרױף מיט׳ן װעג. ער האָט גענומען איהר האַנד אין זײַנע און האָט בײדענס הענד אומגעװאָרפען, װי אַ מאַיאָטניק, הין-און צוריק, װי דאָס טהוען חדר-יונגליך, אַז זײ געהען פון חדר, האָט איהר אַלע װײַלע אַרײַנגעקוקט אין פּנים, מיט אַ גרױסער אָפענער איבערגעבענקײַט און פון זיך אַלײן זענען איהם נעגאַנגען װערטער פון מױל:

— טאַמאַרעלע, קום עק-װעלט! קום מיט מיר עק-װעלט .. אַט אַזױ, װײַט, װײַט, װײַט . . .

דעם זין פון די אײגענע װערטער פלעגט ער חאַפּען נאָכדעם, װי ער פלעגט זײ שױן אַרױסזאָגען, פּונקט װי אַ צװײטער װאָלט עס גערעדט, און זײ פלעגען מאָדנע געפעלען װערען. און ער פלעגט זײ באַלד איבערטראַכטען מיט אַ גרױסער הנאה, פּונקט װי ער װאָלט זײ ביסירט: טאַמאַרעלע, קום עק-װעלט, קום מיט מיר עק-װעלט . . . אַט אַזױ, װײַט, װײַט, װײַט . . .

— קום עק-װעלט, בערעלע . . . נאָר אַ שאָד, מײַן שנײ צוגעהט שױן . . .

— אהאַ, דײַן שנײ! — האָט ער פרעהליך אונטערגעחאַפּט, אַ קוש טהאָענדיג זי העלפט אין סאַק און העלפט אין

טיכעל, — ס'איז גארנישט, דו ווייסט גארנישט, ווי ס'איז אנגע־נעהם צו זיין דיינער, גאר אינגאנצען דיינער. הערען דיין אטעם און זיין דורכאויס פערנומען מיט דיר... עפּעס אנוועהרען א גרויסען טאלענט צוליעב דיר: זיין א מאהלער און נישט נעהמען קיין פּינזעל אין האנד, זיין א קאמפּאזיטאר און נישט שאפען קיין מעלאדיען, זיין א פּאעט, א שריפטשטעלער — און נישט שריי־בען... צו וואס?

— איך גלויב דיר נישט... — האט זי וויי׳ך און פערטראכט א שמייכעל געטהאן, וואס עס טרעפט מיט איהר, ווען זי נעהמט ווערען ערנסט, — דאס איז שטימונג ביי דיר... איך קען זיי, די שטימונגען. דער אונטערשיעד צווישען מיר מיט דיר אין דאס, וואס איך געדענק אפילו אין דעם גרעסטען עקסטאז, אז דאס העכסטע איז, ווען מען איז אינגאנצען פריי ביי זיך, אז מע געהערט זיך... אין די ווערטער לעג איך אריין א סך אינהאלט און מיר איז שווער געבען יענעם גוט צו פערשטעהן. נאך וואס. נישטא קיין זיסערע זאך, ווי געהערען זיך, זיין מיט זיך, און, האלט האבענדיג יענעם, נאך העלטער האבען זיך... דאס איז אפשר זעהר שווער צו דאקאזען, אזא נאטור דארף מען גע־בוירען ווערען, אבער איך בין שטענדיג מקנא די, אין וועלכע איך געפין עס... נאר צוריק גערעדט, — האט זי זיך פּלוצלונג צולאכט, — האב איך זיך גענוג האלט... און דו געה אויס אינ־גאנצען פאר ליעבע צו מיר...

און אין א ווײַלע ארום האט זי ווידער גענומען שמייכלען וויי׳ך און פערטראכט און האט נאך ערנסטער ארויסגעזאגט:

— איך ווייס נישט, פארוואס האט מען מיך ליעב... אזא ווי איך דארף מען אייגענטליך נישט ליעב האבען... ווארום איך סטארע זיך שטענדיג אנ׳ערנסט ליעבע־געפיהל, ווען עס איז גרויס און שטארק, צוברעכען, קאליע מאכען, איבערייסען. און א נאטור איז ביי מיר נישט קיין טרייע, א האהר נישט... און אין דעם פּרט בין איך דער סאמע אונדאנקבארסטער מענש...

דאס האט ער שוין נישט איין מאל געהערט פון איהר, און איצט האט איהם באנג געטהאן, וואס איהם איז אויס־

געקומען ווידער צו הערען דאָסזעלבע. צו וואָס אַזוינע רייד, אַז זי איז אַזוי שען, און די וואַסערליך בולבלען, און אַלץ בעוועגט זיך. און די זון איז אַזוי נאָהענט און ליעב? און מיט אַ שטילען פערדרום האָט ער זי אַרומגענומען און שטיל אַרויסגעזאָגט, צו-לעגענדיג זיינע באַקען צו איהרע:

— חשבונות, חשבונות... דער, וואָס קען ליעבען, דער וועט קיינמאָל נישט קאַליע מאַכען אומישנע זיין ליעבע-געפיהל. און גענוג וועגען דעם צו ריידען. קום, האָב מיך האָלט און שוויינ.. טאַטאַרעלע...

— וואָס ציטערסטו אַזוי פאַר אַ וואָרט?

— איצט דאַרף מען נישט...

דער וועג האָט זיך מיט אַמאָל אויפגעהויבען אויף אַ בער-געל, פונקט ווי איהם וואָלט זיך פערוואָלט אַ קוק טהאָן אויף הינטער, אויף דאָס אָבגעלאָפענע. ביים בערגעל זענען ווי אַלטע נאַר געזונדטע זקנים, געשטאַנען גרויע הויכע בעראָזעס, מיט ווייסע שטאַמען, און פון די לאַנגע צווייגען האָט געקאַפּעט.

הינטער די בעראָזעס, אויף אַ לאַנגען שטח, ווי וויים דאָס אויג האָט געכאַפּט, פונקט אַנטקעגען דער זון, האָט גע'גוסס'ט דער ווייסער שניי. ערטערווייז האָט איהם פערגאָסען אַ פרעהליך קלאָר וואַסעריל, אין מיטען מיט שטיקער שווימענדיגער זון, און ערטערווייז האָבען זיך אַרויסגעזעהן שוואַרצע רעדעליך ערד, פרי-שע, יונגע, וואָס האָבען זיך נאַאיוו אַרומגעקוקט, ווי זיי וואָלטען דאָס ערשטע מאָל דערזעהן די וועלט.

פון טהאָל צום בערגעל האָט זיך געצויגען אין דער לענג אַ שורה קליינע פערדליך, איינגעשפּאַנטע אין שליטלעך, און די פויערים, פערשפּריצטע, אין נאַסע ליאַפּטעס, מיט אַראָבגערוק-טע קוטשמעס איבער די אויגען, זענען געגאַנגען אין אַ שורה אין דער ברייט איבער'ן וועג און האָבען ערנסט געפיהרט אַ שמועס צווישען זיך. נאָכ'ן בערגעל איז דער וועג אַוועקגעלאָפען אין דעם גראַפ'ס גרויסען וואַלד, אַנ'אַלטער, אַ געדיכטער און אַ שוויי-געדיגער סאָסנע-וואַלד, וואָס האָט זיך געררעכענט פון זשילין פינף וויאָרסט. פון ווייטען האָט זיך געהערט, ווי דער ווינד ברומט

אין די שפּיצען בוימער און שיט אויף דער ערד די איבערגעבליבענע שנײעליך פון די צווייגען.

דאָ, פאַר'ן וואַלד, איז דאָס געהן געוואָרען שווערער, עס איז געווען מעהר שניי און מעהר וואַסער, וואָס האָט זיך איבערגעוואָרפען פון ראַנד קאַלאָש אין קאַמאַש אַריין. טאַמאַרקע האָט אַ חאַפּ געטהאָן פאַר'ן האַנד ליסער'ן און האָט איהם איבערגעדרעהט מיט'ן פּנים צו זשילין. פאַר די אויגען זענען געלעגען אויף רעכטס און אויף לינקס אונענדליכע פעלדער שניי און וואַסער, אונרוהיגע, בעוועגליכע און בעגאָסענע מיט זון, און אַזוי אונרוהיג און בעוועגליך איז געווען דער אונענדליכער הימעל איבער'ן קאָפּ, מיט די נײַע, ערשט־אָנגעקומענע ליכטיגע ווינד־וואָלקען, וואָס זענען געקראָכען איינע אויף די אַנדערע, בלענדענדע, מיט זײַדענע פולינע ברעגען. טאַמאַרקע האָט אָנגעוויזען מיט'ן האַנד אויף די פעלדער און מיט איגערליכער בעהאַלטענער התפּעלות אַרויסגעזאָגט:

— פאַרהאַן ביי רעפּינ'ען אַ בילד. אַ סטודענט מיט אַ סטודענטקע געהען ביז די קנעכליך אין וואַסער... עס איז קענטיג, דער אָנהויב פון ים. דער ווינד איז מורא'דיג גרוים, די חוואַליעס וואַרפען זיך מיט אַ געוואַלטיגער קראַפט, דער שוים זידט, אויבען די וואָלקענס זאָגען צו עפּעס שלעכטעס, און זיי געהען זיך, פיהלען דאָס נישט... אַזוי גוט איז זיי... נאָך בעסער: ער שרייט אויס פון גרוים הנאה: „קאַקאָי פּראָסטאָר!“... יאָ, מיט אַ בעזונדער דײַטליכקייט געדענקט זיך מיר דאָס ווייסע קלײנע הענטעלע, מיט וועלכער דאָס מיידעל האַלט צו דאָס היטעלע, וואָס דער בייזער ווינד וויל דורכאויס אַראָברײַסען... יאָ, אָט דאָ קען מען דאָס אויך זאָגען, בערעלע — קאַקאָי פּראָסטאָר! איך האָב ליעב רעפּינ'ען... נו, מיר וועלען געהן ווייטער, אין וואַלד, האַ? ביזט שוין מיד?

— אַ האָהר נישט! — האָט ליסער האַסטיג פּערוויכערט אַ פּאַפּיראָס, אַרויסבלאָזענדיג ווייט דעם ערשטען רויך. ער האָט זי גענומען אונטער'ן האַנד און האָט פאַר זיך אַ שמייכעל געטהאָן פון דעם פּראָזאַאישען געדאַנק, וואָס איז איהם אַרויפגעקומען אויפ'ן

וינען, אַז וויַיט דאָרף מען פונדעסטוועגען מיט איהר נישט געהן, מען איז שוין גענוג געגאַנגען און זי איז שוין גענוג מיד און קען זיך נאָך, אַ מיידעל, פערקיהלען.

נעבען דעם ערשטען וואַלד־בוים, אַנ׳אַלטע סאָסנע, איז געשטאַנען אַ הילצערנער אָבגעבליאַקירטער צלם און פון איהם האָט אַרויסגעקוקט אַ קליין דאַר מענשעלע, מיט גרויסע איינגעפאַלענע לעכער־אויגען, מיט אַ דאָרן־קראַנץ אויפ׳ן קאָפּ און מיט אַ קליין דונקעל בערדעל. קענטיג, אַז ער האָט געהאַט אַ סך ליידען, וואָס זענען אפילו נישט אַראָב פון זיין פערגליווערטען טוידט׳ען פנים, און זיינע דאַרע מוסקוללאָזע הענד, אויסגעשפּרייטע און צוגעקלאַפּטע צום צלם, האָבען נאָכמעהר בולט׳ער געמאַכט דעם אויסדרוק פון ליידען. אויף דעם איינגעפאַלענעם בויך זענען געהאַנגען וויַיסע פאַרטיכליך, בענייהטע מיט רויטע צלמים׳ליך, איבער׳ן קאָפּ איז געווען צוגעשלאָגען אַ בלעכען דעכעל. טאַמאַרקע מיט ליסער׳ן האָבען אינסטינקטיוו און האַסטיג דערויף אַ קוק געטהאָן און פאַרבייַגעגאַנגען שווייַגענדיג.

אין וואַלד האָט די זון נישט אַריינגעדרונגען און עס איז געווען קאַלט און דער וועג געפרוירען. עס וואָלט געווען אַ סך לייכטער און אַנגענעהמער צו געהן, ווען דער פוס וואָלט זיך יעדע רגע נישט אַ גליטש געטהאָן. פון אָנהויב האָט עס געמאַכט פרעהליך, ווי אַ נייעס, און האָט אַרויסגערופען אַ געלעכטער. נאָר דערנאָך האָט עס אָנגעהויבען דערנעווירען און עס איז לחלוטין נישט מעגליך געווען צו שטעלען אַ פוס. געמאַכט אַ טריט — און אַ גליטש געטהאָן זיך אַ הינטער, געמאַכט אַ טריט — און איינער דעם צווייטען האָט בעדאַרפט אונטערהאַפּען, חאָטש מען איז געגאַנגען האַלטענדיג זיך פאַר די הענד.

איין מאָל איז טאַמאַרקע געפאַלען און האָט אָבגעשלאָגען דעם עלענבויגען. זי האָט, אַפנים, מגזם געווען דעם וועהטאָג און זיך צעוויינט. ליסער האָט זי געקושט אין די טרעהרענדיגע אויגען, אין דעם פערטרעהרטען מויל, און אַז זי האָט נאָך אַלץ געוויינט, איז ער אָבהענדטיג געוואָרען און נישט געוואוסט

וואָס צו טהאָן. דעמאָלט האָט זי זיך פונאנדערגעלאכט און האָט שטיפעריש א שפרונג געטהאָן.

— אי, ביזטו א שד... — האָט ער געזאָגט מיט האַלב־פערדרוס אויף זיך, וואָס ער האָט נישט פאָראויסגעזעהן, אז טאמארקע קען אפילו קאָקעטירען אין וויינען.

פונדעסטוועגען איז מען געגאנגען ווייטער. עס איז געוועזען צופיעל גוט, איינפאלענד און אנגענעהם אט די גאנצע בעגעגע־ניש, אט דאָס גרויסע פערגעניגען, אויף וועלכען מען האָט זיך פריהער נישט געריכט, אום מען זאָל מאכען א שריט אויף צו־ריק, חאָטש ליסער האָט זיך עטוואָס בעאונרוהיגט פאר איהר.

חוץ די קושען, די ווערטער, דאָס זעהן די פעלדער, די זון און דעם הימעל און דעם וואלד, איז געוועזען נאָך עפּעס אזוינס, וואָס האָט נישט געהאַט קיין שייכות צו קיין קוש, צו קיין אויג, צו קיין וואָרט, אזוינס, וואָס איז איבערגעגאנגען פון איהר צו איהם און פון איהם צו איהר, אָהן ווערטער, שטיל, היים און אונפערשטענדליך און וואָס איז געוועזען דאָס סאמע וויכטיגסטע און דאָס טייערסטע. און בעת ליסער פלעגט עס דערפיהלען אין זיך פלעגט ער אויך אין דערזעלבער צייט דייטליך און קלאָר דערפיה־לען, אז ער וועט זיך מיט איהר אין גיכען שיידען, אז דאָס איז נאָר א שענע בעגעגעניש, וואָס וועט איבערלאָזען א שפור אויף זיין גאנצען לעבען. נאָר דערנאָך, שפעטער א ביסעל, פלעגט ער שוין דערפיהלען דאָס בעקאנטע געוועהנליכע פערליעבטע געפיהל צו איהר, וואָס איז איהם געוועזען אזוי בעקאנט, אז ער פלעגט באלד ווערען קאלט און דרייסט, און ער פלעגט קלערען, אז ער זאָל וועלען, קען ער זי גאָרנישט איינלאָזען, ער קען זי אינגאנ־צען בעהערשען, מאכען, אז זי זאָל איהם פאָלגען און ער קען מיט איהר חתונה האָבען.

אין וואלד האָט דער פארב פון דער לופט, וואָס האָט נאָך נישט געזעהן די זון, געענדערט דאָס אויג: עס האָט זיך ווילעוויי געדאכט, אז אָט־אָט פאלט צו דער אָווענד. פון די שפיצען בוימער זענען מיד געפאלען ווייסע שניעליך און וואו־נישט־וואו האָט טרוקען א קנאק געטהאָן, פונקט ווי עמיצער האָט אויסגע־

שאָסען. אמאָל פלעגען דורכפליהען אַ פּאָר שווארצע קראָהען פון איין צווייג צו אַ צווייטען און פון דאָרטען פלעגען זיי קוקען, ווי עס האָט זיך געדאַכט, נישט מיט די אויגען, נאָר מיט די שוואַרצע שנאָבלען און מיט די שווארצע רעדעליך אויף די גרויע העלוליך.

שטיל, ווי אין אַנ׳אויבּיגען כשוף, זענען די דונקעל־רויטע, שלאַנקע סאָסנע־שטאַמען געלאָפען איינע נאָך די אנדערע אין דער טיפעניש פון וואלד, ווייטער, ווייטער, אַזוי ווייט, אז עס האָט זיך געזעהן דייטליך, ווי דער נידעריגער האָריזאָנט פערשטעלט זיי דעם וועג, נאָר זיי וועלען זיך נישט אָבשטעלען, וועלען איהם דורכלעכערן מיט די שפּיצען און וועלען לויפען ווייטער. און עס איז געווען העכסט קאָמיש און חנ׳עוודיג צו זעהן, ווי כמעט נאָך יעדען הויכען סאָסנע־בוים איז נאָכגעלאָפען אַ קליין ברעקעל סאָסנעלע, נאָך גאָר אַ קינד, אונטען ברייט און אויבען שמאָל, מיט אַ שפּיץ, מיט פרישע גרינע נאָדעלדיגע צווייגען, ערטערווייז בעפּוצטע מיט ווייסען שניי. זיי האָבען, אַפּנים, מורא געהאַט צו בלייבען אָהן די גרויסע אין וואלד און זענען נישט אָבגעשטאַנען פון זיי.

— בערעלע... בערעלע... דו האָסט האַלט דעם וואלד?—

האָט טאַמארקע אַרויסגעזאָגט מיט אַ דינעם ציטערדיגען קול, ושמורענדיג פון התפּעלות מיט די אויגען,—דאָס איז דאָך אונזער ליטא, בערעלע... מיין ליטא, דיין ליטא, מיין טאַטענ׳ס ליטא... און איך וואָלט זי נישט בייטען אויף דעם שענסטען לאַנד אויף דער וועלט מיט די שענסטע נעמען. ווילנא קלינגט מיר טויזענד מאָל שענער און האַרציגער, איידער נעאַפּאָל, אָדער ריאָ־דע־זשאַנעיראָ... אַז דו זאָגסט—ווילנא, שטעלען זיך מיר באַלד פאָר אָרימע ליעב־האַרציגע יודעליך, מיט פּאות׳ליך, גרויסע בעלי־רחמנים, שמאָלע געסעליך און באָב...; חא, חא, חא... באָב! איך האָב אַזוי האַלט באָב!

ליסער׳ן איז שטענדיג געווען געפעלען, וואָס טאַמארקע האָט אַזוי ליעב יודישקייט, דאָס יודישע, יודען. און שטענדיג האָט ער

עפּעס נישט געקענט ענטפערן איהר דערויף אדער אונטערהאלטען זי, אדער לויבען זי, ווען זי האט אנגעהויבען ריידען וועגען דעם דאזיגען ענין. גיכער האט זיך איהם געוואלט עפּעס נאריש מאכען זיך, חוזק'ן, שפּיעלען, און, נאכמאכענדיג איהר קול, האט ער זי איבערגעקריממט:

— טאמארעלע, טאמארעלע, דו האסט האלט דעם וואלד?

ווידער א צלם, נאר שוין אהן א בילד. צו דעם גרויסען שטאנג פון צלם זענען געווען צוגעבונדען ווייסע פּארטיכליך מיט רויטע אויסגענייהטע צלמים און איבער דעם—א דעכעלע. נאך דעם צלם האט זיך פּלוצלונג ענטפּלעקט, פּונקט ווי עס וואלט נאר-וואס פון דער ערד ארויסגעקראכען, א קיילעכדיג געפּרוירען שטיק פעלד, א גלייכעס און א שוויינענדיגעס און ארום דעם האבען ארומגעטאנצט הויכע סאסנעס. וואו-נישט-וואו האבען ארויסגעטשעטשעט די שיריים פון אבגעזעגטע בוימער, שווארצע און געפּרוירענע, וואס האבען געמאכט דעם איינדרוק פון זיצענדיגע וואלד-היות, וואס וועלען אט-אט געבען א געשריי און א שפּרונג טהאן. איבער'ן ווייסען שניי, אויף דעם קיילעכדיגען שטיק פעלד, האט זיך געזעהן, ווי עס גנב'עט זיך דער פארנאכט.

— ווען עס וואלט זיין א רעכט ארט, האט מען זיך בעדארפט צוזעצען אברוהען, — האט טאמארקע נישט זיכער אנגעוויזען אויף די אבגעזעגטע בוימער.

— ניין, מיין קינד, זיצען טאר מען נישט. מיר וועלען פערלירען די ענערגיע און וועלען קומען אין מיטען נאכט א היים. מיר וועלען שוין געהן צוריק? — האט ער זי ווייך געפרעגט, דריקענדיג זי צום הארצען.

— איך וויל טאקע עסען... — האט זי געזאגט, נאכמאכענדיג א מינע פון א צולאזענעם קינד, וואס איז הונגעריג, — און זעה! — האט זי זיך מיט אמאל א חאפּ געטהאן, — היינט איז דאך פּורים, א סעודה... איך האב גאר פערגעסען! קום שוין! — האט זי איהם אונגעדולדיג א ציה געטהאן.

— קום—מ—ם! — האט זי אונגעוועהגליך הויך א געשריי געגעבען, און וייט אין וואלד האט עמיצער נאכדעם איבער-

געשריִען דאָסזעלבע וואָרט און לאנגזאם אנטשוויִגען געוואָרען.

צוריק איז דער וועג געגאנגען געשוִקט, און פּ׳ן וואלד איז מען ארוים אזוי געשווינד, אז עס האָט זיך כמעט נישט געגלויבט, צי ער האָט זיך טאקע געענדיגט. די גליטשיִגקייט האָט זיך גאָרנישט געפּיהלט. אויפ׳ן היִמעל איז שוין נישט געווען די זון און גרויע פארנאכטיִגע וואָלקענס, ערנסטע, זוכענדע און טריִבע, האָבען אייִנציִגווייז ארומגעוואנדערט, פּונקט ווי זיי וואָלטען זיך ערשט געחאפּט, אז די זון איז נישטאָ און זיי וואָלטען זי געזוכט. די קלייִנע וואסערליִך אויפ׳ן וועג זענען שטיל געוואָרען און אייִנגעפרוירען, און די גרעסערע האָבען נאָך געשפּיִעלט, זיך געגרונצעלט, געמאכט רעדעליִך, בויגעליִך און אָבגעשלאָגען אין זיך די וואנדערענדע וואָלקענס. א קאַלטער וויִנד האָט געקליבען שנייִ פון פעלד, איז מיט דעם האסטיִג ערגעץ אוועקגעלאָפען און פערזייהט עס, ווי מעהל, אויפ׳ן וועג.

— איצט וואָלט איך דיר, בערעלע, געקענט פערטרויען א זאך, וואָס אזוי רייד איך דאָס קייִנמאָל מיט קייִנעם נישט, — האָט זיך טאמארקע פערטראכט אָנגערופען, קוקענדיג מיט פערזשמורעטע אויגען פאָראויס, — איך וואָלט געוואָלט שפּיִעלען אויפ׳ן סצענע... מיר דאכט זיך, אז איך וואָלט געקענט און מיר דאכט זיך, אז איך וואָלט נישט געקענט... דו פערשטעהסט מיִך גוט? און ווען מיר דאכט זיך, אז איך וואָלט געקענט, הויבען מיר אָן שפּריִנגען ביִלדער און ראָליען פאר די אויגען, דאָס הארץ בעפאלט עפּעס א גרויסער פּאטאָס און איך וואָלט דעמאָלט, דאכט זיך, א וועלט אייִנגענומען. נאָר דאָס איז ביי מיר א סוד און איך שעם מיך מיט איהם... גוט וואָלט געווען, ווען א טרופּע וואָלט מיך גענומען און וואָלט מיך ארויסגעלאָזט שטילערהייד אין א ראָל, דעמאָלט וואָלט איך געוואוסט, צי איך טויג, צי נישט... וואָס זאָגסטו, בערעלע, הא?

ליסער האָט אָנגערוקט דעם קאָפּ און האָט געשוויִגען. אין א ווייִלע ארום האָט ער געזאָגט:

— זעהסטו, מיר איז עס אייִנמאָל אייִנגעפאלען, אז דו וואָלסט געקענט שפּיִעלען. אין דיר איז פארהאן א סך בעוועגונג,

פלאסטיק, און דיין פנים איז מסוגל צו מימיק. — נאר וואס זאל איך דיר זאגען, — האט ער זיך צוגעשטעלט — ווענען שפיעלען ריידען אזוי פיעל מיידליך, דאס איז שוין אזוי באנאל געווארען, אז איך קען דיר גאר קיין עצה נישט געבען. וועלכע מיידעל די וועסט נישט אנטרעפען, וועט זי דיר גלייך נעהמען ריידען ווענען טעאטער און ווענען דעם, אז זי איז א גרויסע ארטיסטקע, אבער נאר א גרויסע!...

— די ביזט גערעכט! די ביזט גערעכט! — האט איהם טאמארקע איבערגעשלאגען און א פאטש געטהאן מיט'ן האנד, — און מעהר זאלסטו א ווארט נישט ריידען ווענען דעם... פערגעסען... און גענוג!

— ניין, דאס איז גארנישט... — האט ליסער אנגעהויבען. —

— מססס!.. מעהר א ווארט נישט! — האט זי איהם מיט קאלטע פינגער פערשטעלט דאס מויל.

מען איז געשווינד איבערגעגאנגען דאס בערגעל. די אלטע בעראזעס האבען זיך איינגעהילט אין גרויען, פונקט ווי זיי וואלטען דעם נאנצען פארנאכט צו זיך אין געסט פעררופען. פון אונטער א בוים האט פלוצלונג א פינקעל געטהאן א רויט פייערל און באלד דערויף האט זיך דערזעהן א פויער, אנגעשפארט אן בוים און רויכענדיג. עס האט זיך געהערט ווי מען רעדט ערגעץ זייט און ווי עס האווקעט א הונד. עס איז געווארען גוט קאלט.

— און וואס זאל איך פארט טהאן? איך דארף דאך עפעס טהאן? — האט זי מיט אמאל ווידער אנגעהויבען ריידען, נאר באלד האט זי זיך פערחאפט און צוגעהאלטען איהם די הענד.

עך, מיר שווימען אויף'ן טייכעל,
שווימען יאהרען לאנג ביינאנד...

האט זי טרויעריג-הויך א זונג געטהאן און מיט א מאדנעם אונפערשטענדליכען אומעט א ריס געטהאן זיך פאראויס אויף גטליכע שריט, אנבויגענדיג עטוואס דעם קאפ, אז דאס נעזיכט זאל זיך נישט זעהן. א שפרונג טהאענדיג מיט דערזועלבער גע־

שיקטקייט ווידער אויף עטליכע טריט פאראויס, האט זי פערענדיגט פון ווייטען אויך אזוי אומעטיג־הויך:

ס'האט דאס טייבעל אונז פעראייניגט
הארץ צו הארץ און האנד צו האנד...

און באלד האט זי זיך אומגעקעהרט, איז געגאנגען אנטקעגען ליסער'ן, און, פארדירענדיג א צופיעסטשעט קינד, האט זי זיך איהם אנגעהאנגען אויפ'ן האלז און געזאגט:

— איך חלש עסען... איך שטארב...

אויפ'ן פארנאכטיגען הימעל האבען זיך שוין אויסגעצייכענט די שווארצע קיימענדליך אויף ווייסע דעכליך. דאס איז געווען זשילין, און דעם פעטער'ס הויז, א העכערעס און א ברייטערעס, האט בראוו און גאסטפריינדליך געקוקט פון ווייטען מיט'ן שפיציגען בוידעם.

נאר ביי דעם סטעזשקעלע, וואס איז געלאפען קיין זשערמאן, איז ארויסגעקומען א שטיקעל סכסוך. טאמארקע האט דורכאויס געוואלט געהן א היים. אין דער־היים וועט באלד זיין די סעודה, און אז זי וועט פעהלען, וועט זיין אי נישט אנגענעהם, אי גראבליך. ליסער ווידער האט גע'טענה'ט, אז אין דער־היים וועט מען מסתמא, אז זי איז אין זשילין צו דער סעודה און קיינער וועט וועגען איהר אפילו נישט א קלער טהאן. עס איז אויסגעקומען לאנג צו ברעכען איהר עקשנות, און דאס האט איהם איינמאל אזוי אויפגערעגט, אז ער האט געוואלט אוועקגעהן, נישט געבענדיג איהר די האנד. דערנאך, אז זי האט מסכים געווען, זענען געגאנגען ביידע שווייגענדיגע און מידע, ווי נאך א מלחמה.

ליסער'ן האט מיט אנ'אמת פערדראסען, וואס איבער אזא נארישקייט האט ער זיך קאליע געמאכט די שטימונג. ביים פעטער אין שטוב זענען, קענטיג, געגאנגען הכנות צו דער סעודה. אויפ'ן שנייי, נעבען די פענסטער, איז ווייל'עוויי דורכגעלאפען א צווייגעניגער לייכטער שאטען פון א שטובינגען מענשען, וואס איז מסתמא געוועזען פערטהאן אין עפעס אנ'ארבייט. עס האבען זיך געהערט די טריט איבער'ן פאדלאגע און ווי עמיצער צושטעלט שטוהלען ארום

טיש. אויפ'ן גאַניק, פֿאַר'ן עפֿענען די טהיר, האָט איהם טאַמאַרקע אַ צופּ געטהאָן די האַנד און שטיל אַ פֿרעג געטהאָן.

— ביזט אין כעס?...

— ניין, — האָט ער צופֿרידען און לייכט געענטפֿערט, דערפֿיהלענדיג, ווי אַ שטיין וואָלט איהם אַראָבגעפֿאַלען פֿון האַרצען.

אין שטוב האָבען זיך אַ שאָט געטהאָן פֿאָרוואורפֿען פֿון אַלע זייטען. עס איז געוועזען ברוגז די מוהמע און האָט אויסגערעדט, וואָס ער איז אַוועקגעגאַנגען אויף אַ גאַנצען טאָג און דערמיט פֿערשטערט דעם פּורים. מען האָט גערעכענט צוזאַמען פֿערברענגען, זיך לוסטיג מאַכען, און ער האָט נישט אָנגעזאָגט און איז אַוועקגעגאַנגען. אַנ'עולה. עס האָט געמורמעלט דער מוהמעס שוועסטער און האָט פֿון אונטער'ן שטערן געוואָרפֿען שווערע בליקען אויף טאַמאַרקען, מיט וואָס זי האָט שטאַרק אויפֿגערעגט ליסער'ן. אפֿילו די אַלטע האָט עפּעס אויך אַ זאָג געטהאָן פֿון דער זייט. געשוויגען, און גוטמוטהיג געשוויגען, האָט נאָר דער פֿעטער. איהם האָט עס, אַפּנים, גאָרנישט געאַרט.

אין דעם גאַנצען טומעל האָט ליסער'ן אינטערעסירט נאָר די מוהמע, וואָס האָט זיך די לעצטע צייט אַזוי געסטאַרעט נישט צו שטערען זיי, צונויפֿיהרען זיי ביידען צוזאַמען, וואָס האָט מיט אַלערליי הינטערוועגליך און פּאָליטיק זיך געמיהט, אַז ביי זיי זאָל זיין אַ שדוך—זאָל איצט איהם אויסריידען מיט אַזאַ מאָדנעם טאָן דערפֿאַר, וואָס ער איז אַוועק אויף לאַנג מיט אַ מיידעל, וואָס די מוהמע וואָלט זעהר וועלען, אַז זי זאָל זיין זיין כלה? נאָר שפּעטער איז איהם קלאָר געוואָרען, אַז די מוהמע מיט איהר גרויסער ליעבע צו איהם און מיט איהר קלוגען און פּראַקטישען שכל, האָט זיך געמוזט חאַפּען, אַז ביי איהם מיט טאַמאַרקען וועט גאָרנישט אַרויסקומען, אַז דאָס מיידעל דרעהט גלאַט אַ קאָפּ דעם בחור און וועט איהם נאָר אויסרייסען אַ שטיק האַרץ. און ווי באַלד אַז אַזוי, לוינט דאָך נישט צו פֿטר'ן צייט און צו פֿערשטערען אַ פּורים? בכלל איז שוין אין אַזאַ פֿאַל גלייכער נישט צו בעגעגענען זיך מיט איהר.

קומענדיג צו אזא בעשלום, האט ליסער קיין שלעכט געפיהל נישט געשפירט צו זיין מוהמען, פערקעהרט, עפעס דאנקבארעס און גוטעס האט זיך צו איהר א הויב געטהאן ערגעץ אין הארצען, נאר עס האט דאך באנג געטהאן אויף איהר בעגרענצטקייט און בעלי-בתיש'ען ארט דענקען. און אויך האט פערדראסען, וואס ער האט מיט גרוים מלחמה געבראכט אהער טאמארקען, בעת יענער האט אזוי נישט געצויגען צו געהן, און עס איז געווען אזא געפיהל, ווי עמיצער וואלט זי בעליידיגט און ער האט זיך נישט אנגענומען.

פאר א בעזונדערע בעליידיגונג האט ער געהאלטען די אונטערשטערנדיגע בליקען, וואס דער מוהמעס שוועסטער האט געווארפען אויף איהר, און עס איז געווען אזא מינוט, ווען ער האט געוואלט דער דאזיגער שענער און פלאכער פרוי כאפען גראב א בעמערקונג. נאר דאס וואלט אויפגעהויבען אנ'אוננוצליכע קריג, וואס וואלט זיך זיכער שווער אפגערופען אויף דער מוהמען.

נאך אלעם דעם איז איהם טאמארקע טייערער און נעהנטער געווארען, און קיינמאל האט זיך איהם אזוי נישט געוואלט איהר געבען א קוש, ווי איצט. עס איז אויסגעקומען, ווי זי וואלט געזעסען אין א שטוב מיט פערביסענע שונאים, וואס טראכטען וועגען איהר שלעכט, וואס וואלטען געקענט אויף איהר גלויבען די סאמע אונגלויבליכסטע זאכען, און זי האט נאר איין מענשען אין דער דאזיגער שטוב — דוקא א מאנספּיל, ליסער'ן, וואס ער רעגט נאכמעהר אויף די שונאים. נאר ער, דער מאנספּיל, ליסער, זעה אויף צו להכעיס, האט זי זעהר ליעב, שעצט זי' האלט שטארק פון איהר חאראקטער, וואס זיי ווילען גארנישט אנערקענען און ער וועט זי אודאי נישט לאזען בעליידיגען.

נאר דער פעטער האט, אפנים, אויך נישט בעדארפט אריינגערעכענט ווערען אין דער צאהל פון איהרע שונאים. נאכדעם, ווי עס זענען איינגעשטילט געווארען די פארוואורפען, האט זיך אויף איהם אנגעטהאן א נייע הויט. ער האט טאמארקען אוועקגעזעצט ביים טיש, האט זיך אליין אויך אנידערגעזעצט אן געגומען מיט איהר שמועסען. פאר א גרונד צו שמועסען איז געווען

גענוג אַ לעפּעל, אַ ווערטעל, דאָס קלאַפּען פון זייגער. און דאָס האָט באַלד אַרייַנגעטראָגען היימליכקייט און לייַכטקייט. אין שטוּב איז נאָך נישט געווען אָנגעצונדען קיין פייער, און אין דער פאַרנאַכטיגער דונקעלקייט האָט סודות׳דיג און ציהענדיג געלויכטען טאַמאַרקע׳ס שמייכעל, די אויבערשטע שורה ציינער און די אויגען. שטיפענדיג, האָט זי צוויי מאָל שיער נישט אומגעוואָרפען דעם שטוהל, אויף וועלכען דער פעטער איז געזעסען. כדי נישט צו פאַלען האָט ער זיך געמוזט אָנכאַפּען פאַר׳ן ראַנד טיש, און דאָס האָט אָנגעמאַכט אַ גערויש און אַרויסגערופען אַ געלעכטער.

— אָבער זעהט איהר, אַז זי איז געשיקטער פון אייך...— האָט מיט רשעות חוזק געמאַכט פון פעטער דער מוהמעס שוועסטער, — מאוס... מאוס...

און זי האָט אַ קוק געטהאָן אויפ׳ן מאַן, פּונקט ווי זי וואָלט איהם מיט׳ן בליק געפרעגט, צי עס געפעלען איהם גלאַט אַזוינע אויפפיהרונגען אין אַנ׳אַנשטענדיגער שטוּב.

— מיר איז נישט מאוס, נאַרעלע... — האָט זיך דער פעטער גוטמוטהיג און יונגעלשריג פערענטפערט, אַבווישענדיג דעם שווייס פון שטערן, — גענוג פון מיר, אַז מיר ווילט זיך נאָך שטיפען מיט טאַמאַרקען, — און באַלד דרייסטער און העכער: — נאָך אַ ווי עס ווילט זיך שטיפען!..., דו קאָנסט זי נישט! — האָט ער זיך אָנגעבויגען צו דער שוועגערין און גענומען ערנסט רײַדען, —דאָס איז אַ מיידעל אַ העלד, זאָג איך דיר, נאָך אַזינע אַזאַ האָב איך אויף מיין לעבען נישט געזעהן. דו קוק זיך נאָר גוט צו — שען, קלוג, אַ בראַנד, אַ פייער, און אַ פרעהליכע, אַ מחיה!...

— אַט ווער עס האָט מיך מיט אַנ׳אמת האָלט פון שטענדיג אָן! — האָט טאַמאַרקע לאַכענדיג אַרויסגעזאָגט, — און איך מעג זיין שטאָלץ דערויף, וואָרום איך האָב אייך אויך האָלט...

דער פעטער האָט אויסגעשטרעקט אַ פינגער אין דער-הויך און האָט בעדייַטענד אַ שאָקעל געטהאָן מיט׳ן קאָפּ:

— איהר הערט ווערטער?

— אַ ליעבע, — האָט איראָניזירט די שוועגערין.

עס איז אריין די מוהמע און מען האט אנגעצונדען די לאמפען. עס זענען שווארץ געווארען די פענסטער, מיט אמאל, האסטיג, פונקט ווי עמיצער וואלט זיי בעדעקט מיט א שווארצען געוואנד, און די ווענד האבען זיך איינגעהילט אין א פרעהליכען יום-טוב'דיגען שיין.

דער מוהמעס שוועסטער האט זיך אויפגעהויבען אין איהר גאנצער גרויס, פונקט ווי זי וואלט זיך געשטעלט פאר אלעמען אויף מבינות אונטער די העלע פייערן פון די לאמפען, האט אנגעטהאן א קליין וויים פארטוכעל אויף דעם שווארצען טייערן קלייד און גענומען אנפיהרען די לעצטע הכנות צו דער סעודה. ביי דער מוהמען גופא איז שוין נישט געוועזען קיין שפור אויפ'ן פנים פון דער פריהערדיגער בייזקייט, פונקט ווי זי וואלט חרטה געהאט אדער זי וואלט מוחל געוועזען, און גאר צערטליך, וואס האט געפרעהט ליסער'ן, האט זי זיך געדרעהט ארום טאמארעלען און האט זי אפילו עטליכע מאל גיגלעט פאר די האהר.

די סעודה איז אראב גלאט און נישט אומעטיג. מען האט היבשע געטרונקען, געלאכט און געפלוידערט. די טאנגעבער זענע געוועזען: דער פעטער, טאמארקע און ליסער. נאך זיי זענען געגאנגען — די מוהמע מיט דיער שוועסטער און וויטער — דער שוואגער מיט דער אלטער יודענע. דער שוואגער האט אבער געגעסען א סך און זיך ביז עקעל נישט געקאנט שיידען מיט די ביינער פון די פיש און פון די פלייש. אט האט ער זיי איינגאנצען אוועקגעלעגט אין טעלער אויף מעהר נישט צו נעהמען אין האנד, און באלד האט ער זיי ווידער, צום צעהנטען מאל, געטראגען און מויל אריין, ארויסשפארענדיג פון הנאה, ווי א חיה, די אויגען.

צום סוף איז געוועזען אזוי גוט, אז מען האט זיך צוקושט. פארגעלעגט האט עס, אפנים, דער פעטער און אנגעהויבען האט ער גלייך פון טאמארקען. דער קוש איז געוועזען א הייסער, אנ'אפענער און אנ'אויפריכטיגער. אזא קוש איז אויך געוועזען צווישען ליסער'ן און דער מוהמען מיט א צומישונג פון ליסער'ס צד — דאנקבארקייט, און דער מוהמעס — מוטערליכקייט. אז עס איז

געקומען צו ליסער'ן מיט טאמארקען, האבען זיך ביידע פלוצלונג צולאכט און זענען רויט געווארען, אזוי, אז אלע האבען עס בעמערקט און האבען זיך געפונען פערלעגען, און א קוש איז ביי זיי ארוים א האלבער, נישט קיין אפענער און נישט קיין געלונגענער.

ביי דער מומעס שוועסטער האט זיך טאמארקע פער'עקשנ'ט און נישט געוואלט זיך קושען, שיקענדיג זיך דערויף, וואס זי קען זי ווענינ. א ווײַלע האבען זיי געקוקט איינע אויף די אנדערע, ווי צוויי מענשען, וואס האבען זיך גאר אונבעקאנטערהייד נישט ליעב, נאר דער פעטער האט א שטיים געטהאן ביידענס פלוצעם, און זיי האבען זיך קורץ צוקושט. דער שוואגער מיט דער אלטער האבען זיך נישט בעטייליגט, און דאס יונגע ווייב זיינס האט זיך, ווי עס שיינט, דערפון נישט בעליידיגט, וואס עס האט ארויסגערופען פערוואונדערונג אין ליסער'ן. דער שוואגער האט בעת מעשה קורצזיכטיג און אהן לעבען ארייגעקוקט אין א ספר.

און שפעטער איז טאמארקע געלעגען א העלפט אויפ'ן קושעטקע און א העלפט ביי ליסער'ן אויף די קניה, אין דעם גרויסען פינסטערן צימער. דורך דעם טהיר-שליסעל האט אונזיכער געפלאסען א שיין פון בעלויכטענעם עס-צימער און אין די דריי גרויסע שטומע פענסטער האט ארייגעקוקט א שטיק הימעל, וואס איז געוועזן בעלויכטען פון דער לבנה.

נישט קיין שיין, נאר עפעס בלייכעס האט געציטערט אויף דער פאדלאגע, ווי א שטיקעל העלע זיידענעס. האלטענדיג זי אויף די קניה, האט ליסער צוגעלעגט זיין באק צו איהרער און האט געאטעמט איהר הייסען אטעם. ער איז געוועזן מיד און האט געוואוסט, אז אלע שלאפען, אז די גאס-טהיר איז פערשפארט, אז טאמארקע איז מיד, אז פאר איהר איז אויסגעבעט אין אנ'אנדער ארט א בעט. נאר ער האט זיך בשום אופן נישט געקענט בעשליסען אוועקצוגעהן פון איהר. אפטמאל האט זיך געוואלט, אז זי זאל איהם אבטרייבען, אבשטויסען און אוועקשיקען שלאפען, נאר זי האט עס נישט געטהאן, און ער האט דייטליך גע-

פיהלט, אז מיט איהר איז אויך דאס, וואס מיט איהם: זי קען ניט אוועקגעהן.

און עס האבען זיך געצויגען האלבע שעה'ן און שעה'ן, הייסע און שוויינענדיגע, ווי די ווענד, ווי די דונקעלקייט, ווי די פענסטער. אויפ'ן פאדלאגע האט מאדנע געציטערט דאס שטי־קעל בלייכע שיין, וואס האט אבגעשלאגען פון הימעל, און עס האט זיך וואונדערליך געוואלט קוקען דערויף. און עס האט זיך גע־דאכט, אז דאס ציטערט ניט אומזיסט, אז דאס האט א שייכות צו דעם, וואס ביידע געהען ניט בעזונדער שלאפען.

דאס קושען די באקען, די ליפען, די אויגען, וואס האט זיך אהן אנ'אבשטעל איבערגע'חזר'ט איין מאל נאך דעם אנדערן, איין מאל נאך דעם אנדערן, האט געשאטען פונקען אין דאס בלוט און אין די נערווען, און געבראכט יעדעס מאל א מאדנע אויסערליכע פארשטעלונג וועגען זיך: אט האט זיך איהם גע־דאכט, אז זיינע וואנסען זענען גרעסער, דער גוף לענגער, און אט האט זיך איהם געדאכט, אז זי איז א מאסיווע, א שווע־רע, נאר א נאכגיביגע, וואס האלט צוגעמאכט די אויגען און שלאפט ניט, וואס רעדט ניט און ווערטער ליגען איהר אויף דער שפיץ צונג, וואס אטעמט אזוי ווי ניט און דאס הארץ קלאפט אזוי שטארק, ווי ביי א מענשען, ווען מען לעגט צו דאס אויער צו זיין נאקעטער ברוסט.

און אז ער האט זי אראבגענומען פון די קניה און אוועק־געלעגט אויפ'ן קושעטקע, איז איהם, ווי א בליץ, דורכגעלאפען א געדאנק, אז ער וועט שוין ניט אוועקגעהן, בשום אופן ניט, פאר קיין פאל ניט. נאכט איז נאך געווען געגוג און דער טאג האט אנגעוואריען די מאכט פון אבשרעקען. אט דא, מיט איהר וועט ער שלאפען.

IX.

עס איז געוואָרען אַ גערויטער, אַ הויכער און אַ ריינער הימעל, און אַלע פריהמאָרגען איז אויפגעשטאַנען די זון הינטער'ן וואַלד, אַ פרישע און אַ רויטע, פונקט ווי זי וואָלט זיך נאָר-וואָס טובל געווען אין דער דורכזיכטיג-בלוילעכער בעגינען-לופט, און האָט געמאַכט אַ לאַנגען און אַ פרעהליכען שפּאַציר. עס זענען אַראָב די שנייען און עס זענען פערשוואונדען געוואָרען די דונקעלע פרעהליכע וואַסערן, וואָס האָבען, ווי ציגיינער, פונאַנדער-געלעגט לאַגערן אין די טהאָלען און האָבען דאָרט געזונגען און גערוישט טאָג און נאַכט.

פון די דאָזיגע וואַסערן איז גאָר קיין מנוחה נישט געווען. זיי זענען געשפרונגען אויף די פיס, האָבען פערשטעלט דעם וועג, געשפריצט אין פנים, זענען געקראָכען אין די סקלעפּעס, האָבען געבלאָנקעט איבער די גערטנער, און אַז זיי האָט זיך גאָר שטאַרק פערוואָלט, זענען זיי זיך פונאַנדערגעלאָפען ווילד און געשמיידיג אי איבער'ן וועג, אי איבער די פעלדער, פערנעהמענדיג דעם גאַנצען שטח, וויפיעל דאָס אויג האָט נאָר געקענט זעהן. און דערנאָך, אַז זיי איז געפעלען געוואָרען פערשוואונדען צו ווערען, איז געוואָרען מאָדנע פריהלינגדיג, פונקט ווי פאַר-אַ-יאָהרען און פאַר-צוויי-יאָהרען: זון און ריינער הימעל, און די שוואַרצע פייכטע אונבעקאַנטע ערד האָט געשוויגען און געוואַרט, פונקט ווי אַ גאַסט וואָלט בעדאַרפט צו איהר קומען.

און שוין האָט געלעבט די דאָרף-גאַס. יונגע פויערימליך, שקצים'ליך, מיט ווייסע האָהר, מיט דינע העלזעליך און ביינערדיגע פלייצעליך, האָבען גערוקט די באָרפעסע פיסליך אין די קאַלטע פייכטע ערד; פויערטעס מיט בריטע ערנסטע מאַנסבילשע פנים'ער, נאָר אָהן בערד און אָהן וואָנסען, האָבען צום טריקענען פונאַנדערגעהאַנגען אויף די קורצע שיטערע פּאַרקאַנעס גראָבע גרויע נאַסע העמדער, האָבען ווי היטלען אָנגעטהאָן אויף די פּאַרקאַן-שטעקענס גרויסע רויטע פּאָלירטע קריג,

און מיט נאַקעטע הענד, עטוואָס אָנגעבויגען צום עמער, גע־טראָגען וואַסער פון די ברונימס.

הינד, בהמות און חזירים האָבען געבלאָנקעט איבער'ן גאַס, און, ציהענדיג די העלזער צו דער ערד, האָבען זיי זי געשמעקט, עפּעס געזוכט אויף איהר, פאָלגענדיג מיט די בייכער. אָפטער איז איילענדיג דורכגעפאָהרען אַ פויער, נישט אויף אַ שליטען, נאָר אויף אַ וואָגען, וואָס איז איצט אויסגעקומען העלער ווי געוועהנליך. פון וואָגען זענען אַראָבגעהאַנגען דעם פויער'ס פיס, און די רעדער האָבען אַנגענעהם געסקריפּעט.

און אויף דער גאַנצער לענג פון גאַס, אויף די שטרויענע דעכליך און אויף די קליינע ברוגז'ע פענסטערליך, האָבען גע־פלאַטערט גאָלדענע גלעטענדע שטראַהלען, וואָס האָבען גע־שמעקט מיט פרישער ערד, מיט דאַך־שטרוי און מיט דעם האָלץ פון די הייזלעך. אַלע האָבען געזאָגט, אַז עס איז אַ פריהיגער און אַ שענער אָנהויב פון פריהלינג.

צו פסח איז געווען דריי טעג. און די מוהמע האָט נישט פערשטאַנען, פאַרוואָס איז ליסער פער'עקשנ'ט און וויל דורכ־אויס נאָר היינט פאָהרען אהיים. אַ גאַנצען פריהמאָרגען האָט זי איינגע'טענה'ט מיט איהם, האָט איהם געגעבען צו פער־שטעהן, אַז ער האָט נישט וואָס צו איילען, אַז פסח איז אַ גוטער און אַ ליעבער יום־טוב און אַז ענדליך מעג ער בלייבען צוליעב איהר, נישקשה, זי האָט עס פערדיענט. און אַז זי האָט געזעהן, אַז דאָס אַלץ העלפט נישט, האָט זי איהם פראָסט און בייז געזאָגט:

— דאָס איז שולדיג דיין טאַמאַרקע, וואָס איז נישט דיינע... נאָר זאָג מיר, איך בעט דיך, דערקלער מיר, וואָס איז דאָס פאַר אַ מיידעל און וואָס איז דאָס פאַר אַ מענש? מיינסט, איך האָב זי פיינט? אַ האָהר אויך נישט... נאָר איך בענעהם זי נישט און מיר געפעלט נישט איהר אויפפיהרונג... נו, איך פערשטעה אַמאָל, אַ ווייבעל, האָט נישט האָלט דעם מאַן אָדער ביי איהר איז אַ שלעכט לעבען מיט'ן מאַן, האָט זי עסקים מיט אַ פרעמדען מאַנסביל... נו, דאָס לעגט זיך

אויפ'ן זינען. ערשטענס, איז זי דאך א ווייבעל און, צווייטענס האט זי נישט האלט דעם מאן. אבער ווי קומט א מיידעל צו אזעלכע זאכען? ווי קומט א מיידעל, פרעג איך דיך? נישט דאס איז איהר חתן, נישט דאס איז איהר געליעבטער...

ליסער איז געשטאנען הינטער איהר פלייצע און האט געראוכערט. אויסהערענדיג די מוהמען, האט ער פון אנהויב געשמייכעלט און געמאכט צו חוזק איהרע רייד. נאר די לעצטע ווערטער איהרע האבען איהם פלוצלונג א שטאך געטהאן, און עס איז געוועזען עהנליך, ווי עמיצער וואלט איהם אונערווארטעט דערצעהלט א שלעכטע בשורה. און מיט אמאל איז איהם געווארען מאדנע און פערדראסיג, וואס ער האט זיך אזוי לייכטזיניג פריהער בעצויגען צו איהר געשפרעך און וואס ער האט איהם נישט ארונטערגעהאקט באלד אין אנהויב.

— מוהמע, —האט ער ארויסגעזאגט נערוועז און ערנסט, סטארענדיג זיך, אז דער טאן זאל דאך זיין א מעסיגער, — איך וואלט אייך בעטען, אז וועגען טאמארקען זאלט איהר מיר נישט דערמאהנען... נישט וויל דאס איז שרעקליך, נאר וויל דאס איז להלוטין איבעריג. טאקע אינגאנצען איבעריג,.. און גלאט האט טאמארטע קיין שייכות נישט צו מיין אוועקפאהר. איהר, ווי זעהר א גוטער פריינד מיינער, דארפט עס וויסען. און גאר.

נאר די מוהמען האט עס, אפנים, ווייניג איבערצייגט, מיט אנ'אויסדרוק פון א מוטער, וואס איז בייז געווארען אויף איהר עלטערעס קינד און וואס האט דאס רעכט צו פאדערן ביי איהם אנ'ענטפער וועגען דאס סאמע אינטימסטע, האט זי געפרובט ווייך איהם פרעגען:

—- נו, זאג מיר טאקע, פארוואס ווילסטו אוועקפאהרען? עפעס מוז דאך זיין... שוין-ז שע האב איך נישט פערדיענט ביי דיר, אז דו זאלסט מיר דערצעהלען? און גלאט אויף פסח אוועקפאהרען—דאס איז דאך עפעס א הרבה פאר מיר אליין...

ליסער האט געדריקט מיט די אקסלען. נאכדעם, ווי ער האט איהר שוין נעזאגט, איז איהם געווארען שווער אנצוהויבען פון דאס ניי א געשפרעך און אלץ וועגען דעמזעלביגען ענין. נאר

בדי צו מאכען א סוף, האט ער זי אנגענומען פאר'ן האנד און מיט געמאכטען ערנסט געזאגט:

— מוהמע, איך פאהר אוועק אהן א שום ספק, גלאט אזוי זיך... איהר זאלט אויף גארנישט פערקלערען, איך בעט אייך. עס איז נאך מעגליך, אז איך וועל זיך אראבחאפען צו אייך ארום שבועות און פערברענגען ביי אייך דעם זומער. איך וואלט קיינמאל נישט געגלויבט, אז איהר זאלט זיך צו מיר אזוי מארנע בעציהען...

דעם פעטער, ווי עס שיינט, האט עס נישט אויסגעמאכט. אז די מוהמע האט איהם אונטערגעוואונקען, ער זאל ליסער'ן צו־רעדען צו בלייבען, האט ער ארויסגעגעבען איהר ווינקען און האט דעם פלימעניק אנגעפאטשט אויפ'ן אקסעל.

— ווילסט פאהרען?—פאהר. וואס דארפסטו דא טענה'ן?

ביי־טאג איז שוין געשטאנען דעם פעטער'ס וואגען נעבען גאניק און געווארט אויף ליסער'ן. מען האט זיך נאר בעדארפט צוזעגענען. אין טומעל און אין איילעניש, ווי עס טרעפט ביים אוועקפאהרען, איז דאס זעגענען זיך אראב געשווינד. די מוהמע און דער פעטער האבען איהם בעגלייט איבער דער דארפס־גאס און ער האט זיך געזעצט אויפ'ן וואגען.

און ווידער האט גענומען לויפען די ערד אויף צוריק, דאס ליעבע שטיקעל ערד, וואס האט איהם אזוי פיעל אונרוהיגקייט און פרייד געגעבען. עס האט זיך געוואלט א קוק טהאן א הינטער. דארט, אין דער דארפס־גאס איז נאך געגאנגען דער פעטער מיט דער מוהמען פון בעגלייטען, דער פעטער — מיט זיין ברייטער פונאנדערגעווארפענער גאנג און די מוהמע מיט איהרע שטילע און פער'חלומ'טע טריט און נאך איהר פלייצע נאך איז געווען קענטיג, אז איהר איז אומעטיג. אוים דאס ליעבע זשילין, מיט די טעלעגראפען־סלופעס, מיט דעם שניי, מיט דעם וואלד, מיט דעם סטעזשקעלע, וואס איז געלאפען קיין זשערמאן. דאס אלץ האט געמאכט לעבען א מיידעל טאמארקע, א הויכע, א שלאנקע, א קאקעטירענדע, מיט א זעלטען שענעם פנים.

זיי, דער וואלד, דער שניי און דאס סטעזשקעלע האבען

געזונגען פון איהר, און עס איז געווען מאָדנע און אונפערשטענדליך, חאָטש נישט זעהר פערדראָסיג, וואָס דאָס ליעד האָט זיך אין מיטען איבערגעריסען, אָבגעהאַקט. אפשר איז דאָס גוט. אַזוי האָט זי געוואָלט. זי האָט געוואָלט ביז דער שנײ וועט אַראָב און האָט אויסגעפיהרט. נאָר געטהאָן האָט זי אַ ביסעל מיידעלדיג, מעלאָדראַמאַטיש. פלוצלונג איז זי אַוועקגעפאָהרען אין אַ שטעדטיל צו איהרען אַ נאָהענטען קרוב אויף פסח און פון דאָרטען האָט זי געשיקט אַ בריעף, אין וועלכען זי האָט זיך געזעגענט און געבעטען געדענקען, אָבער נישט אָנשטרענגען זיך. דאָס ווייַסע פאַפיר'ל מיט די שוואַרצע אותיות, וואָס זענען אַזוי אונערוואַרטעט געווען, האָבען קאַלט און בלייך געמאַכט די שפּיצען פינגער, וואָס האָבען עס געהאַלטען. למאי פלוצלונג אַוועקפאָהרען? למאי בריעף שרייַבען? למאי אַזוינע בקשות? נאָר אפשר איז זי פאָרט גערעכט?

אודאי איז זי גערעכט. אין הארצען האָט שוין געוואַקסען די זאַטקייַט פון בעהערשען, נאָך וואָס עס קומט די קאַלטקייַט. און צוזאַמען מיט'ן ווייַסען שנײ איז אויך פערשוואונדען געוואָרען טאַמאַרקע, ווי אַ ווייַסער חלום ערב אַ פריהלינג־נאַכט.

די זון האָט געגאָסען וואַרימעס גאָלד אויף די נאַקעטע, ערשט פון שנײ בעפרייַטע פעלדער, די ברייַטע פרייַע האָריזאָנטען האָבען געבלענדט פון ליכט, און עס האָט זיך געדאַכט, אַז דער גאַנצער הימעל איז איין שטיק זון. אין דער ריינער לופט האָבען צאַרט געפלינעלט אָקאָרשט געבאָהרענע שמעטערלינגען, און עס האָט זיך געדאַכט, אַז פון זײ געהט אויף אַ שטילע מעלאָדיע אין פעלר.

אויף די ברייַטע אונענדליכע פעלדער, וועלכע האָבען נאָך נישט געוואוסט, וואָס אויף זײ וועט הייַ־יאָהר בעשערט זייַן צו וואַקסען, האָט זיך דאָ און דאָרט געפינטעלט אַ גרופּע: אַ געבויגענער פּויער, אַ קליין געהאָרכזאַם פערדעל און אַ בלישטשענדיגער אַקער. דער אַקער האָט געמאַכט לאַנגע שוואַרצע פאַסען אויף דער ערד.

ליסער האָט זיך נאָכאַמאָל אומגעקוקט. עס האָבען זיך אַרויסגעזעהן זשילינער דעכליך, נאַקעטע בערגליך, שפּיצען פון

וואַלד, אַ בלייך שטיק וועג, אַלע צונויפגעוואָרפען איינאיינעם, און איבער זיי, עטוואָס העכער, קוים צו בעמערקען, האָט גע־פלאַמט דער צלם פון דעם זשערמאַנער קליישטעריל. די זון האָט עס אַלץ בעגאָסען מיט גאָלד, און, קוקענדיג לאַנג דערויף, האָט ליסער אין דמיון צוגעלעגט צו יעדען שטריך עפּעס פון טאַמאַר־קען. דעמאָלט האָבען זיי בעקומען לעבען און די גאַנצע טאַבאַר־קע האָט אַרויסגעקוקט פון זיי: פון בלייבען שטיק וועג, פון די שפּיצען בוימער, פון די דעכליך. די האָהר זענען פונאַנדערגע־לאָזט, דאָס פּנים איז אין בלויען נעבעל געהילט, נאָר מען קען נאָך זעהן אַ שמייכעל אויף די ליפּען און אין די אויגען, און זי נייגט זיך, ביז זי ווערט פערשוואונדען. אויף זייער אָרט וואַקסען אַ־ים ווינקלען פון נאַקעטע ערדען, אַ לאַנגער זייט פון וואַלד, קיילעכדיגע בערגליך, און זיי אַלע גיסען זיך צונויף מיט די ליכ־טיגע הימלען.

דעם פעטער׳ס פערד לויפט, דער קוטשער שמייסט עס נאָך אָפטער צו מיט׳ן בייטש, און עס איז קענטיג, אַז זיי ביידען נעהמט דורך דער גרויסער תענוג פון דער קלאָרער לופט און פון דעם זוניגען הימעל. אַ באָרפעסע שיקסע, אָנגעטהאָן אין אַ גע־לעכערטער קאַטאַנקע, טרייבט מיט אַ ריטעל אין האַנד אַ סטאַדע אַלטע גענז. די גענז געהען פאַמעליך, פאָכען מיט די עקען, האַלטען הויך די העלזער און פילדערן, און דאָס געפילדער צו־גיסט זיך ווייט אַרום, ווי אַ טייך, וואָס האָט זיך נאָר־וואָס בעפרייט פון אייז.

נאָר אָט איז שוין דאַלנאָוואָ. אין דאַלנאָוואָ איז דאָסזעלבע וואָס אין זשילין. אויף די פאַרקאַנעס העגנגען פאָלירטע קריג, טעפּ און נאַסע וועש, פויערטעס טראָגען וואַסער פון די ברונימס, שקצים׳ליך שפּיעלען זיך אַרום די הייזליך און פויערים שמייען מיט די אַקערס. האַסטיג איז מען דורכגעפאָהרען דאַלנאָוואָ. פון ווייטען ליגט אַ שמאָלער פאַס הימעל אויף דער ערד. אַז מען קוקט זיך גוט צו, הויבט אָן בלענדען אין אויג פון דער זון, וואָס יגלאַנט פון דאָרט אַרוים. דאָס איז דער טייך. עס דערזעהט זיך ר׳ שאיע׳ס שטיבעלע און באַלד—דער פאַראָם. ווי אין אַ פרעה־

ליבּער און אַ זוניגער מעשה'לע פּינקעלט דורך ר' שאַיע מיט די לאַנגע פּאות'ן, דאָס דורכגענעצטע האַלץ פון פּאַראָם און אין די אויגען הילכט אָב דאָס געוויש פון וואַסער, דאָס קלאַפּען פון'ם פערדים פּים און ר' שאַיע'ס ווייך-יודישער קול:

— פון קלמנ'ען, הא? וואָס מאַכט קלמן?

פון האַרצען האָט עמיצער געשעפּט דאָס שווערע און גע-נאָסען צוריק לייכטקייט, און ליסער'ן האָט זיך געדאַכט, אַז עס איז גוט, וואָס טאַמאַרקע איז געווען און איז איצט נישטאָ, עס איז גוט וואָס ער זעהט זי אין דמיון ערגעץ אין אַ קליינ-שטעדטיל און זי מוז איהם זעהן אין דמיון אַ פאָהרענדיגען; מען האָט זיך צושיידט און מען איז, געגען דעם אייגענעם ווילען, צוזאַמענגעבונדען מיט אונזעהבאַרע פעדים. ער איז דאָ, זי איז דאָרטען. נאָר טאַמאַרקע זעהט איהם אין דמיון און ער זעהט זי, און דאָס אַלץ איז איינגעוויקעלט אין זון און אין הימעל און אין געפריהלינגטער ערד.

איבער די פעלדער האָט זיך צוצויגען אַ פרעהליך לאַכענדיג פייפען פון אַ צוג, עס האָט זיך בעוויזען אַ לאַנגע קייט פון וויי-סען רויך, און איבער די גלאַנציגע שינעס, וואָס זענען געלאָפען פאַרביי וואַגען, האָט אַזוי ווי שפּיעלענדיג דורכגעטאַנצט אַ פּראַכט-צוג. די רויטע וואַגאָנעס האָבען ריטמיש געקלאַפּט און אונטער-געשפּרונגען, פּונקט ווי זיי וואָלטען זיך אַלע געהאַלטען פאַר די הענד.

מען איז צוגעפאָהרען צו דער סטאַנציע. דער וואָקזאַל, בעגאָסען מיט זון, האָט געפינקעלט מיט דעם רויטען האָלץ, פון די שינעס און פון די טעלעגראַפען-דראָטהען האָט אָבגע-שפּריצט דער אָבגלאַנץ פון דער זון און פון הימעל, עטליכע יודען, דאָרפישע קליינע סוחרים, האָבען געמאַכט מיט די הענד און געקראַצט זיך אין די געדיכטע בערד אַריין, און צוגעשפּאַרט צום וואַנד מיט אַ גרויסען אָנגעשטאָפּטען זאַק, איז געשטאַנען אַ פויער — קענטיג, דער איינציגער פאָהרער.

געבענדיג דעם קוטשער אויף בראַנפען און נעהמענדיג אַ בילעט, האָט ליסער, אַ פרעהליכער, אַרומגעשפּאַצירט איבער דער

פלאטפארמע. ער האט זיך געפיהלט לייכט און לייכטזיניג, עס האט זיך געוואלט טהאן נארישקייטען, און דער דאזיגער צושטאנד האט איהם וואונדערליך דערמאהנט די צייט, ווען ער איז אלט געווען פופצעהן יאהר און האט נאך קיין וואנסען נישט געהאט. אט שטעהט דער פויער מיט׳ן גרויסען זאק — מען קען צוגעהן צו איהם, א פאטש טהאן איהם איבער׳ן פלייצע, א טרייסעל טהאן איהם און געבען איהם קליינגעלד אויף שנאפס. אפשר איז ער א זשערמאנער? אפשר האט ער באמת א הייזעלע מיט קליינע פענסטערליך, וואס האבען געזעהן טאמארקען? עס איז אויך אינטערעסאנט דער שווארצער זשאנדארם. די שווארצע גראבע וואנסען זיינע דעקען איהם צו די אונטערשטע העלפט נאז, די אויגען זענען ביי איהם קליינע און די שווארצלען שווימען אום, ווי שווארצע שיפעליך אויף ווייסע וואסערליך. אפשר געבען איהם אויף שנאפס? די דריי יודען זענען שטארק פערנומען מיט האנדעל־מחשבות און דאך קענען זיי פאלשטענדיג ריידען איינע מיט די אנדערע.

נאר אט הויבט אן אוועקצוגעהן דער פראכט־צוג, די רויטע וואגאנעס רוקען זיך שווער אויף די רעדער, פונקט ווי זיי וואלטען אבגעקרעכצט. אין א רגע ארום הערט זיך א ריטמיש קלאפען און דער צוג ציהט זיך אוים ווי א שלאנג און פערקירעוועט אויף א זייטיגע ליניע. באלד נאך איהם לויפט אן א פערסאפעטער פאסאזשיר־צוג, וואס איז, קענטיג, אזוי פערטהאן אין לויפען, אז ער קען זיך קוים אבשטעלען ביי דער סטאנציע. פון דעם לאקאמאטיוו־קוימען שטייגט ארוים א געקרייזעלטער רויך, אין וועלכען עס שטעקען זיך אריין, ווי גאלדענע שפילקעס, די זון־שטראהלען. קעפ פון קינדער, פרויען און מאנסביל קוקען ארוים פון די פענסטערליך, ווי א געבונדענער בוקעט קוויטען. די קאנדוקטארען שפרינגען פון די טרעפעליך און די ווייסע קנעפ זייערע בלישטשען אנטקעגען דער זון.

ליסער איז אריין אין וואגאן. דארט איז געווען איינג. אונבעקאנטע מיידעלשע פנים׳ער האבען זיך געווארפען אין אויג, אין די ווינקלען האט מען געלאכט און הויך גערעדט, און עס איז

געוועזן אַנגערויכערט. ער האָט זיך דורכגעשטופּט צום פענסטער־ל און אַרויסגעקוקט אויף די פּלאַטפאָרמע.

ווי דעמאָלט, בעת ער איז געקומען אַהער, איז פון ער־ען אַרויסגעוואַקסען אַ בחור מיט אַ בייטש אין דער האַנד און האָט געשנאָרעט אויף דער פּלאַטפאָרמע. דער וואָקזאַל־סטרוזש האָט זיך אויסגעצויגען ביי דער גלאָק־שנור און האָט דריי מאָל אַ קלונג געטהאָן. עס האָט אַ פייף געגעבען דער לאָקאָמאָטיוו, דאָס וואָקזאַל־הויז האָט גענומען אַוועקשווימען און די טעלעגראַפען־דראָטהען מיט די ווייסע פּאָרצעלייענע טעפּעליך האָבען זיך אויפגעהויבען און אַראָבגעלאָזט, אויפגעהויבען און אַראָבגעלאָזט. אונגערן האָט זיך ליסער אַ נויג געטהאָן און האָט שטיל אַרויסגעזאָגט:

— אַדיע...

אין וואַגאָן איז געשטאַנען אַ געפּילדער, און עס האָט זיך געדאַכט, אַז אָט די אַלע פּאַהרער זענען אַיין געזינד. ליסער האָט זיך אומגעדרעהט צו אַ גראָבען יודען מיט אַ ישוב׳ניקסען פנים און געפרעגט:

— זענט אַזוי גוט, ר׳ יוד, איהר האַנדעלט מיט זשערמאָן?

דער יוד האָט אויסגעשטעלט אַפּאָר מידע רויטליכע אויגען, און באַלד האָט ליסער שוין גערעדט מיט עפּעס אַ מיידעל, וואָס איז געפאָהרען אויף יום־טוב אַ היים. דאָס מיידעל האָט געפיהרט אַ טאָך קעסטליך, וואָס האָבען זיך כסדר געגליטשט פון דער אויבערשטע פּאָליצע, וואו זיי זענען געלעגען. ליסער האָט זיין ווייליעוויז פערשטופּט ווייטער און דאָס מיידעל האָט נאָכאַנאַנד געדאַנקט:

— איהר זענט זעהר העפליך. איך דאַנק!

— בין איך ווירקליך העפליך? — האָט ליסער איהר געשמייכעלט, ווי גאָר אַ נאָהענטען בעקאַנטען.

רעכט אין אָווענד איז ער געקומען אין שטאָדט אַריין. אָפּגעוועהנט פון דער שטאָדט, איז איהם אונערוואַרטעט בעפאַלען איהר גערויש. אין דער לענג פון די גאַסען זענען געלאָפען בעלויכטענע און קלינגענדיגע טראַמוואַיען; איזוואָזשטשיקעס זענען מיט גערודער איינע נאָך די אַנדערע געפאָהרען פון וואָקזאַל מיט

פּאַסאַזשירען ; בעלויכטענע אַפּישען האָבען געשריען מיט די גרויסע אותיות ; אַ פערשידענאַרטיג פּובליקום , איינג צונויפגעדריקט , האָט זיך געשטויסען אויף די טראָטואַרען , און ליסער׳ן האָט אויף אַ ווײַלע זעהר טיעף עפּעס באַנג געטהאָן . ער האָט זיך אַרומגעקוקט , האָט זיך פּלוצלונג דערמאָהנט אָן סאָניען און מיט אַמאָל דערפיהלט די שטאָדט . באַלד האָט איהם וואָלעריג אָבגעשטעלט אַ געוועהנליכער בעקאַנטער .

און פון אויבען , פון שוואַרצען הימעל , וואָס איז אויפ׳ן פעלד געוועזען אַ בלויער , האָט שוואַך און ציטריג אַרויסגעבליצט אַ שורה׳לע שטערען , פונקט ווי זיי וואָלטען זיך איבערגעשראָקען פאַר די עלעקטרישע פייערן פון די פאַנאַרען .

אומעט.

אומעט.

איך בין דעמאלט קראנק געוועזן אויף יענעם שטילען און נאגענדען וועה, וואס איז אויסערליך גארנישט קענטיג און וואס קען נישט געהיילט ווערען פון א דאקטאר. דאס איז געוועזן אויף א קליין שלעפעריג סטאנציעלע, וואו דאס מזל האט מיך פערטראגען, צו זיין א לעהרער ביי א רייכען יונגען פאר-פאלק, וואס האט אינגאנצען געהאט איין יונגעלע. אונטער'ן פענסטער פון דעם הויז, וואו איך בין געוועזן לעהרער, איז געלעגען א וועלט מיט שניי, הינטער'ן הויפעל האט זיך ווידער געצויגען א וועלט מיט שניי, און איין קליין אויסגעטראטען שטעגעלע האט פעראייניגט די פינף הייזער, וואס זענען געשטאנען עלענד און צעווארפען אין דעם גרויסען, שטומען און ווייסען מדבר. איך מיין אבער, אז דאס דאזיגע גוטמוטהיגע און ליעבע שטעגעלע איז געוועזן לחלוטין איבעריג, ווארום אין אט די אלע פינף הייזער האט מען מעהר ווי א האלב שעה נישט געקענט זיצען—אזוי לאנגווייליג און נודנע איז דארט געוועזן. מיין בעל-הבית'טע איז אפילו געוועזן א שענע פרוי, מיט געדיכטע גאלד-בלאנדע האאר, מיט לעבענס-לוסטיגע אויגען, מיט א גוטען שמייכעל און מיט שענע צייהן. זי האט אבער ליעב געהאט איהר מאן, און האט נאך קיין איין מאל נישט בעמערקט, אדער זי האט יא בעמערקט, נאר בלויז פריינדליך, ווי א שוועסטער, אז איהר לעהרער איז יונג און איינזאם, אז איהם איז לאנגווייליג, אז ער ווערט בלייך אין איהר געזעלשאפט און סטארעט זיך צו האלטען די הענד אזוי, אז די שפיצען פינגער זיינע זאלען מערקליך נישט ציטערן. זי האט מעהר נישט בעדארפט אלט זיין ווי א יאהר זעקס-און-צוואנציג, און אפנים,

אַז אין דער הינזיכט פון שענקייט איז דאָס געווען איהר סאַמע בליהענדע צייט.

איינמאָל איז דער מאַן איהרער אַוועקגעפאָהרען אויף אַ גאַנצע וואָך. אין שטוב האָבען זיך מעהר נישט געפונען, ווי איך און זי, מיין תלמיד דאָרקע, וועמען איך האָב, דרך אגב געזאָגט, אמת ליעב געהאַט, און, פערשטעהט זיך, די דיענסט. איך בין אויפגעשטאַנען פריה, ווען מען האָט נאָך געקענט זעהן די לעצטע אָבגאַנג-טריט פון דער נאַכט, און האָב זיך גענומען וואַשען מיט אַ בעזונדער חשק. דריי מאָל האָב איך זיך געזייפט דאָס פנים מיט גוטען זייף און האָב געהאַט אַ געפיהל, ווי איך וואָלט זיך געגרייט צו עפּעס זעהר וויכטיגעס. דערנאָך האָב איך געמאַכט אַ לאַנגען שפּאַציר, בין צוגעגאַנגען צום וואַלד און געגאַנגען צוריק כמעט מיט אָבגעפריירטע אויערען, און אַז איך האָב זיך געזעצט טרינקען טהיי, בין איך געווען פול ערוואַרטונג, ווי פאַר אַ געווינס. אַזוי האָב איך מיך געפיהלט, בעת איך האָב שפּעטער געלערנט מיט דאָרקע׳ן און בעת איך בין דערנאָך אַליין געזעסען ביי זיך אין צימער און געלעזען אַ בוך. מיר איז זיך נישט איינגעזעסען און איך בין געווען אויפגערעגט. פאַרנאַכט בין איך אַריין צו איהר אין צימער. זי איז געזעסען איבער אַ צייטונג, מיט אַ טוך אויף די אַקסלען, מיט האַלב-פונאַנדערגעפאַלענע האָהר, פון וועלכע עס האָבען געהאַלטען ביים אַרויסשפּרינגען איהרע אַש-קאָלירטע קעמעלעך, און די בלוזקע איהרע, אַ פרייע, פון טערקישער מאַטעריע, איז נישט געווען אַקוראַט פערשפּיליעט. איך האָב מיך אַנידערגעזעצט אַנטקעגען איהר אויף אַ שטוהל און האָב געפיהלט, ווי עס וועהעט אויף מיר די וואַרימקייט פון איהר לייב. אין די פענסטער איז געשטאַנען דער ווינטערדיגער פאַרנאַכט, אַ חמאַרנער און אַנ׳איינזאַמער, און ער האָט זיך אונגעהויער געפּאַסט צו מיינע געדאַנקען. איך האָב פערוואָרפען אַ פוס אויף אַ פוס און געזאָגט:

— צו וואָס לייענט איהר איצט, מאַניע. ס׳איז שוין פינסטער . . .

אפנים, אַז מיין קול האָט געציטערט און אַז אָט דאָס ציטערניש האָט זיך אויך איהר איבערגעגעבען. זי איז בלייך געוואָ-

רעֶן, האָט אויפגעהויבען אויף מיר די אויגען און נישט געראָטען אַ שמייכעל געטהאָן. זי האָט זיך אָבער באַלד פערריכט, און, ארויסציהענדיג אַ האַנד פון אונטער'ן טוך, האָט זי געקלאפּט מיט די בלייכע לאַנגע פינגער איבער'ן טיש און געזאָגט:

— איהר מיינט, עס שאַדט צו די אויגען?

און זי האָט איבערגעקעהרט די צייטונג אויף דער אַנדער זייט.

איצט האָב איך דייטליך געפיהלט, אַז די פרוי איז גלייכגילטיג צו מיר. דאָס האָב איך געזעהן אָן איהרע אויגען, אָן איהר אָטעם און אָן איהר רוהיגען גוטען שמייכעל. נאָר מיר איז געווען אַלץ־איינס. אין אַ מינוט אַרום האָב איך מיך דערפיהלט ווי אַ פיראַט, וואָס האָט זיך אָנגעשטויסען אין'ם שטורמישען ברויזענדען ים אויף אַ קליין לאָדקעלע, אין וועלכען עס איז געזעסען אַ שענע און אַ הילפלאָזע פרוי. ביי מיר אין די הענד זענען געלעגען אַלע מעגליכקייטען, און גאַנץ רוהיג האָב איך געטראַכט פון די גרעסטע זינד, וואָס קענען דאָ, איצט, דורך מיר, פערווירקליכט ווערען — אפילו ביז אַ מעסער, ביז דער־הרג'ענען, ביז די שטוב אונטערצינדען. איך האָב אויף טשיקאַווע מיר פאָרגעשטעלט די סאַמע שרעקליכסטע פון זיי און האָב פערוויכערט אַ פּאַפּיראָס. דעם רויך האָב איך ארויסגעבלאָזען מיט אַ בעזונדער רוגזה, ווי אַ גזלן, וואָס געהט אָבטהאָן זיין בלוטיג שטיקעל ארבייט און אין די ווינקלען פון צימער האָב איך געזוכט אַזאַ זאַך, וואָס זאָל מיר קענען טויגען, ווי אַ האַק, למשל. נאָר זי האָט געלעזען און איך האָב מיך אויפגעשטעלט. די פערקלערטע פאַרנאַכט־לופט איז געדיכטער געוואָרען, און אַז מען האָט געקוקט אין דרויסען, האָט זיך געדאַכט, אַז ערד און הימעל האָבען זיך צונויפגעגאָסען. די שויבען פון די פענסטער זענען בלוי געוואָרען — באַלד שפּרייט זיך אויס די לאַנגע ווינטער־נאַכט. די פינף הייזליך וועלען מיט ליכטיגע פענסטער אַראָבנידערן אין אַ שוואַרצען שטומען תהום, די צייט וועט זיך איינגאַנצען אָבשטעלען, און אַז מען וועט אָבטהאָן ווער ווייסט וואָס פאַר אַנ'אַרבייט, און אַז מען וועט איבערלייענען דאָס דיקסטע בוך,

וועט ערשט זיין זעקס א זייגער. איך האב געמאכט א פאר טריט איבער'ן צימער און בין צוגעגאנגען צו מאניע'ן.

— מאניע — האב איך זי אנגענומען פאר'ן האנד, אריינפאלענדיג פלוצלונג אין א ווייכען טאן: מיין טאן, — מיר איז לאנגווייליג, שרעקליך, שרעקליך לאנגווייליג. איך בין ביי אייך אין שטוב און איך האב אייך ליעב... איהר ווייסט? אבער שטארק, מאניע...

עמיץ, פונקט ווי דער טריבער פארנאכט וואלט עס געוועזן, האט מיך א בויג געטהאן, איך בין צוגעפאלען צו איהר ברוסט, האב זי ארומגענומען און געקושט אויף דעם אפענעם, ווייכען און ווארימען האלז, אין די ליפען, אין די אויגען, אין די האהר, און, אונבעמערקט פאר מיר אליין, זענען מיר ארויסגעפאלען א פאר טרעהרען. אפנים, אז אט די טרעהרען, וועלכע איך האב גארנישט געפיהלט, האבען אויף איהר געהאט מעהר ווירקונג, איידער מיין ליעבע. זי האט מיך ארויפגעזעצט אויפ'ן שוים, און, גלעטענדיג מיך איבער די באקען און די האהר, האט זי מיט א ווייכער אנגענעהמער נערוועזיטעט און שוועסטערליכקייט גערעדט:

— בערוהיג זיך, מיין יונגעל... קינד מיינס, שא, שא, בערוהיג זיך... קינד מיינס...

זי איז געוועזן א פרוי פון הויכער וואוקס און פון גרויסער מאס, און מיר איז איינגאנצען צוואנציג יאהר געוועזן. זיצענדיג ביי איהר אויפ'ן שוים, האט ווירקליך געקענט זיין עהנליך דערויף. נאר מיר איז אונגעהויער גוט געוועזן פון איהר שעפטשענדיגען קול, פון איהרע לאסקעס, א גרויסע ווארימקייט האט אויף מיר געוועהט פון איהרע הענד, פון איהר לייב, און מעהר האב איך גארנישט בעגעהרט. איך האב צוגעמאכט די אויגען און געלעגען אויף איהר שוים. עס זענען מיר אוועקגעשוואומען די ווענד, די פאדלאגע, דער טיש. אליין בין איך אויך אוועקגעשוואומען און אנשטאט מיר איז נאר געבליבען דאס הארץ מיינס, וואס האט הויך געקלאפט און וואס איז פול געוועזן מיט וואונדערליכען תענוג. איך געדענק נישט ווען און ווי אזוי האב איך דערזעהן דעם אנגעצונדענעם לאמפ, דאס עס־צימער, מיין

תלמיד און די דינסט. איך האָב געטרונקען זיסען טהיי און נעבען מיר איז געלעגען ברויט מיט פּוטער. אונטער'ן פענסטער האָט זיך דער ווינד געראַנגעלט מיט די לאָדען, עס האָט זיך געהערט, ווי ער שפּרינגט אָב פון זיי און פאַלט תיכף צו מיט אַ בייזען ליאַרם. און דערנאָך האָט מיר די בעל-הבית'טע אַ וואונק געטהאָן מיט'ן פינגער, און אַז איך בין צוגעגאַנגען, האָט זי מיר שטיל און עטוואָס שטרענג געזאָגט:

— מעהר זאָל זיך דאָס ביי אייך נישט איבער'חזר'ן... דאָס טאָר זיך ביי אייך נישט טרעפען..., בשום אופן נישט!

און באַלד גאָר שטיל:

— דערצעהלט קיינעם נישט ... קיינעם נישט. געדענקט-זשע.

אודאי האָב איך איהר צוגעזאָגט. נאָר איך האָב דערפיהלט, ווי עמיצער וואָלט בלאָס געמאַכט מיין בלוט און וואָלט מיך וואַכעדיג געמאַכט. פאַרוואָס זאָל זיך דאָס נישט איבער'חזר'ן? און פאַרוואָס עפּעס טאָר זיך עס ביי מיר נישט טרעפען? ווער האָט עס אַזוי גוזר געווען איבער מיר? און נאָכאַמאָל: פאַרוואָס טאָר זיך עס עפּעס ביי מיר נישט טרעפען? איך בין אַרויס אין דרויסען און האָב מיך געשטעלט אין ווינד: ער האָט מיר אָבגעקיהלט דעם שטערן און בעשאָטען מיט שיטערן שטעכיגען שניי.

דערנאָך זענען אַוועק דיזעלבע גרויע טעג, וואָס פריהער. עס איז געקומען דער מאַן, איז אָבגעווען עטליכע וואָכען אין דער-היים און איז ווידער אַוועקגעפאָהרען. איך האָב געזעהן, אַז זי האָט ליעב דעם מאַן. אין די בעציהונגען צווישען ביר מיט איהר איז קיין נייעס נישט אַריינגעטראָטען. זי איז געווען בעל-הבית'טע און איך לעהרער, נאָר דאָך איז געווען אַ ווייכקייט, עפּעס שוועסטערליכעס אין איהר קוק צו מיר, אין איהר שמייכעל, וואָס מיך האָט אייגענטליך גאָרנישט געוואַרימט. עס קען זיין, אַז איך האָב זיך בעדאַרפט פאַר איהר שעמען, מחמת יענעם פאַרנאַכט. נאָר דאָס איז נישט געווען. איך האָב זיך נישט געשעמט, און יענע זיסע מינוטען זענען מיר צורונען אין זכרון, און ביי-נאַכט, אַז איך האָב זיך געלעגט שלאָפען און געטראַכט

פון יענעם פארנאכט, האט זיך מיר דאס הארץ נישט אנגעצונ־דען מיט פרייד, און מיר איז געווען אומעטיג און נודנע. פון לאנגווייליגקייט האב איך זיך אויסגעלערנט צו קוקען לאנג אויפ'ן הימעל און אויפ'ן שניי און איך בין באלד פראקטיש געווארען, ווי א טויער. איך האב געוואוסט, אז אויב די גרויקייט פון האָ־ריזאנט איז צוצויגען, וועט ארויספאלען א נאסער שניי; און אויב דער עק הימעל, וואס אין מעריב, ווערט דונקעל און בלייאיג — וועט זיין א גרויסער פראסט. איך בין געשטאנען ביים פענסטער און האב נאכגעקוקט די קראהען, די שפיצען בוימער פון ווייטען וואלד, די טריבע האריזאנטען, דעם שניי. קראהען, האב איך בעמערקט, פליהען אפטער זאלבענאנד, נאר, פליהענדיג, פער־לירען זיי זיך. דעמאלט שטעלט זיך איינע צו, קעהרט דעם שנא־בעל אין אלע זייטען, זוכט מיט די שווארצע אויגען די צווייטע און רופט זי לאנג. און אז עס קומט די צווייטע, לויפען זיי ווידער צוזאמען און פערלירען זיך ווידער.

— שווער איינצוהאלטען א יונגען לעהרער אין א העק...— האט מיר איינמאל א זאג געטהאן די בעל־הבית'טע, — אז איך זעה אייך ביים פענסטער, דאכט זיך מיר, אז איהר שטעהט אין א שטייג...

און איך האב איהר אין געדאנק געענטפערט, אז א ביסעל איז זי שולדיג דערין. איך בין יונג און איינזאם, זי איז שען און ליעב, געהט זי ארום איבער'ן שטוב, ווי א בעל־הבית'טע, היט דאס קינד, פאסט אויף די מיטאגען און האט ליעב דעם מאן. און איך בעדארף לערנען דאס דאזיגע קינד, קוקען אויפ'ן שניי און לייענען ביכער. נאר דאס איז נישט מעהר געווען ווי א פאזע אין געדאנק, ווארום איך האב זיך אייגענטליך שטאלץ מיאש גע־ווען פון איהר און האב אפט געטראכט, אז ווען איך זעה זי אין א גרויסע שטאדט, וואלט איך זי מסתמא נישט בעמערקט. א שענע פרוי איז זי. אין די גרויסע שטעדט זענען אבער פארהאן שענערע פון איהר, קלוגערע, מילדערע און אינטעליגענטערע. אין די גרויסע שטעדט איז פארהאן אויך יענס ווענען, דאס מא־טעווע מיידעל, וואס איז פערשלייערט אין א צארטען בלויען נעבעל

און האט טיעפע דונקעלע אויגען מיט לאנגע זיידענע ברעמען, וואס איז מיר נאך אונבעקאנט, נאר וואס קומט מיר צו-חלומון און אויפ'ן וואהר, איינגעוויקעלט אין בלויען נעבעל, א ווייטע און א געהיימע, א פערבארגענע און אנ'אונשולדיגע, און בעשיט מיין חלום און מיין וואהר מיט ליכטיגע פעריל. יענם ווייזען, וואס האט זיך געהיים און שטיל אויסגעוויקעלט אין מיין דמיון צו מיין דרייצעהנטען יאהר און געהט מיר פון יענער צייט נאך און היט מיך, און וואס זי איז מיר שטענדיג מוחל, ווען איך פערראט זי אויף א לעבעדיגע פרוי, וואס קען לאכען, קאקעטירען און נאַרען. זי ווייס, אז איך טהו עס פון אומעט אדער פון בענקשאפט נאך איהר.

איך האב אנגעהויבען געהן צום וואקזאלעכיל, א קליינס, א רויט'ס און א שלעפעריג'ס. א מעת-לעת זענען דורכגעגאנגען אלט פאסאזשיר-צוגען, און פיער פון זיי האב איך געקענט זעהן. און אט די פיער צוגען האבען ביי מיר אראבגענומען פון פלייציג פיער שווערע שעה'ן. א שעה אויף א צוג. פון אנהויב איז געווען נישט לאנגווייליג צו ווארטען אויף דעם קליינעם וואקזאלעכיל און דערווארטען זיך אויף א צוג, וואס האט מיט גרויס גאוה און ליארם, ווי א רייכער פעטער, געשענקט דעם שלעפעריגען סטאנציעלע א פאר קאַליגע מינוטען. איך פלעג קוקען אין די וואגאָן-פענסטערליך און בעטראכטען דעם גרויסען פערשידענארטיגען עולם, פון וועלכען עס האבען זיך נאר ארויסגעזעהן די קעפ. קעפ פון מאנסביל, קעפ פון פרויען, אלטע און יונגע, קינדער. אפטמאל בין איך געווען זיכער, אז אט, באלד, וועל איך דערזעהן יענם מיידעל מיט די זיידענע ברעמען, אין נעבעל פערהילט, א מינוט-נאר, א רגע-נאר, און זי וועט מיר א שמייכעל טהאן, און דער שמייכעל וועט מיך אויסלערנען ווי אזוי זי צו געפינען. און טיילמאל האב איך זי געזעהן. זי האט ארויסגעקוקט פון גאנצען פענסטעריל, ווי אנ'איידעלער פארטרעט פון א בעשיידענער ראם, מיין אויג האט זיך איינגעוועבט אין איהרען און דער צוג האט זי אכזריות'דיג אוועגעטראגען. וואוהין איז זי געפאהרען? האט זי געשמייכעלט? נאר שען זענען געווען די צוגען ביינאכט: די ליכטיגע

פענסטערליך מיט די בעשאָטענטע פנים'ער, און דער רויך פון לאָקאָמאָטיוו, א געמישטער מיט פונקען, וואָס האָט געמאַכט דעם איינדרוק פון א ווייסען וואָלקען, אין וועלכען עס שטעקען גאָלדעשפּיזעליך. דער גאַנצער צוג איז אונגעהויער נערוועאיש, עס קאָכט אין איהם דאָס בלוט, ווי ביי טויזענד יונגע פערד, וואָס דאַרפען איבערשפּרינגען א גרוב, און אָט גיט א טאַנצענדיגען פייף דער קאָנדוקטאָר, און דער לאָקאָמאָטיוו גיט זיך אונגעדולדיג א ציה פון אָרט, פונקט ווי זיין הארץ וואָלט געווען אָנגעזאַפּט מיט א ים פון פרייד, וואָס עמיצער האָט געוואָלט ביי איהם אויסהאַפּען. און מיר איז אויך פרעהליך, און א פרעהליכער רייד איך צום שכור'ען נאַטשאַלניק פון דער סטאַנציע און מיר פערדרויכען בערדע. עס רייסט אונז דער פעלד-ווינד די היטלען פון קאָפּ, פונקען שפּרינגען פון אונזערע ברענענדיגע פּאַפּיראָסען, וואָס מיר האַלטען אין מויל, און מיר איז פרעהליך. אויפ'ן וואָקזאַל האָב איך זיך בעקענט מיט דער גאַנצער דינערשאַפט: פון דעם שכור'ען נאַטשאַלניק ביז דעם נאַרישען און אומגעלומפּערטען טעלעגראַפיסט. צו דעם שכור'ען נאַטשאַלניק בין איך געוואָרען אַנ'אריינגעהער. ער האָט געהאַט א טאָכטער, א יונג מיידעל, א מאוס'ע, מיט א שמאָל געזיכט און מיט א לאַנגער נאָז. זי האָט גאָרנישט שלעכט געשפּיעלט ראָיאַל און אין קאָרטען. נאָך עטליכע קאָנען אין קאָרטען האָט זי מיר אויפגעשפּיעלט עפּעס פון שאָפּען'ען און ליסט'ן. שאָפּען'ס שטיק איז געווען א לירישע און אַנ'איינגעהאַלטען-טרויעריגע, פונקט ווי עמיצער וואָלט געוואָלט הויך א זיפץ טהאָן אין א רייכען דונקעל-בעלויכטענעם זאַל און וואָלט זיך שעמען. איך האָב זיך געזעצט אין א ווינקעל, האָט אראָבגעלאָזט דעם קאָפּ, ווי א פער'משפּט'ער, און, אריינדרינגענדיג אין די צאַרטע לירישע קלאַנגען, האָט מיר באַנג געטהאָן מיין יוגענד, מיין איינזאַמקייט און די טעג מיינע, וואָס געהען אוועק אין גאָרנישט. ליסט איז געווען, פערקעהרט, א קאָכיגער, א שטורמישער, ווי א געוויטער, און איהם האָט זי געשפּיעלט אויף צולעצט. און עס איז טאַקע פרעהליכער געוואָרען. אויפשטעהענדיג פון ראָיאַל, האָט זי פאַר מיר קיין אנדער כיבוד נישט געהאַט, אויסער א גלע-

זעל בראַנפּען. נאָר דעריף האָט זי, אַפּנים, רעכט געהאַט, וואָרום איהר טאַטע איז געווען אַ שכור, און די מאַמע איהרע, וואָס האָט אַליין נישט פיינט געהאַט דעם ביטערן טראָפּען, איז אַנטלאָפען פון דער־היים מיט עפּעס אַ גרויסען שכור, אַ טשינאָווניק. און אין שטוב איז ביי זיי געווען אַ תּהו־ובהו. אויף דער ערד האָבען זיך געוואַלגערט וואַנד־בילדער און די בעטען זענען נישט געווען צוגעבעט. נאָר דאָך איז זי געווען אַ וואויל מיידעל, אפשר זעהר אַ וואוילע, און זי האָט מיט'ן גאַנצען הארצען נישט געקענט פערשטעהן, ווי אַזוי זאָג איך זיך דאָס אָב פון אַ גלעזעל בראַנפּען.

— טרינקט!—האָט זי זיך בייז אויפגעשטעלט פאַר מיר— איך הייס! איך בעפעהל! אַניט, געהט נישט אַהער.

עטליכע מאָל האָב איך אויסגעטרונקען. דערנאָך זענען מיר געוואָרען גרויסע פריינד, און, דאַכט זיך, אַז איבער מיין פער־זאָן איז אָבגעשטויסען געוואָרען דער נארישער און אומגעלום פערטער טעלעגראַפיסט, וואָס איז, קענטיג, געווען איהרער אַ גרויסער מקורב. מיט דער צייט האָב איך אַרויסגעזעהן, אַז דאָס מיידעל איז זעהר אַ בעגאַבטע. זי איז געווען אויסערגעוועהנליך ריהרעוודיג און בעוועגליך, ווי אַ קאַץ, און די הויט פון איהר פּנים איז איהר געווען אַזוי געהאַרטזאַם און פלייסיג, אַז זי האָט געקענט נאָכקרימען יעדען בעקאַנטען, נאָכמאַכען אַלטעטשקע ביי־זע, אַלטעטשקע גוטע, שמייכלענדיגע קינדער, געוויין, געלעכ־טער און שרעק. און איהר פּנים איז מיר שוין נישט אויסגעקו־מען אַזוי העסליך. פערקעהרט, איך האָב אויסגעפונען אין איהם זעהר סימפּאַטישע שטריכען, אמת'ן חן, וואָס קען און מוז צו־ציהען. גערופען האָט מען זי נאַטאַשע, און איינמאָל האָב איך איהר געזאָגט:

— אַ שאָד, נאַטאַשע. פאָהר אוועק ערגעץ אין אַ גרוי־סער שטאָדט און קום־אָן אויפ'ן סצענע. וואָס זיצטו אין אַ העק? דאָס טעאַטער־לעבען איז, נאַטאַשע, אַ פרעהליך לעבען... נעהם און פאָהר אוועק.

נאַטאַשע האָט אָבער נאָר געוואַרט דעריף. זי האָט אַ שפּרונג

געטהאן אין דער-הויך און האט מיר צעוואָרפען מיינע פערקעמטע האָהר. דערנאָך האט זי מיך אָנגעחאפּט ביים האנד און געצוואונ-גען מיך צו טאנצען, און אז מיר זענען ביידע מיד געוואָרען, האט זי מיך אנידערגעזעצט געבען זיך אויפ'ן קושעטקטע, און ארויסשלעפענדיג דעם שניפּס פון דער זשילעט, האט זי קאמיש צוגעשאָקעלט מיט'ן קאפּ און געזאָגט:

— וואָס דארף איך די סצענע? אויף וואָסערע צרות דארף איך זי? זשיראק...

דאָס לעצטע וואָרט האט זי ארויסגעזאָגט מאָרנע חנ'עוודיג. דערפאר האט זי מיר באלד געשפּיעלט שאָפּענ'ס א סאָנאטא, און די תהו-ובהו'דיגע שטוב, וואו דער טאטע מיט דער מאמע'ן האָ-בען געטרונקען בראָנפען, איז אָנגעפילט געוואָרען מיט איידעלע, צאַרטע און לירישע קלאנגען. איך בין געזעסען ביי איהר פון פלייצע און האָב אין די דאָזיגע קלאנגען געפיהלט א זומערדיגען פארנאכט, עס שטארבען די לעצטע רויטע שטראהלען אויף די שפּיצען פון שלאנקע סאָסנעס, און דערביי שטעהט א הייזעלע, זאָל עס זיין געמאָלט אויף בלוי, מיט אָנ'אָפענעם פענ-סטער, און פון דאָרטען קוקט ארויס אויף דעם נוסס'דיגען פור-פור א מעלאנחאָליש און בלאס פרויען-פנים. עטוואס אָפען איז דער האלז, א נאַיִאווער און א ווייסער, דונקעלע לאָקען שלענגלען זיך צעוואָרפען ארום שטערן, די דונקעל-בלויע אויגען זענען ברייט פונאנדערגעעפענט און דער לעצטער פורפור ריהרט ציטריג אָן איהר זיידענע ברעם. און לאנג איז מיר נאָכדעם געשטאנען דאָס געזיכט פאר די אויגען. איך ווייס נישט, מיט וואָס עס וואָלט זיך געענדיגט מיין בעקאנטשאפט מיט נאטאשע'ן, ווען נישט א צופאל, צוליעב וועלכען איך בין שוין כמעט נישט געגאנגען מעהר אהער און האָב אינגאנצען פערגעסען אָן מיין בעל-הבית'טע.

דאָס איז געוועזען אין א פשוט'ען ווינטערדיגען פארנאכט, ווען איך בין, ווי אלעמאָל, געקומען אויפ'ן סטאנציע. עס איז אָנגע-נאנגען א לאנגער פאסאזשיר-צוג און איז באלד אוועקגעגאנגען. איך האָב אריינגעקוקט אין אלע פענסטערליך, פרעהליכע, ליכ-

טינגע, און, לויט געוועהנהייט, האב איך, קוקענדיג אין די פענס־טערליך, מיט'ן אינסטינקט אין דער־שטיל גערופען:

— קומט עמיץ אראב צו מיר! געפינט זיך דען נישט אין אט די אלע וואגאנעס איין יונגע שענע פרוי?

מיין רופען האט, פערשטעהט זיך, קיין ממשות נישט גע־האט, און א דורכגענומענער פון קעלט, בין איך אריין אין וואק־זאל. דאס ערשטע מאל פאר די גאנצע צייט האב איך דארט איצט געטראפען א פאסאזשיר, און נאך א מיידעל דערצו. נאר צו וועמען אייגענטליך האט זי געקענט קומען? אבער שוין ווי איך בין געשטאנען נאהענט צו איהר, האב איך דערפיהלט מיט'ן הארצען, מיט'ן אינסטינקט, מיט'ן געדאנק און מיט מיין גאנצען בלוט, אז חלום ווערט וואהר אדער אז וואהר ווערט חלום, אז דאס איז יענם מיידעל־געשטאלט, וואס האט בעשאטען מיינע חלומות מיט ליכטיגע פעריל, וואס האט זיך געוויגט פאר מיי־נע אויגען אין א דונקעל־בלויען־נעבעל, וואס האט שטענדיג גע־האלטען אויף דער־וואך מיינע נערווען, און אז איצט שטעהט זי פאר מיר רעאל, ווי דער נאטשאלניק מיט דער רויטער נאז אדער ווי דער וואקזאל־שומר. און איך האב געמוזט אויסזעהן שרעקליך. אבער אויך איהרע אויגען האבען אויסגעדריקט ערשטיינונג, אויך זי האט אויסגעזעהן ווייט נישט רוהיג, פונקט ווי פאר איהר וואלט פלוצלונג ענטפלעקט געווארען א וואונדערליכער חלום. איך גע־דענק נישט אקוראט, וויפיעל צייט עס איז אוועק ביז מיר האבען אנגעהויבען רעדען. די צייט האב איך נישט געפיהלט, ווי איך האב נישט געפיהלט, אז איך אטעם. איך האב גאר געזעהן, אז דאס איז זי, און נישט בלויז מיט די אויגען — מיט'ן גאנצען בלוט: אזוינע האהר, אזוינע אויגען, אזא וואוקס, אזוינע ליפען, באקען, אזא שטערן, אפילו די קליידער דיזעלבע.

און באלד האב איך געוואוסט, ווי אזוי זי איז געקומען אהער. דאס איז געוועזען א צופאל. בעדארפט האט זי גאר פאה־רען ווייטער, נאר אויף דער סטאנציע, וואו דער צוג שטעהט אזוי ווענינ, האט זיך איהר גראד פערגלוסט צו געבען א טעלע־גראמע. ביים טעלעגראפיסט איז ארוים ביי איהר א סכסוך, און

דערווייל איז אָפּגעגאַנגען דער צוג צוזאַמען מיט אירע זאַכען. איך האָב געטהאָן, וואָס מען טהוט אין אַזוינע פעלען, און מיר האָבען באַלד פערגעסען אָן זיי. דאַכט זיך, אַז מיין גוטער און שכור'ער נאַטשאַלניק האָט טעלעגראַפירט פון מיינטוועגען, אַז די זאַכען זאָלען פערהאַלטען ווערען ביי דער נאָהענטער סטאַנציע. נאָר יעדע רגע האָט מיך אַנגעשטרענגט ביז וועהטאָג, איך האָב איהר געקוקט אין פנים אריין מיט אַ געוואַלדיגער איילעניש, ווי מען קוקט אריין אין אַ טייערן בילד, וואָס איז אַמאָל פערלאָרען געגאַנגען און איז דערנאָך פלוצלונג געפונען געוואָרען. און איך האָב געלעזען אויף איהר פנים: ער, צי נישט ער? זי איז געוועזען יענע, וואָס האָט געהאַלטען אויף דער וואָך מיינע נערווען, און איך האָב געמוזט זיין יענער, וועלכען זי האָט געזעהן אין חלום. און, שטעהענדיג געגענאיבער, האָבען מיר איינע ביי די אַנדערע געלעזען דאָס פנים, טיעף, שטיל און לאַנג. דערנאָך האָט זי מיר אָנגענומען ביים האַנד און האָט נאָר איין שמייכעל געטהאָן:

— דאָס איז ער!

און ביי מיר אין האַרצען האָט זיך פיבעריש אָבגערופען:

— דאָס איז זי! דאָס איז זי! דאָס איז זי!

אויפ'ן וואָקזאַל איז געוועזען קאַלט און נישט-היימליך, אופ'ן צוג, מיט וועלכען זי וואָלט געקענט אָבפאָהרען, האָט מען בעדאַרפט וואַרטען גאַנצע פינף שעה, און איך האָב זי אַוועקגעפיהרט צו מיר. געהענדיג, האָב איך געקוקט אויף איהר טראָט, דעם רויף, ווי אַזוי זי שטעלט דעם פוס, ווי אַזוי זי האַלט די הענד, דעם קאָפּ, ווי אַזוי עס זעהען זיך ארויס די האָהר אונטערן הוט — און דאָס אַלץ איז מיר אויסגעקומען העכסט בעקאַנט און אונבעקאַנט, זעהר נאָהענט און עפּעס ווייט, ווי אַ פריהלינג-פאַרנאַכט, ווי אַ יוגענד-מעלאָדיע, וואָס דערמאָהנט אָן עפּעס זעהר נאָהענטעס און מען קען נישט געדענקען וואָס און וואו. און אַז איך בין געקומען מיט איהר אַ היים, האָט אפילו די בעל-הבית'טע געהאַט אַזאַ איינדרוק, ווי איך וואָלט געבראַכט אין שטוב אריין זעהר אַ נאָהענטען פריינד מיינעם, און זי האָט זיך זאָגאַר געפיהלט בעליידיגען, פאַרוואָס איך האָב פערבאָרגען, אַז איך געה

בעגעגענען אזא ווילטיגען גאסט. נאר די גרעסטע אנשטרענגונג מיינע איז געווען, בעת דאס מיידעל האט גענומען אבשפילען דעם מאנטעל. איך בין געווען זיכער, אז זי טראגט א ברוין יאקעלע מיט א ברייטען ווייסען קראגמאלענעם קראגען, און מיר האט זיך עטוואס א וויעג געטהאן די פאדלאגע, בעת איך האב איהם אראבגעצויגען, דעם מאנטעל, און האב דערזעהן: א ברוין יאקעלע מיט א ברייטען ווייסען קראגמאלענעם קראגען. נאר באלד האב איך שוין נישט געפיהלט קיין אנשטרענגונג, און דאס געפיהל פון וועלען זיך דערמאהנען איז פערשוואונדען געווארען. איך האב געהאט א גאסט, מיין גאסט, וואס איז געקומען צו מיר אין מיין פערשלאפענעם ווינקעל. עס איז א טעות: זי האט נישט בעדארפט פאהרען וויטער, זי האט קיינע טעלעגראמעס נישט געגעבען, דער צוג האט איהרע זאכען נישט פערפיהרט. דאס איז זי געקומען צו מיר, געוואהר ווערען מיך. עס האט זי געצויגען צו מיר, ביינאכט האט זי מיך אין חלום געזעהן, איז זי געקומען, און אז מיר האבען זיך געזעצט ביים טיש, האבען מיר זיך נישט געאירצט. מאניע האט געשטעלט טהיי, און מיר האבען גערעדט, און, ריידענדיג, איז קיינער פון אונז נישט רויט געווארען. איך האב איהר עפעס גערעדט וועגען זיך, נאר אויבערפלעכליך און נישט דראמאטיש, וויל מיר איז טייער געווען איהר נשמה, וואס האט געקענט וועה טהאן דערפון. דאסזעלבע האט זי אויך געטהאן. און איך האב געוואוסט ווי זי הייסט: א פשוט'ען, א ליעבען יודישען נאמען האט זי געהאט — דינה, וואס האט זיך אנגענעהם געוויקעלט ביי מיין אויער.

זי האט זיך פריי און לייכט געהאלטען מיט מאניען און מיט'ן בעל-הבית, א יונגערמאן מיט פרעטענזיעס אין א שווערער מענש — ווי עס טרעפט מיט ענערגישע און נאטירליכע מיידליך. און אז בין ארײַן מיט איהר צו זיך אין צימער, האט זי ארויסגעוויזען א סך נאאיווע הילפלאזיגקייט און בעשיידענקייט, וואס איז געווען עהנליך אן צניעות. זי האט זיך מילד געטוליעט צו מיר מיט אראבגעלאזטע אויגען און מיט גערויטעלטע באקען. א שטילער שמייכעל האט איהר געבלאנזשעט אויף די ליפען, עס

האט איינגעהאלטען געציטערט איהר אטעם, און מיר איז ליבשין און ריין געווען אויפ'ן הארצען, און איך האב איהר שטיל געזאגט:

— ליעב האב איך דיך...

מיר זענען לאנג און שווייגענדיג געזעסען. דערנאך האב איך זי ווידער אמאל בעטראכט. ווי אזוי האט זי אויסגעזעהן? זי איז געווען נישט קיין הויכע, א דינע, א מאטעווע, מיט ברוינע געקרייזעלטע האהר און מיט ברוינע אויגען. דאס רעדעלע אין אויג, וואס רינגעלט ארום דעם שווארצאפעל, איז געווען פונקט אזוי ברוין און אויך מיט אזא שיין, ווי די האהר. אויף איין באק, נישט ווייט פון מויל, האט זי געהאט א שווארץ געבאהן רען פינטעלע... נאר ווי קען מען מיט ווערטער איבערגעבען שענקייט? זי איז געווען שען, חאטש זי האט נישט געהאט קיין קלאסישע מויל און נאז. די שענקייט איז, אפנים, געלעגען אין דער אינערליכער ריינקייט, וואס דאס פנים האט אויסגעדריקט, אין דער פרישקייט פון די געזיכטציגע און אין דער קינטיגקייט, אז בחורים האבען זי נאך נישט געהאלטען אין די הענד און האבען זי נאך נישט בעטייעלט מיט בילינגע קושען, פון וואס דאס צארטע מיידעלשע פנים ווערט אזוי לייכט פערוויאלעט. און בייַ דעם אלעם — א זעלטענע ענערגיע, עפעס א גרויסע מוטהיגקייט צוזאמענגעוועבט מיט לעבענסלוסט. מיר איז איינגעפאלען א געדאנק, אז איך זאל זי אבהאלטען אויף עטליכע טעג, ווארום איילען האט זי נישט געהאט וואס. קען זי דען איילען, זיצענדיג מיט מיר? נאר מיין געדאנק האב איך איהר נישט ארויסגעזאגט. מיר האט זיך געדאכט, אז וואס זי וועט פארנעהמען, וועט זיין גוט און גלייך. איז דאס א גוטער געדאנק, וועט ער איהר אליין ארויפקומען אויפ'ן זינען. און איך האב געשוויגען. נאר זי האט בעשלאסען צו פאהרען, און אז איך האב זי בעגלייט צוריק צום וואקזאל, אונטער אנ'אויסגעשטערענטען ווינטער-הימעל, צווישען גרויסע פעלדער שנייען, אויף א שמאל שטעגעלע, האב איך געהאט א פערלאנג, צו נעהמען זי אויף די הענד און אוועקטראגען ערגעץ ווייט, אין א גרויסער, א פרעהליכער שטאדט, וואו אין דער דאזיגער פרעהליכקייט זאל איך מיט איהר פערנעהמען א בע-

זונדער ווינקעל. איך בין געווען אויפּערזיכטיג צו איהר יעדען טראט, צו איהר יעדער בעוועגונג, און יעדער אַרשין ערד, וואָס זי איז אדורכגעגאַנגען, האָט זיך מיר געוואָלט אויפהויבען און וואַרפען פאָראויס, כדי זי זאָל איהם מוזען ווידער דורכגעהן. נאָר דאָך בין איך געווען רוהיג און זיכער אין איהר, און איך האָב במעט זי נישט געפרעגט:

— ווען וועלען מיר זיך זעהן?

אודאי וועלען מיר זיך זעהן. און אין גיכען. אַזאַ פראַנגע וואָלט געווען אינגאַנצען איבעריג. מיר האָבען בעדאַרפט אַ סך ריידען וועגען אונזער צוקונפט און מיר האָבען נישט גערעדט. דאָס האָט זיך מסתמא גענומען דערפון, וואָס אונזער צוקונפט האָט אונז אויסגעזעהן זעהר קלאָר און דייטליך. דאַרף מען דען ריידען וועגען אַ זאַך, וואָס איז קלאָר און דייטליך?

— נאָך אַ צעהנדליג טריט, און באַלד איז דער וואָקזאַל. דיר וועט נישט זיין אומעטיג?

דאָס האָט זי פּלוצלונג געפרעגט, און איך האָב געענט-פערט:

— מיר וועט זיין אומעטיג? דיין אָטעם וועט זיין נעבען מיר. איך האָב דיך געזעהן.

— איך פאָהר דאָך נאָר אויף אַ ווײַלע.

און זי האָט אויף מיר אַ קוק געטהאָן פון אונטער'ן ברייטען ראַנד פון איהר הוט. איהר קוק האָט מיר טיעף עפּעס צוגע-זאָגט און געטרייסט. איך האָב זיך אָנגעבויגט און אַ קוש געטהאָן אין דער קאַלטער באַק.

— מיר וועט נישט זיין אומעטיג, — האָב איך געזאָגט.

אויפ'ן וואָקזאַל האָבען מיר לאַנג נישט בעדאַרפט וואַרטען. באַלד האָט זיך דערהערט אַ פייף, דערנאָך אַ שווער סאָפּען, און אויף דעם קליינעם סטאַנציעלע האָט זיך אויסגעצויגען אַ לאַנגער צוג מיט ליכטיגע פענסטערליך. מיט אַ געשיקטער און פרעהליכער בעוועגונג איז זי שוין געווען אויף די טרעפּליך פון וואַגאָן און האָט באַלד אָבגעזוכט אַנ'אָרט. מיין הילף איז אינגאַנצען נישט נויטיג געווען, און איך האָב געטראַכט, אַז דאָס איז עס דאָס צניעות'דיגע

און ענערגישע מיידעל, דאס איז זי, און פאר איהר פאסט זיך עס ארויסצושפרינגען אויף א פערוואָרפען סטאנציעלע געבען א דעפעש, צוקריעגען זיך דאָרט מיט׳ן טעלעגראפיסט און דורכלאָזען דעם צוג, און מיר האָבען זיך לייכט און ליעב צוקושט. אין גערויש האב איך עפּעס געזאָגט און מיר איז נישט קלאר געווען וואס. נאר דערפאר האב איך גוט געדענקט, ווי איך האב איהר פערריכט דאס היטעלע, וואס האט זיך עטוואס ארויסגעקעהרט, ווי איך האב נאכגעקוקט, צי זי האט נישט פערלאָרען א האנדשוה, ווי איך האב איהר אין קעשענע אריינגעלעגט אנ׳צאלט-געבאַקען פיערטעל שאָקאָלאד, ווי איך האב ארויסגענומען מיין כענעריש שווארץ זייגעריל — צו וואס? — און געגעבען איהר אין האנד אריין און ווי איך האב זיך מיט איהר א דריטעם מאל געקושט, בעת דער צוג איז שוין געגאנגען. זי האט זיך נישט געשראָקען פאר מיר, און איך בין דרייסט און פרעהליך ארויסגעשפרונגען פון דעם געהענדיגען צוג. דער צוג האט געפייפט געהענדיג, א רויט אויג האט געקוקט פון לעצטען וואגאן און די סאָפערײַ און גערויש האט זיך צוזאמען מיט איהם אוועקגעטראָגען. ארום וואָקזאל איז געוואָרען שטיל און וויסט.

זי איז אוועקגעפאָהרען — און איך האב זי גענומען אונטער׳ן ארעם און בין מיט איהר געגאנגען צו זיך. מיט גרויס אָבגעהיטקייט האב איך זי געפיהרט פון וואָקזאל ארויס, און אומזיסט האט מיך נאטאשע, וואס האט זיך פלוצלונג אונטערגעדרעהט, גערופען צו זיך, צוזאגענדיג, אז זי וועט מיר שפּיעלען פון שאָפּען׳ען. און אז איך האב זי נישט געהערט און בין אלץ געגאנגען, האט זי ארויסגעשריען:

— איז אייך אזוי פרעהליך צו געהן אליין א היים?

זי, די גויע, האט, אפנים, פערזעהן, אז איך געה נישט אליין, און איך האב איהר אפילו נישט געענטפערט. אט זענען מיר פארבייגעגאנגען פארביי דאס קליינע וועלדעל. פון קאלטען הימעל פינטלען אראב די שטערען, פונקט ווי זיי וואלטען וועלען אראבפאלען און נישט קענען. עס קנאקט דער שניי אונטער די פים און די לופט איז קאלט און שטייף, ווי גלאז. נאר איך

בין געגאַנגען מיט דינה'ן, נישט צלײן, און האָב פערענדיגט מײן פלאַן, וואָס איז מיר פּלוצלונג אײנגעפאַלען. און מײן פלאַן איז געװען זעהר אַ פשוט'ער: דינה װעט בײ מיר נאָר איבערנעכטיקן און אויף מאָרגען װעלען מיר בײדע אװעקפאָהרען. װאוהין? אַ נאָמען פון אַ שטאָדט האָט מיט װאַרימע װײסע פליגעל אַרײנגעפלאַכט צו מיר אין זכרון: פעאָדאָסיע. פאַרװאָס עפּעס פעאָדאָסיע, האָב איך אַלײן נישט געװאוסט. אהין װעלען מיר פאָהרען. איך האָב אין דמיון געגעבען דינה'ן פינף טויזענד רובל, אַ סומע, װאָס דאַרף אונז קלעקען, װי איך האָב אויסגערעכענט, אויף דער ערשטער צײט. מיר האָבען איבערגענעכטיגט די נאַכט צוזאַמען. אין דער־פריה, אַז איך בין אויפגעשטאַנען, האָב איך איהר געהאָלפען אָנטהאָן זיך, האָב איהר צוגעשפּילעט די קנעפּליך, פאַנאַנדערגעלאָזט איהרע ברוינע געקרײזעלטע האָהר און לאַנג זײ געקאַמט, און זי האָט חנ'עװדיג און ליעב אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויף מײן ברוסט. דערנאָך האָב איך איהר צוגעטראָגען די שיכלעך. און אַז מיר האָבען געטרונקען טהײ, האָבען צו מיר געשמײכעלט איהרע װײסע צײהן, און אין מיר האָט געזונגען דאָס בלוט:

— איך בין גליקליך.

בײטאָג האָבען מיר זיך אײנגעפּאַקט. אַ סך זאַכען האָט זי פערבראַקירט — זי האָט פײנט גרויסע פּעק. מיט די קלײנע הענדטליך האָט זי געלעגט אין קאָרב די נויטיגע זאַכען, און אַן אינערליכער שמײכעל האָט אַרויסגעשטראַהלט פון איהרע אויגען. מיר זענען גיך און לײכט פאַרטיג געװאָרען מיט'ן פערפּאַקען, און אונז האָט נאָך געקלעקט צײט אַרויסצוגעהן שפּאַצירען. דער הימעל איז געװען אַ רוהיגער און דער פאַרב זײנער איז געװען אַ גרויער און אַ געדיכטער, פונקט װי דער פאַרב װאָלט איהם געגעבען געװאָרען נישט אויף אײן טאָג, נאָר אויף אײביג. מיר זענען געגאַנגען אויף אַ שמאָלען שטעגעלע, האַלטענדיג זיך פאַר די הענד. מיר האָבען נישט גערעדט. זי האָט געקוקט פאָרויס, איך האָב אויך געקוקט פאָרויס, — איך האָב געװאָלט זעהן דאָס, װאָס זי זעהט, און טראַכטען דאָס, װאָס זי טראַכט.

זי האט געקוקט אויף די שפיצען בוימער פון דעם ווייס-גרינעם וואלד—איך האב אויך געקוקט אהין, און מיר זענען געוואקסען די בוימער אונטער'ן בליק, און זיי האבען געוואונקען פון וויטען, און געשמייכעלט. זיי זענען געווען גליקליך. דערנאך, אז מיר זענען געגאנגען צוריק, האב איך איהר אין מאנטעל פערשפילעט א קנעפעל, וואס זי האט פערגעסען, און איך האב געקוקט אויפ'ן חייסען שאל, וואס זי האט געטראגען אויפ'ן קאפ און וואס דער ווינד האט געשפיעלט מיט זיינע עקען. און איך האב זי שטיל געפרעגט:

— באלד פאהרען מיר אוועק?

— יא, מיר פאהרען אוועק.

און אין א ווייל ארום האט זי צוגעגעבען:

— מיר איז איצט טייער דאס ארט. דו ביזט דא גע־גאנגען.

און מעהר האבען מיר נישט גערעדט. מיר האבען זיך זעהר פרעהליך צוזעגענט מיט מיינע בעלי־בתים. גראד איצט האט מאגיע פערהאלטען מיין האנד, און אין א ווינקעל, בעת קיינער איז דערביי נישט געווען, האט זי געזאגט, אז זי האט מיך זעהר ליעב, אז זי קען זיך גאר מיט מיר נישט שיידען און אז דעם מאן מוז זי דאך בלייבען טריי. שוין אין צוג זיצענדיג, האב איך עס איבערגעדערצעהלט דינה'ן און האב זיך געסטארעט נישט צו בע־ריהמען זיך. אין צוג זענען געפאהרען א סך מענשען, און די ווייסע פעלדער, פארביי די פענסטערליך, האבען זיך ווי ווייסע פונאנ־דערגעשפרייטע לייליכער געטראגען אויף צוריק. וואו־נישט־וואו האט זיך אונז א נויג געטהאן אנ'איינזאמע סאסנע אויף א ברייטען ווייסען פעלד, און דארט, וויט, איז דער הימעל טריב, שווער און בלייאיג צוגעפאלען צו דער ערד, ווי פון זיין אייגענער משא, און עס האט זיך גערעכט, אז ער האט איינגעבראכען דעם וואלד, וואס דארטען שטעהט. נאר אט קוק איך שוין אויף דער קארב, וואס ליעגט אויף דער פאליצע, און שטראהלען טריפען מיר אין הארץ אריין: אין קארב ליעגען מיינע און דינה'ס זאכען, זיי ליע־גען צוזאמען, און מיר אלע דריי פאהרען אין פעדאסיע. נאך

אַ סאַסנע האָט זיך אַ נויג געטהאָן, אַ יונגע, אַ קליינע און אַ פֿערטראַכטע, און זי האָט מיר באַנג געטהאָן. מיר זענען געפֿאָהרען און געפֿאָהרען, און איך בין געזעסען און געלערנט מיט דאָרקע׳ן. ער האָט געהאַלטען אין איבערזאָגען אַ ליעד אויף אויסווענדיג, און מאַניע האָט מיר, פֿאַרבייגעהענדיג, בעמערקט:

— איהר מוזט זעהר בענקען נאָך דער נעכטיגער פֿרייליין?

— פֿאַרוואָס מיינט איהר אַזוי? — האָב איך געפֿרעגט.

— ווייל איהר זענט אַזוי פֿערטראַכט, אַז איהר הערט אפילו ניט, וואָס דער יונגעל רעדט צו איך. און איהר זעהט אויס בלייך.

איך האָב זיך צולאַכט און האָב זיך נישט מודה געווען, כאָטש איך האָב זעהר געוואָלט, אַז זי זאָל איבער׳חזר׳ן די פֿראַגע: בענקען נאָך דער נעכטיגער פֿרייליין. אין פֿעאָדאָסיע זענען מיר געקומען שפּעט אין אָווענד. מיר זענען פֿערפֿאָהרען אין אַ גאַסט־הויז. פֿון דאָרטען האָט אויף מאָרגען דינה געשיקט אַ צעטעלע צו איהרער אַ פֿריינדין, וואָס האָט געוואוינט אין דערזעלבער שטאָדט. זי איז באַלד געקומען מיט התפּעלות און מיט קושעניש און מיט אַ סך רייד. דאָס איז געווען אַן׳אַלט מיידעל, מיט מאַנסבילשע מאַנירען, אַ האַמעטנע, אַ שווערע, נאָר זעהר אַ פֿרעהליכע און אַן׳איבערגעגעבענע. זי האָט אונז געפֿיהרט ווייזען צימערן, וואו מיר זאָלען זיך קענען בעזעצען. מיר האָבען אויסגעקליבען אַ ווייס צימערל, אויף צוויי פֿענסטער, מיט אַ באַלקאָן צום ים. אין צימערל איז געשטאַנען אַ קליין ווייס טישעל, צוויי שמאָלע ווייסע בעטליך, עטליכע שטוהלען, און אויפֿ׳ן וואַנד איז געהאַנגען אַ שפּיגעל. און אַז מיר זענען ארויסגעגאַנגען אויפֿ׳ן באַלקאָן, האָבען זיך פֿון איין זייט געזעהן די רויטע דעכער פֿון די הייזער און פֿון דער אנדער זייט דער ים. איך האָב געקוקט אויף דעם גרויסען הימעל וואַסער, אַ בעשאָטענער מיט שוימיגע קרענצליך פֿעריל. צוויי אונענדליכע הימלען, איינער אויבען, איינער אונטען, ביידע שפּילענדיגע, טיעפֿע און פֿאַרביגע. מיר זענען געזעסען אויף ווייסע שטוהלען אויפֿ׳ן באַלקאָן און

האָבּען געשווינגען . אויפ׳ן שוועל פון צימער , צוריק געהענדיג , האָבּ איך איהר געזאָגט :

— לאָמיר קויפען א פויגעלע .

— יאָ . — האָט זי צוגעשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ .

מאַניע׳ס מאַן , אַלס רייזענדער , האָט דורכגערייזט גאַנץ רוסלאַנד מיט אַלע זיינע פּראָווינצען . בּיים מיטאָג האָבּ איך איהם געפרעגט :

— ווי זעהט אויס פעאָדאָסיע ? דאָס איז עפּעס א שעגע שטאָדט ?

— פעאָדאָסיע ? — האָט ער אַריינגעשטאָכען דעם גאָפּעל אין קאָטליעט און האָט אַ ווײַלע צוגעוואַרט — פעאָדאָסיע איז זעהר אַ שענע שטאָדט , און אַ פרעהליכע . . .

און מאַניע האָט זיך צולאַכט :

— וואָס איז דאָס אײַך עפּעס מיט אַמאָל אַריינגעפאלען פעאָדאָסיע אין קאָפּ ? ניין , דאָס איז נישט גלאַט . . . — האָט זי געלאַכט און געשאָקעלט דעם קאָפּ מיט אַ מינע , ווי זי וואָלט מיר אין עפּעס חושד געווען .

— גאָרנישט . . . — האָבּ איך געלײַקענט , בּלײַך ווערענ־דיג — אויף נאמנות גאָרנישט . . .

— פעאָדאָסיע איז אַ שענע שטאָדט , — האָט ערנסט אַרויסגעזאָגט דער בּעל־הבּית .

נאָכ׳ן מיטאָג , נאָך מאַניע׳ס לאַכען בּין איך אַריין צו זיך אין צימער און אַוועקגעגאַנגען איבּער די פעאָדאָסיער גאַסען מיט דינה׳ן קויפען אַ פויגעלע . עס האָט געשײַנט די זון אויפ׳ן הי־מעל , און אין דער לופט האָט זיך געפיהלט דאָס אָטעמען פון ים . בּרייטע טאָטערשע פּנים׳ער האָבּען אַרויסגעקוקט פון די גלעזערנע קראָמען־טהירען און האָבּען גערופען קונים און מיר האָט זיך שוין נישט געוואָלט קיין פויגעלע . אַנשטאָט דעם בּין איך אַריין מיט דינה׳ן אין אַ קראָם , וואו איך האָבּ איהר געק[illegible]ט דונקעלע אויסלענדישע קעמעליך צו די האָהר און ווייסע שיכע־ליך מיט בּרייטע ווײַסע זײַדענע בּענדליך . מיר האָבּען בּעצאָהלט פון די פינף טויזענד רובּל און זענען געגאַנגען מיט שטיל־זינגענדע

הערצער צו אונזער ווייס צימעריל מיט'ן באַלקאָן צום ים. פאַרנאַכט איז דער הימעל געווען אַ האַלבער אַ העל־בלויער און אַ האַלבער אַ רויטער. דער ים האָט נאָכגעטהאָן דעם הימעל: ער האָט זיך אויך צוטיילט מיט די פאַרבען — אַ האַלבער אַ העל־בלויער און אַ האַלבער אַ רויטער. נאָר די חוואַליעס האָבען געטראָגען אויפ'ן קאָפּ ראָזע קרענצליך פעריל פון שוים.

מיר האָבען זיך ווידער געזעצט אויפ'ן באַלקאָן, אויף די צוויי ווייסע שטוהלען, און האָבען געקוקט אויפ'ן הימעל און אויפ'ן ים. פון ערגעץ האָבען זיך דערטראָגען די קלאַנגען פון אַ ראָיאַל, שטילע, האַלבע און נישט דייטליכע. נאָר באַלד האָבען זיי זיך געשטאַרקט, זענען געוואָרען העלער, יעדער קלאַנג, יעדער טאָן איז אָנגעפילט געוואָרען מיט זיין נשמה, און צווישען אַט די אַלע נשמה־קלאַנגען האָט טרוימעריש געשוועבט שאָפּען'ס נשמה. דאָס האָט מען געוויס געשפּילט שאָפּען'ען. דער ראָיאַל האָט דערצעהלט פון אַ שטילען טאַנץ. דאָס האָבען מיידליך געטאַנצט, אין ווייסע שיכעליך, מיט פונאַנדערגעלאָזטע בלאָנדע האָהר, אין אַ מיטען וואַלד, אין אַ מיטען נאַכט, מיט בלויע פאַקעלען אין די הענד. און ביי יעדען מיידעל האָט אין לינקען לאָק געשטעקט אַ ווייסע ראָזע. די מיידליך האָבען ביים טאַנצען געקוקט אַרויף, און צו זיי האָבען דורך די שפּיצען בוימער אַראָפּגעשמייכעלט די טויזענדער גאָלדענע שטערען — זיי האָבען אויך געטאַנצט.

— מיר וועלען דאָ וואוינען לאַנג? — האָט זי פּלוצלונג געפרעגט.

— דאָ איז גוט, — האָב איך בעמערקט.

— קום, מיין ליעבער, אין צימער.

אין דעם טאָג איז אַוועקגעפאָהרען מאַניע'ס מאַן. ווידער אויף אַ וואָך צייט. איך בין געגאַנגען הין־און־צוריק אין דעם גרויסען צימער, און מאַניע איז געלעגען אויפ'ן קושעטקע. דאָרקע האָט געמאַכט פון אַ צייטונג אַ קאַפּעליוש און האָט איהם דורכאויס געוואָלט אָנטהאָן דער מאַמע'ן. זי האָט זיך געוועהרט און האָט געלאַכט. ער האָט איהר פונאַנדערגעוואָרפען די האָהר.

— אַט לערן זיך פון דיין לעהרער, — האָט זי איהם לאַכענ־

דיִג בעמערקט—יעהסט ווי רוהיִג ער געהט ארום איִבער'ן צימער, און דו ביזט א שטיִעפער.

נאר מיר האט עס שוין ניִשט געארט. איך בין געווען אין פעאדאסיע צוזאמען מיט יענעם מיידעל, וואס האט געהאט ברוינע האהר, ברוינע אויגען און א צניעות'דיִגען שמייכעל. מיר זענען געזעסען אויפ'ן באלקאן, אויף צווי ווייסע שטוהלען, און געקוקט אויפ'ן ים, וואס איז געווען רויט און בלוי, און אויפ'ן הימעל, וואו עס איז לאנגזאם', שען און שטיל אונטערגעגאנגען די זון. און צווישען הימעל און ים האבען וויך און הארציג גענויסס'עט די לעצטע אקארדען פון ראיאל.

— קום, מיין ליעבער, אין צימער.

דבורה'לע.

דבורה׳לע.

I.

איינמאל האב איך זיך שפעט ביי איהר פערזעסען: עס איז שוין געוועזען צוועלף א זייגער. צוועלף א זייגער ביינאכט — און מיר איז פארגעשטאנען דורכצוגעהן א ווייארסט צווישען פעלדער שנייען, כמעט אהן א וועג. זי איז געלעגען אין בעט אין א רויט ציצען קאפטעלע, און דער שווארצער קאפ האט זיך מאדנע מאלעריש געצייכענט אויף דער שניי־ווייסער קישען. כען האט געזאגט, אז זי איז קראנק, און דער טאטע איהרער, א פערשמייעטער ישובניק, האט זיך הילפלאז געשראקען פאר איהר, ווי א קינד פאר א זייגע־ריל. די מאמע איז געוועזען דרייסטער און האט געהאט איהרע האפנונגען. רפואות האט איהר קיין דאקטאר נישט צוגעשריבען, און איך האב זיי קיינמאל נישט געזעהן ארום איהר. נאר מיך האט געצויגען אט די אונפערשטענדליכע קראנקהייט אין דער שענער, שמייכלענדיגער און הויך־בוזימדיגער יונגער דבורה׳לען, און אפטער האט זיך מיר געדאכט, אז איך בין שטערבליך פער־ליעבט אין איהר. איך האב אבער מורא געהאט אויסזאגען איהר עס און האב זיך בענוגענט דערמיט, וואס איך פלעג זיצען ביי איהר בעט, וואס איך פלעג ארומגעהן מיט איהר איבער׳ן שטוב און אין א לינדערן טאג זעלטען־ווען ארויסגעהן צוזאמען אין פעלד.

ווען איך האב זיך דאסמאל אויפגעהויבען אוועקצוגעהן, מחמת שפעטקייט, האב איך א קוש געטהאן די בלאסע צארטע

האנד איהרע, וואס איז מיר אויסגעשטרעקט געווארען צום זעגענען זיך. דאס איז אבער, אפנים, מעהר געוועזן ווי א האנדקוש, ווארום איך בין עטוואס רויט געווארען און צוגעשוויגען, האלטענדיג אלץ, שוין נאכ'ן קוש, די האנד ביים מויל. דבורה'לעס שווארצער קאפ האהר האט זיך שנעל בעוועגט אויפ'ן ווייסען קישען און מיט בריים־פונאנדערגעעפענטע אויגען האט זי מיך שטיל און דייטליך געפרעגט:

— איהר האט מיך ליעב?

— איך האב אייך שטארק ליעב,—האב איך פריי געזאגט.

איך האב געזעהן, ווי די גרויסע שווארצלען איהרע גיסען זיך אן מיט פייער, און אז איך בין אוועקגעגאנגען, האבען זיך מיר אונטערטעניג צוצויגען די שטומע פעלדער שנייען, פונקט ווי איך וואלט געוועזן זייער בעשעפער, און איין שטערענדיל אויפ'ן פינסטערן הימעל האט פריידיג געציטערט איבער מיין אויג, פונקט ווי עס וואלט זיך בעטען צו מיר. איך האב מונטער געשפרייזט איבער'ן שניי, און אויף די ליפען האב איך געפיהלט די צארטקייט און נאכגיביגקייט פון איהר בלאסער האנד.

II.

צו־מארגענס בין איך שוין געזעסען ביי איהר. איך בין געקומען פריהער, ווי אלעמאל. דבורה'לע איז ארומגעגאנגען איבער'ן צימער א ליכטיגע, ווי א טראפען וואסער, און גרוים און מיט פייער פערגאסען זענען געוועזן די שווארצלען פון איהרע אויגען. פון צייט צו צייט האט זי זיך און פערגאפט געשמייכעלט, און אז זי האט זיך צוגעזעגט נעבען מיר, און קיינער פון די שטובינע האט נישט געשטערט, איז זי געוועזן פאר מיר אזוי קלאר, אז איך האב דייטליך געזעהן דאס קוואלעכיל גליק, וואס שלאגט ביי איהר אין הארצען און האב געלייענט איהרע געדאנקען. איך

האב זיך געזאגט, אז דאס איז ליעבע, אז דאס האב איך געוואלט, און מיך האט געצויגען א קוש צו טהאן דאס האלז פון פארלאגע, איבער וועלכער זי איז געגאנגען.

— אבער טאמער וועל איך שטארבען?... — האט זי קינדיש געפרעגט און צוגעמאכט די אויגען.

— וועל איך אויך נישט לעבען, — האב איך געזאגט און האב צוגעלעגט מיין באק צו איהרער.

וואס האב איך געקענט אנדערש זאגען אט דער קלארער, יונגער שווארצהאהריגער און הויך-בוזימדיגער דבורה'לען, וואס האט אויף עפעס אונפערשטענדליכעס געקרענקט, וואס איז איצט דורך און דורך געווען ליעבע-ציטער, וואס האט אזוי פריש און דופטיג געאטעמט און וואס איז ווערט געווען, אז פאר איהרע שענע אויגען זאל אבגעגעבען ווערען נישט נור איין לעבען, נאר עטליכע מיט אמאל. און זעהר אויפריכטיג האב איך איהר נאכאמאל געזאגט:

— וועל איך אויך נישט לעבען.

איינרעדען זי, אז זי וועט בלייבען לעבען, האב איך גארנישט געוואלט. וואס איז שלעכט, אז מיר וועלען ביידע שטארבען יונגע, גליקליכע, פערליעבטע? מיר זענען ביידע אויף א דארף, דער גלאנץ פון שטאדט רייצט אונז נישט און אויף די ווייסע שטומע שנייען וועלען מיר פריה און פרעהליך דערזינגען אונזער ליעד. דער געדאנק, אז איך וועל שטארבען א יונגער, איז מיר געווען אונגעהויער ניי און טשיקאווע, און ער האט מיך וואונדערליך זארגלאז געמאכט. ביז איצט האב איך מיך אפטער פארגעשטעלט סיי אין מיטעלע יאהרען, סיי אלס אלטען און אפילו אלס זקן. מיין עלטער, האב איך געטרוימט, וועל איך בעפוצען: געהן וועל איך גלייך, מיט א שען שטעקעלע, וואס יונגע טראגען, געקליידט וועל איך זיין אין שווארצען און שטייף צוגעקנעפעלט, און דאס ווייסע בערדעל וועט זיין פיין צוגעשוירען. און א ראמאן וועט ביי מיר זיין, א געהיימער ראמאן מיט א יונגער דאמע, וואס וועט מיך אנצינדען מיט האפנונגען און מאכען בעוועגליך. נאר דאס ערשטע מאל האב איך מיר איצט פארגעשטעלט.

אז איך וועל שטארבען א יונגער און א געזונדטער צוזאמען מיט דער קלארער דבורה'לען, וואס קוקט זיך דורך, ווי א טראפען וואסער, און מיר האט זיך געוואלט אהן אנ'אויפהער זינגען און דאנקבאר זיין מיין מזל, וואס האט מיך צונויפגעפארט מיט אזא קלאר וועזען. עס איז נאאיוו, אבער דאך איז עס שען. איך מיט דבורה'לען וועלען ליגען אונטער איין בערגעל זאמד, אויפ'ן דארף, אונטער'ן פרייען ווינד, און אויביג וועל איך זיין דארט, וואו זי וועט זיין.

איך האב גענומען דעם שווארצען צאפ אין דער האנד, און אנגעשפארט דעם קאפ אויף איהר אקסעל. ארום און ארום איז געווען וואונדערליך שטיל, דער טאטע מיט דער מאמען זענען נישטא, די גרויסע שטוב איז לעדיג, און אין פענסטער קוקט ארײן א ברייטער און א הימליך-גרויער שטיק וואלקען.

— דבורה'לע, — זאג איך — דבורה'לע, דבורה'לע...

III.

אין דרויסען איז געווען א גוט וועטער. דער פראסט איז געפאלען, די בלײערנע הימלען האבען זיך געשפאלטען, און וואו-נישט-וואו האבען זיך ארויסגעזעהן בלויע פאסען הימעל, פונקט ווי בלויע טײכעליך. ארום און ארום, אונטער אלע האריזאנטען, האבען געבלויט די שפיצען פון װאלד, און פון דארט ביז'ן אויג האט זיך געצויגען א גלײך פעלד, בעדעקט מיט שניי. איך האב דבורה'לען געהאלפען ארײנזעצען זיך אין שליטען, און האב דערנאך גענומען די לײצען אין האנד. געבען שטוב איז געשטאנען איהר טאטע, מיט א פערזארגטען שמייכעל אויפ'ן פנים. ער האט, קענטיג, געוואלט זיך גוט אויסשמייכלען און האט זיך דאך געשראקען פאר דבורה'לען. אפשר וועט איהר, חלילה, שאדטען. פון א פענסטער האט געקוקט די מאמע. יענע האט אויסגעזעהן

נישט נאר רוהיג, אבער אויך צופרידען. איך האב א שמיץ געטהאן דאס יונגע רויטע פערדעל, און דאס שליטעל האט זיך לייכט אוועקגעלאזט איבער'ן גלאטען שניי. דבורה'לע האט געטראגען אויפ'ן קאפ א שווארצע טוך, ביי די שלייפען האבען זיך געבויגעלט איהרע האהר, ארויסשלאגענדיג זיך פון טוך, און צארט און ווייס ווי שניי איז געוועזען איהר פנים, אויף וועלכען עס האבען געברענט צוויי פעך־שווארצע אויגען. א גאנצען טאג האט זיך דבורה'לע גוט געפיהלט, און איצט האט קיינער נישט געקענט בעגרייפען איהר שמחה: ווייסער שניי, רוהיגער, זילבערער, גרויער הימעל, ווייטע בלויע וואלד־ברעגען, טאג, איך, יוגענד און דאס געהארכזאמע יונגע רויטע פערדעל... דער איינדרוק פון דעם אלעם האט זיך שנעל געלעגט אויף דבורה'לעס פיהלבארע הארץ, און די אויסגעשרייען, וואס האבען זיך איהר ארויסגעריסען, זענען, וואהרשיינליך, געווען א הונדערטיל פון איהרע איבערלעבונגען. נאר איך בין אויך געווען שכור פון גליק. מיין גליק איז נאך געווען א צווייענדיגס: איך האב געפיהלט פאר מיר און פאר דבורה'לען, ווארום איך האב דייטליך געזעהן דאס קוואלעכיל פון גליק ביי איהר אין הארצען, און, אונטערטרייבענדיג דאס פערדיל, האב איך נאכאנאנד, יונגעלש און פרעהליך גע'חזר'ט:

— דבורה'לע... דבורה'לע... דבורה'לע...

מיר זענען געקומען צו א טהאל. עס האט זיך געדאכט, אז דער וועג איז דא פלוצלונג אראבגעפאלען און קען זיך בשום אופן נישט אויפהויבען. אונטען איז ווייס און שטיל, און גאנץ טיעף. און פלוצלונג פאלט מיר איין א געדאנק א טרייב צו טהאן מיט אלע כחות דאס פערדיל אין טהאל אריין, עס זאל געשטיידיג און האסטיג אראבפליהען אראב, און דאס וועט זיכער פערשארטען ביז'ן טויט דבורה'לען, און אט וועלען מיר ביידע שטארבען. נאר דבורה'לע שמייכעלט, און דאס קלארע פנים לייכט, און די שווארצע אויגען ברענען, און די געדרעהטע לאקען וויגען זיך פון ווינד, און דער אטעם איז פול לעבען, און איך טרייב דאס פערד צוריק, און קוק אויף דבורה'לען און בעשליס פאהרען לאנגזאם, לאנגזאם. דבורה'לע איז איצט אונגעהויער שען. לאמיר פער-

לענגערן די דאזיגע מינוט. און דאס רויטע, שוין פערשוויצטע פערדיל געהט טריט בײַ טריט און בלאזט שטארק מיט די נאז־לעכער. און פאר די אויגען — איז ליעבער הימעל, ווײַסער שנײַ. גאט, ווי גוט דאס איז צו לעבען!

IV.

פון טאג צו טאג איז דבורה׳לע געזינדטער געווארען. צו די קלארע דורכזיכטיגע באקען איהרע איז צוגעגאסען געווארען א ראזקײַט, זי האט הויך געלאכט, אויסשטעלענדיג צוויי ווײַסע שורות צײַהן, און האט געטאנצט אפילו. מיר האבען בײדע גע־טאנצט, און די האנד איהרע, וואס איז געלעגען אויף מײַן אק־סעל, האט מיר געשטערט צו זײַן א פלײַסיגער טענצער. אט די ארטע האנד האב איך בעדארפט אפטער קושען. נאר ווי איך האב זי נישט ליעב געהאט, האב איך זי דאך נישט בענאסען מיט אזוי פיעל פײַער, וויפיעל דאס שווארץ־האאריגע און הויך־בוזימדיגע יונגע מײדעל האט אויף מיר אויסגעבראכט. און איך האב בשום אופן נישט געקענט קאנקורירען מיט איהר: פון רגע צו רגע האט אין איהר געוואקסען דאס געזונד, פונקט ווי פון א קוואל וואלט זי עס געשעפט, און אט דאס געהײמע און אונפערשטענדליכע וואקסען האט געמאכט פאר אונמעגליך די קאנקורענץ מיט איהר. אײַן קוש איהרער איז מיר געשטאנען אויפ׳ן באק, ווי א רויטער פלעק, גאנצע דרײַ טעג, און פאר מײַנע שטובינע האב איך געמוזט זא־גען, אז איך האב זיך ערגעץ אבגעקלאפט די באק. בײַ איהר טאטען האט זיך בעוויזען גאר אנ׳אנדער אויסדרוק אויפ׳ן פנים. יעדעס מאל, אז ער האט געקוקט אויף איהר, האט ער אויסגע־זעהן, ווי א יוד אויף א חתונה, וואס קען נישט קומען צו זיך פון גרויס תענוג, און אז עס האט זיך בעוויזען איהר מאמע, איז זי

געווען שטיל און איינגעהאלטען, און נאר איהרע אויגען האבען צו מיר איינעם גערעדט:

— גוט, גוט...

און זי האט זיך שוין אזוי ארומגעדרעהט ארום אונז מיט די גוט-גוט-אויגען, פון וואס מיר איז געווען נישט גאר אנגענעהם.

אין אווענד האט מיר דבורה'לע דערצעהלט מעשה'ליך. איך בין געלעגען אויף איהר בעט, דער לאמפ האט געברענט אויפ'ן טיש, אויף די ווענד זענען געהאנגען שאטענס, שטילע און פריינדליכע, אונטער'ן פענסטער האט זיך דער אווענד געגאסען און גע-גאסען, א שווארצער, א טיעפער און אנ'איבינער. און דבורה'לע איז געזעסען נעבען מיר אויפ'ן בעט, מיט דעם קאפ שווארצע בויגעליך, א קלארע און אנ'אונשולדיגע, ווי א גרויס קינד, וואס האט זיך נאר-וואס ערגעץ טובל געווען אין א ריין וואסעריל. אויפ'ן וואנד, אנטקעגען איהר, איז געשטאנען איהר שאטען, מיט א סך בויגעליך אויפ'ן קאפ, א בריטער און א צוצויגענער, און קוקענדיג אויף איהם, האט זיך געוואלט לאכען. נאר דבורה'לע האט געהיט, איך זאל זיין אויפמערקזאם, און איהר קול האט זיס אין ווייך געקלונגען איבער'ן צימער, פונקט ווי עמיץ וואלט פא-מעליך אנגעריהרט א זילבערנע סטרונע:

— איז געווען א מלך, הערסט, א מלך א שטארקער, א שענער און א יונגער. הערסט... האט ער געקעניגט איבער א גרויסע מדינה... און א טאכטער האט ער געהאט...

דבורה'לעס שאטען בעוועגט זיך קאמיש אויפ'ן וואנד, און איך הער, אז עס איז געווען א מלך, א שטארקער און א שע-נער, און איך הער אין דערזעלבער צייט, ווי פויערים ריידען אי-בער'ן וואנד מיט דבורה'לעס טאטען, און ביי איין פויער איז דער קול א גרילצענדיגער און א שארפער, פונקט ווי מען וואלט דארט געשטויסען גלאז, און עפעס דאכט זיך, אז אט דער פויער האט דאס גאנצע לעבען זיינס געמוזט עסען שלעכטעס שווארצעס ברויט מיט-נישט.

— איז די טאכטער זיינע געגאנגען אין וואלד שפאצירען, הערסט? איז אנגעגאנגען א חיה-רעה, הערסט?...

און דבורה'לעס אויגען זענען גרויס, און צוויי קייקעליך פייער טוקען זיך אין איהרע שווארצלען, און זיי די קלארע דורכזיכטיגע באקען פאלט-צו א ראזקייט, און מיט אנ'אמת מוז זיך איהר אוראי דאלטען, אז זי זעהט די טאכטער, די חיה-רעה און דעם וואלד, און איך הויב אויף דעם קאפ פון קישען און פרעג:

— דבורה'לע, האט איהר די חיה-רעה שלעכטס געטהאן? ...

V.

עס איז געקומען די ערשטע בלויע נאכט. ביי־טאג האט געשיינט די זון, און פארנאכט, אז זי איז פערגאנגען, איז געווען א רויטער ברעג הימעל, און איצט האט זיך צוצויגען א בלוי זיידענעם פון איין האריזאנט ביז'ן צווייטען. אין דעם דאזיגען זיידענם זענען געווען אריינגעשטאכען גאלדענע שטערענדליך און עס איז געווען אנגענעהם צו געהן אונטער אזא נייעם הימעל און צו קוקען אויף איהם. א בלויער שיין האט זיך געלעגט פון איהם אויף דער ערד און דער דינער אייז, וואס איז צו נאכט געבוירען געווארען, האט ערטערווייז געפינקעלט ווי א שפיגעל אין א דונקעלען צימער. אין לופטען האט געוועהט מיט פריהלינג, דאס איז ער, קענטיג, נאר-וואס געקומען. עס קען זיין, אז אט די רגע איז ער געקומען—און האט אנ'אטעם געטהאן. איהם איז נאך קאלט, דעם פריהלינג, איהם מוז זיין צו-ניי און צו-פרעמד דאס ארט, ער האט זיך נאך נישט איבערגעטהאן, נאר ער וועט דא בלייבען, ער וועט שוין נישט אוועקגעהן. דאס האבען געזאגט די ציטריגע יונגע שטערענדליך, דער בלויער הימעל און די קלארע לופט.

אין מיין ארעם איז געלעגען דבורה'לעס האנד, און מיר האבען שפאצירט ארום שטוב. איך האב זיך דערמאהנט, אז איצט בייט זיך די פרויען-מאדע, אויסגעפוצטע מיידליך בעלעבען די גאסען פון שטאדט, עס שמייכעלט אויף זיי דער פריהלינג, און איך האב מיך עטוואס פער-

בענקט נאָך דער שטאָדט . נאָר מײַן בענקעניש איז באַלד צורונען געוואָרען . אַרום מיר איז פאַרהאַן אַזוי פיעל הימעל און שטערען , אַזוי פיעל האָריזאָנט און קלאָרע לופט, אַזוי פיעל נאַכט און שווײַגען, און אין דבורה'לען, וואָס איהר האַנד ליגט אין מײַן אָרעם, איז פאַרהאַן אַזוי פיעל מײדעלשער רײץ און חן—דאַרף איך דען די שטאָדט מיט איהר טומעל און געלאַף , מיט איהרע טראַמוואַיען און מענשען-ווירוואַר ? און ווער זאָגט עס , אַז עס זענען דאָ שטעדט ? נישטאָ קײן שטעדט . די גאַנצע ערד איז אַ דאָרף , אונזער דאָרף , און איך מיט דבורה'לען שטעהען , די אײנציגע צווײ לעבעדיגע וועזענס , אין דער שטילער נאַכט , אונטער דעם דאָזיגען הימעל , און דאָס גליק וויקעלט זיך אַרום אונז בײדען און טוליעט אונז אײנם צום צווײטען , און איך טראַכט וועגען דעם , ווי אַזוי איך וועל פערברײנגען זומער מיט דבורה'לען . בעגינען וועל איך קומען זי אויפוועקען . די זון וועט אויפשטעהן אַ רויטע און פערגיסען דעם הימעל מיט פורפור , פויגליך וועלען טשוויטשערען פון בוימער און גראָז , פויערים וועלען טרײַבען די טשערעדעס אין וואַלד אַרײַן , אַ דינער שטויב וועט זיך רויטלען פון דער פריהמאָרגענדיגער זון , עס וועט זײַן פרײַ אין פריש , ווי די ערד וואָלט אַקאָרשט געבוירען ווערען , און איך מיט דבורה'לען וועלען געהן לײַכט אָנגעטהאָן , האַלטענדיג זיך פאַר די הענד , אויפ'ן שמאָלען שטעגעלע , צווישען גרינעם גראָז און טהוי און זון-אויפגאַנג , און געהן וועלען מיר עס אין וואַלד , וואו עס איז דאָ אַ שיפעל און אַ טײַך , נאָר דאַכטען וועט זיך אונז , אַז מיר געהען אַלץ העכער און העכער , אין פורפור פערגאָסען , פון געזאַנג דורכגענומען , עפעס אויף אַ הויכען לופטיגען באַרג , אלץ העכער און העכער , אַז מיר געהען אויפ'ן הימעל .

— וואָס בעגעהרסטו ? — פרעגט דבורה'לע מיט אַ געהײמען שטילען קול , ווי פון אַ מעשה'לע אַרויס . — וואָס בעגעהרסטו ?

און עס ציטערט איהר עטוואָס אַ בוינגעלע האָהר בײַם שטערן , און די בלויקײט פון הימעל שפיגעלט זיך אינ'ם פײַער פון איהר אויג . איך דריק שטאַרקער איהר האַנד אין מײַן אָרעם , איך זויג אײַן איהר אָטעם און איהר בליק , און איך

וויים נישט, וואס איהר צו ענטפערן. נישטאָ קיין ווערטער. פערלאנגען זענען דאָ—און קיין איין וואָרט איז נישטאָ! און זי פער־שטעהט עס און טוליעט זיך צו מיר היים, ליידענשאפטליך און שולדיג־אונשולדיג, און איבער׳ן קאפ איז אזוי פיעל בלויער הי־מעל, אזוי פיעל גאָלדענע ציטריגע יום־טוב׳דיגע שטערען און אזוי פיעל פרייער שטילער שטח.

און אז מיר זענען אריינגעגאנגען אין שטוב, האט דאָרט לוסטיג געזאָדען דער סאמאָוואר אויפ׳ן טיש, עס איז געווען צו־ליכטיג אין צימער, דבורה׳לעס טאטע האט אויסגעזעהן ווי א צופרידענער, און אז מיר האבען זיך געזעצט ביים טיש, האט ער מיר צוגערוקט א טעצעלע ווארעניע צו מיין טהיי און מיט א גראבער, אפענער ישוב׳ניקסער שטים געזאגט:

— מיינס א קינד האב איך ליעב אויסצוגעבען ווי א מלכה. נדן פון דער פולער האנד... מסכים!

—און—
מאנטרעאל.

נייעס אין דער יודישער ליטעראַרישער וועלט נייעס

עס איז שוין ערשינענען פון דרוק דאָס בערימטע ווערק

„מאָמענט־פאָטאָגראַפיעס"

פון מ. ספעקטאָר.

אין דעם אָריגינעלען ווערק ווערט גענוי בעשריבען און חאַראַקטעריזירט דאָס לעבען און שאַפען פון די אַלע אונטען־אויסגערעכענטע שריפטשטעלער און דיכטער.

אַט די פעראַנטוואָרטליכע אויפגאַבע ווי מאָמענט־פאָטאָגראַפיעס האָט נאָר געקאָנט נעמען אויף זיך אַזאַ טאַלאַנטפאָלער שריפטשטעלער ווי ה׳ מ. ספעקטאָר, וואָס פאַר זיינע אויגען זענען אין די לעצטע 30 יאָהר אויסגעוואַקסען און אויפגעבליהט אונזערע בעסטע יודישע שריפטשטעלער און דיכטער.

ה. מ. ספעקטאָר׳ס אויפגאַבע אין דעם נייעם אָריגינעלען מייסטער־ווערק, וואָס איז ווירקליך אַ נייעס אין דער יודישער ליטעראַטור איז, אַז דער לעזער דאַרף נישט נאָר לעזען, נאָר דאַרף אויך קאָנען אונזערע בעסערע שריפטשטעלער און דיכטער, פון וועלכע מיר הערען גאַנץ אָפט און לעזען זייערע ווערק, נישט האָבענדיג קיין מינדעסטען בעגריף וועגען זייער לעבען און שאַפען. דיעזעס זעלטענע ווערק „מאָמענט־פאָטאָגראַפיעס" גיט דעם לעזער אַ בעגריף וועגען לעבען, שאַפען, דענקען פון די פאָלגענדע גרעסטע יודישע שריפטשטעלער און דיכטער:

אבראַמאָוויטש ש. י. (מענדעלי מוכר ספרים). אחד העם (אשר גינזבורג). אש שלום. ביאַליק ח. נ. בן עמי (ראַבינאָוויץ). דינעזאָהן יעקב. ווינטשעווסקי מאָריס. ליליענבלום משה ליב. ליעסין אברהם. נאָמבערג ה. ד. סאָקאָלאָוו נחום. ספעקטאָר מ.

קאטאלאג פון בוכהאנדלונגס-פערלאג א. גיטלין, ווארשא, נאלעווקי
איוואנאווסקי באזאר נומר 1.

פינסקי דוד. פרוג ש. פרישמאן דוד. פרץ י. ל. צייטלין הלל.
רייזען אברהם. שלום עליכם.

מיט אלע זייערע פאטאגראפיעס.

זעהר שעהן געדרוקט, פרייז נור 35 קאפ'. אין פראכט-באנד 60 קאפ'.
פארטא נאך 10 קאפ'.

מיט בעשטעלונג זיך צו ווענדען:

בוכהאנדלונג א. גיטלין, ווארשא, נאלעווקי, איוואנאווסקי באזאר.

די פערבלאנזעטע

פון מ. ספעקטאר.

(ערצעהלונג)

אוים דעם לעבען פון יודישע פערפיהרטע טעכטער אין די קלויסטערס און מאנאסטירען.

די פערבלאנדזעטע פיהרט אונז אריין אין אזעלכע פערבארגענע ווינקלען, פון לעבען, וואו זעלטען קוקט אהין א זייטיג מענשליך אויג.

די פערבלאנדזעטע ווייזט אונז גענוי דאס לעבען פון יודישע טעכטער בכלל און פון אלגעמיינעם לעבען בפרט אין די קלויסטערס און מאנאסטירען.

אין די פערבלאנדזעטע פון מ. ספעקטאר זעהען מיר אלע איינצעלהייטען פון אונזערע יודישע טעכטער, ווי אזוי זיי ווערען פערפיהרט, זייער לעבען אין די קלויסטערס, זייער אהין און צוריק ציהען, זייער חרטה האבען און אויך אלע זייערע איינדריקע.

די פערבלאנדזעטע, איז א מייסטער-ווערק פון א נ'אמת'ן יודישען קינסטלער.

10 דרוק-בויגען פרייז נאר 50 קאפ. פארטא נאך 10 קאפ.

„גיטלין׳ס פאלקס־ביבליאטעק“.

ביז איצט זיינען ערשינען פאלגענדע ביכער:

1) „מאמענט־פאטאגראפיעס“. אין דעם דאזיגען בוך האט זיך דער לעזער
ליכט און אין קורצען בעקאנט, ווי אזוי עס שרייבען און דיכטען אונזערע
בעסטע שריפטשטעלער און דיכטער. צוזאמענגעשטעלט פון מ. ספעקטאר.

פרייז 35 קאפ.

2) „דאס בוך און דער לעזער“ (זאמעלבוך), רעדאגירט דורך א קאלעגיום
שריפטשטעלער, פראכט־אויסגאבע.

פרייז 50 קאפ.

3) „די פערבלאנדזשעטע“. א גרויסע ערצעהלונג, אין וועלכער עס ווערט גע־
שילדערט דאס לעבען פון גע׳שמד׳טע יודישע טעכטער אין די קלויסטערס
און מאנאסטירען, פון מ. ספעקטאר.

פרייז 50 קאפ.

4) „פרעה“, א גרויסער היסטאריש־קינסטלערישער ראמאן פון דעם בעליעבטען פוילישען
שרייבער באלעסלאוו פרוס אין 3 טייל און ענטהאלט 1295 בוך־זייטען.

פרייז 1 רובל.

5) „דער רעדאקטאר“. א זעלטען־שענער און שפאנענדער ראמאן פון קנוט
האמסון.

פרייז 50 קאפ.

6) „דער עוויגער יוד“. א פאפולערער ראמאן אין 6 טייל פון איזשען סיו
(4־טע פערבעסערטע אויפלאגע).

פרייז 1 רובל.

7) „די שבועה“ (דראמא אין 4 אקטען), פון יעקב גארדין.

פרייז 30 קאפ.

8) „דער אינטעליגענט“ (דראמא), פון פרץ הירשביין.

פרייז 20 קאפ.

9) „פאריז“ (ראמאן) פון עמיל זאלא.

„ 75 קאפ.

10) „אין שווערע מינוטען“ (לידער) פון יוסף קאפלאן, פראכט־אויסגאבע.

פרייז 40 קאפ.

עס דרוקט זיך און קירצליך ערשיינט נאך פיעל נייע ביכער
פון די בעסטע יודישע און אייראפעאישע שריפטשטעלער.

צו בעקומען אין אלע בעסערע בוכהאנדלונגען.

מיט בעשטעלונגען זיך צו ווענדען: בוכהאנדלונג א. גיטלין ווארשא נאלעווקי № 1
(איוואנאווסקי באזאר).

טעלעפאן 31־59.

Книжный магазинъ Э. Гитлина. Варшава, Налевки № 1
(Ивановскій базаръ).

פערלאג א. ניטלינגס פאלקס-ביבליאטעק.

נאַרדוי'ם מעשה'ליך.

די דאָזיגע מעשה'ליך זענען פאַר קינדער און פאַר גרויסע. דאָס קינד וועלען פערא־נטערעס־רען די קאָמישע האַנדלונגען, די רירהרעווודיגע סצענעס, וואָס ברענגען אַזוי צום לאַכען. שוין באַלד אין אָנהויב פון דער „מעשה מיט קעץ, וואָס האָבען קיין מייז נישט געוואָלט חאַפּען", ווילט זיך לאַכען. אָט ווי עס ווערט געשילדערט: „זי (די גרויסע קאַץ) איז געוועזען די מאַמע פון פינף ריי־צענדע קעצליך, אַ שוואַרצע, וואָס האָט געהייסען מיזע, אַ ווייסע, וואָס האָט געהייסען ליזע, איינע האַלב שוואַרץ, האַלב ווייס, וואָס האָט געהייסען פור, איינע מיט ברוינע און גרויע פלעקען, וואָס האָט געהייסען מור, און איינע מיט שוואַרצע און גרויע פּאַסען, וואָס האָט געהייסען הינץ. פור און מור און הינץ זענען געווען קאָטערס, ליזע און מיזע — קעצליך. אַלע צוזאַמען, ברידער און שוועסטער, זענען נאָך געווען הדר־קינדער. זיי האָבען שוין געקענט ברומען און בורטשען, יאָמערן און מיאַוקען, קלעטערן און מיט די נעגעל קראַצען, זיך דאָס פעל רייניגען און מיט אַ בענעצ־טער לאַפּע דאָס געזיכט וואַשען. איצט האָט זייער מוטער אָנגע־הויבען זיי מיט דער העכערער וויסענשאַפט בעקאַנט צו מאַכען. דאָס הייסט, זי האָט זיי געלערנט חאַפּען מייז. דאָס איז גאָר נישט לייכט געווען"... א. א. וו.

פאַר דעם דערוואַקסענעם מענשען ווידער ליגט אין די דאָ־זיגע מעשה'ליך בעהאַלטען אַ טיפער געדאַנק, אַ שאַרפזיניגע שטעל, אַנ'אַלעגארישע כונה, און נישט־ווילעדיג וועט ער נאָכדעם זיך פערטראַכטען וועגען וועלט און לעבען, וועגען מענש און דעם ארומיגען. און פאַר אונז יודען האָבען אָט די מעשה'ליך גאָר אַ בעזונדער חן: זיי האָט געשריבען דער ליבער ווייסער נאָרדוי, יענער שעניער מעכטיגער אייראָפּעאישער יוד, וועלכער איז אונז אַזוי טייער און נאָהענט...

פרייז 70 קאָפּ.